STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03421

DI HEYM UN DI FROY

Hayim Malits

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים מאליץ.

די הים און די פרוי

— פון —

חיים מאליץ.

פרייז $1.50

ניו יארק

1918

פארוערט

דיעזער בוך איז געשריעבען געווארען פיר די פרויען און גע־ווידמעט צו די פרויען, אלס א מאנומענט צו די גרעסטע וועלט־מארטירער, וועלכע געבען אוועק זייער גאנצעס לעבען פאר דער מענשהייט, און עס ווערט ליידער זעהר, זעהר וועניג אנערקענט.

אבער מיין ערנסטער וואונש איז, אז מענער זאלען דיעזען בוך לעזען; איך און איהר, און יעדער פערהייראטער מאן דארף דורכ־בלעטערען דיעזען בוך אם ווענינסטען איינמאל אין וואך. דער בוך איז א ריכטיגער שפיעגעל, וואס ציינט אונז, מענער, ווי מיר זעהען אויס.

ווען איהר וועט אמאל אין א פרייען אבענד דורכלעזען א פאר קאפיטלען פון דיעזען בוך, און וועט אויפהויבען אייערע אויגען און א קוק טהאן ווי אייער פרוי׳ס האר פאנגען אן גרוי צו ווערען און אויף איהר געזיכט ציינען זיך קנייטשען, דאן וועט איהר ערשט בעגרייפען וויפיעל געדולד און וויפיעל ליידען און מאטערניס אייער מלאך האט אריבערגעטראגען; איהר וועט דאמאלס האף איך, אוועקליינען דעם בוך, אויפשטעהן פון אייער טשער, און וועט צוגעהן אויף די שפיץ פינגער צום טשער וואו זי זיצט און א ליעב־ליכער הארציגער קוש וועט אבקלינגען איבער׳ן צימער, מיט א געפיהל ווי איהר וואלט ערשט נעכטען געהייראט.

איהר דארפט איהר דאן א ווארט ניט זאגען. די טרעהרען וועלען זיך איהר גלייך שטעלען אין די אויגען, און זי וועט וויסען, איהר הארץ וועט פיהלען, אז איהר ווערט א בעסערער מאן.

דער פערפאסער.

אינהאלטס פערצייכניס.

זייטע

צו בחורים און מיידלאך — — — — — — — — — — — — — 7
די מעלה פון הייראטען יונג — — — — — — — — — — — 10
דער פונדאמענט פיר א גליקליכען פאמיליען לעבען — — 13
די פערגעניגען פון פאמיליען־לעבען — — — — — — — — 16
ליעבע נאך דער חתונה — — — — — — — — — — — — 20
קארגשאפט אין אונגליק פיר א פאמיליע — — — — — — — 24
דער פאמיליען־טיש — — — — — — — — — — — — — 28
א גוטער מענש און א שלעכטער מאן — — — — — — — 32
ווען די מענער־וועלט שלאפט — — — — — — — — — — 35
די מוטער און די היים — — — — — — — — — — — — 39
וואס הייסט א הויז־ווירטהין — — — — — — — — — — 43
ליעבע און אויסרעכנונג — — — — — — — — — — — — 48
דער מלך און די מלכה — — — — — — — — — — — — 52
טהרת המשפחה — — — — — — — — — — — — — — 55
די טאטעס און די קינדער — — — — — — — — — — — 58
ווי אויסצומיידען פאמיליען טראבעל — — — — — — — 63
אלעס איז איינעם איז נימא ביי קיינעם — — — — — — 68
מוטערס און קינדער — — — — — — — — — — — — — 70
וואו פרויען זיינען אונגערעכט — — — — — — — — — 75
די גרויסע זינד געגען פרויען — — — — — — — — — 79
ווען קינדער הארעווען טאטע־מאמע — — — — — — — — 84
ווען א מיידעל איז אין טראבעל — — — — — — — — — 87
ארימע און רייכע מיידלאך — — — — — — — — — — — 91
א בלבול אויף אייגענע קינדער — — — — — — — — — 95
די ווירטהין וואס רואינירט זיך און איהר פאמיליע — — 98
די פרוי אין געזעלשאפט — — — — — — — — — — — 101
וואס זאל אזא פרוי טהאן? — — — — — — — — — — 104
פון שוועסטער צו א שוועסטער — — — — — — — — — 108
דער בעסטער וועג געגען ערגסטען מאן — — — — — — 113

א בריוועלע דער מאמען — 117
די חסרונות וואס מענער געפינען אין פרויען — 121
וואס איז ליעבע — 125
פאר דער חתונה און נאך דער חתונה — 129
מיידלאך וואס שטעהען אין שידוכים — 134
אלע מענער זיינען גלייך — 138
א שטיעף מוטער — 142
א פרויען מעלה וואס מענער האלטען פאר א חסרון — 146
פערזעסענע מיידלאך — 149
שלעכטע פרויען — 153
פרויען — די פאעזיע פון לעבען — 158
יעדען דאכט זיך אז ביים צווייטען לאכט זיך — 161
די פראגע פון דרעססעס — 166
שווערע און לייכטע דאלארס — 170
אלעס הייסט א דזשענטעלמאן ביי לייטען — 173
וועט עס א פרוי טהאן? — 180
אידישע פרויען און אידישע צדקה — 185
שלעכטע מענער און שלעכטע פרויען — 187
העלדינען פון ראמאנען און דראמאס — 192
פאר וואס א פרוי ווערט נערוועז — 195
רעליגיאן און פאמיליען־לעבען — 199
די אלטע מאמע — 202
גערעכטיגקייט צו פרויען־ארבייטער — 206
שטראף־ווערטער פון א פריינד — 209
א שוויגער פרעגט א שאלה — 214
פרויען וואס מאכען זיך אליין אונגליקליך — 218
ווייבערשע טרערען — 222
די אשת איש (ראמאנטישע לעגענדע) — 226
מענער שרייבען געזעצע און פרויען היטען זיי — 234
אונדאנקבארע פרויען־ארבייט — 238
האנדלען מציאות — 241

צו בחורים און מיידלאך

איך הויב אן דעם ערשטען קאפיטעל פון מיין בוך מיט א הארץ־צו־הארץ געשפרעך צו מיידלאך און באים, וועלכע שלאגען זיך מיט דער דעה און קענען זיך קיין עצה ניט געבען, אויב עס לוינט זיך צו חתונה האבען און פיהרען א שעהנעם פאמיליען לעבען, ווי גאט האט געבאטען, אדער ניט.

איך בין א איד, קאטארי, וועלכער האט שוין אפגעלעבט א היבשע ביסעל יאהרען, און איהר מעגט זיך אויף מיר פערלאזען, אז איך רעד ניט פון ארבעל. איך וויים וואס איך זאג. פאלגט מיך, קינדער, טראכט ניט פיעל. האט חתונה, וועט זיין אז וואהל צו אייך!

עס איז ניטא און עס קען ניט זיין אויף דער וועלט קיין בעסערע זאך ווי א היים. און א היים — די היים וואס דער אמעריקאנער רופט „האום סוויט האום" — איז נור דארט, וואו עסווארט אויף אייך אייער פרוי, אדער אייער מאן.

נעווער מיינד וואס איהר וועט האבען צרות נאך דער חתונה. איך וויל גאר ניט טרייען אייך איינצורעדען און אייך צוזאגען, אז איהר וועט אייער גאנצען לעבען ניט וויסען פון צרות און עגמת נפש. אבי לעבען, קיין צרות וועט איהר ניט זשעדנע זיין, אבער איהר וועט זיי סאי־ווי־סאי האבען. דאס וואס איהר וועט זיצען סינגעל איז נאך גאר קיין אינשורענס פאליסי ניט געגען צרות. דער מילאך וואס פעדעלט ארום מיט פעקלעך צרות האט פאר יעדען איינעם א פעקעל און פאר סינגעל לייט צוויי, און איהר קענט

מיר גלויבען אויף נאמנות, אז די צרות פון א פערהייראטהען מענ־שען זיינען טויזענד מאל זיסער ווי די זאגענאנטע פערגעניגען פון א סינגעל מאן.

איהר קענט דאך חלילה מיינען, אז איך וויל אייך, גלאט אזוי אין דער וועלט אריין, פערפיהרען אין אן אונגליק, אז איך האב צרות זאלט איהר אויך האבען, וועל איך אייך צייגען, אז די גרעסטע דענקער און פילאזאפען פון אלע צייטען האבען שטארק געהאלטען פון חתונה האבען.

„אין א וועלט אין וועלכער אלעם בעוועגט זיך, זאגט י. מישעלע, אין א וועלט וואו אלעס טרייסעלט זיך און ווארפט זיך, דארף מען האבען באטש איין פלאטץ, וואו מען זאל קענען זיצען פעסט, און אזא פלאץ איז די היים וואס דער מענש בויט פאר זיך. די היים איז אבער ניט פון שטיין און אייזען ווי מאנכע מיינען. די היים איז א ווייבע הארץ — דאס הארץ פון א פרוי".

„איין שטונדע א גליקליכע אין פאמיליען לעבען, זאגט דזשארדזש עבערס, איז מעהר ווערטה ווי די גאנצע אייביגע אונ־שטערבליכקייט".

„דאס צוזאמענלעבען פון מאן און ווייב, זאגט געטהע, איז דער אנהויב און דער סוף פון דער גאנצער קולטור. עס מאכט דעם רויהען מענשען מילד און דער געבילדעטער מענש האט ניט קיין בעסערע געלעגענהייט צו בעווייזען זיין מילדקייט ווי נור דעם פאמיליען לעבען".

„איז נור דא א מעגליכקייט, אז די ערד זאל זיין א הימעל, זאגט מאריא פאן עבנער־עשענבאך, איז זי עס אין דעם גליקליכען לעבען פון א פאר־פאלק".

„גאט האט אזוי געמאכט, זאגט אקטאוו פעליע, אז נור צוויי פרויען זאלען זיך מעגען בעשעפטיגען מיט'ן גליק פון א מאנס־פערזאן, זיין מוטער און די מוטער פון זיינע קינדער. חוץ זיי ביידע זיינען פאר איהם אלע אנדערע פרויען מעהר נים ווי שברות הלב און נארישע שמערצליכע חלומות".

איך וואלט אייך געקענט ברענגען גאנצע בערג מיט טעסטי־מאניעלס, אז חתונה האבען איז דער בעסטער מעדיצין אין לעבען, אבער איך גלויב, אז טיעף אין הארצען פיהלט יעדער מענש די ערהאבענהייט פון פיהרען א פיינעם פאמיליען לעבען, ווייל ס'איז א נאטור געזעץ, און געגען נאטור קען מען ניט געהן.

דאס לעבען פון א סינגעלמאן איז א גלות־לעבען. ער וואנ־דערט ארום פון איין פלאץ צום אנדערען, זוכט א לוסטיגע שטונדע, א גליקליכען מאמענט, און קען עס ניט געפינען. ווייל די אמת'ע ערהאבענע שמחת הנפש, אמת'ע פרייד און צופריעדענהייט, קען נור געשאפען ווערען דורך אן אייגענע היים.

א מענש איז ניט פון אייזען.

עס פאסירט מען ווערט אמאל קראנק. מען פיהלט ניט גוט. עס פאדערט זיך דאן אן אמת'ער הארץ־פריינד, וואס זאל זיך מיט אייך אינטערעסירען. א פריינד וואס זאל אייך בעלעבען מיט אמת'ע איבערגעבענע טרייהייט, איהר זאלט זיך ניט פיהלען, אז איהר זיינט אן עלענדער, אבגעבראכענער צווייג, הילפלאז פער־שליידערט און פערווארפען אין גרויסען שטורם פון לעבען.

איהר קענט זיין ארומגערינגעלט מיט טויזענדע פריינד און גוטע ברידער, וועט אין נויטה קיינער פאר אייך ניט טהאן דאס, וואס אייער פרוי און אייערע קינדער וועלען פאר אייך טהאן.

ווען איך געהט גוט, זיינען אייך אלע פריינד, און יעדער זוכט צו ווערען אייער גוטער ברודער. אבער זאל חלילה מיט אייך עפעס פאסירען, דאן גליטשען זיך לאנגזאם ארויס אלע פריינד איינציג־ווייס, און קומען מעהר ניט.

ווער בלייבט נעבען אייך?

אייער פרוי און אייערע קינדער, זיי פארלאזען אייך ניט.

ווען דער מענש נויטיגט זיך אין א ריכטיגען אמת'ען פריינד, געפינט ער איהם ניט אין ערגעץ, נור ביי זיך אין דער היים.

בויעט זיך א היים, סינגעל־לייט, האט חתונה!

די מעלה פון הייראַטען יונג

פון א קליינעם פאַלקס וויטץ און א קורצען גלייך־ווערטעל קען מען אפטמאָל זעהר פיעל לערנען.

אויב איהר געדענקט דרעהט זיך ארום א גלייך־ווערטעל אין דער פאָרמע פון א פראַגע און אַן אנטוואָרט:

— פאַר וואָס האָבען חסידים שעהנע ווייבער און די אריסטאָ־קראַטען האָבען געוועהנליך גרויסע מיאוס'קייטען?

דער תירוץ איז:

ווייל די חסידים האָבען יונג חתונה, כאַפּען זיי אוים די שעהנסטע.

אין דיעזען גלייך־ווערטעל ליעגט א גרויסער אמת.

די וואָס האָבען יונג חתונה נעהמען געוועהנליך יונגע מיידלאַך.

ניט ער און ניט זי האָבען נאָך געהאַט צייט גענוג זיך צו בעקאַנען מיט די פערשיעדענע שלעכטע וועגען, וואָס גלאַנצען פון ווייטענס ווי גאָלד און וואָס פיהרען אַם מעהרסטען צו א פינסטער־רען, פער'חושך'טען לעבען פיר אימער.

ריכטיג אין דער צייט ווען די יוגענד איז איינגעהילט אין פלאַמען און איז פערטיג נאָכצולויפען דעם שטן ביז'ן אָבגרונד — זיינען די צוויי יונגע זעלען אונשולדיג און ריין ווי געלייטערטע גאָלד, געגאַנגען צו דער חופּה.

די אמת'ע נאַטירליכע ליעבע, די ערשטע ליעבע, די פּאַעטישע זיסקייט פון דער היים, און די הייליגקייט פון פאַמיליען לעבען, האָט געווירקט צו האַלטען די פרוי אין א געזונטען, נאָרמאַלען צושטאַנד, אזוי אַז אפילו פון א מיאוס'ע מיידעל איז נאָך דער חתונה א שעהנע ווייבעל געוואָרען.

די נייע ניט־אידישע מאָדע, ניט צו הייראַטהען יונג, האָט אין זיך ניט קיין איינציגע מעלה.

ווען איהר וועט זיך צוקוקען וועט איהר זעהן, אַז די מעהרסטע עלטערע באָים און מיידלאַך זיינען נערוועזע חורבות, צובראָכענע שאַרבענס.

עס איז קיין קלייניגקייט ניט, ארומצוגעהן שטענדיג און קלעהרען און טראַכטען און דענקען : יא הייראַטהען ? ניט הייראַטהען ? טאָמער טרעפט מען ניט ? טאָמער אַזוי ? טאָמער אַנדערש ?

עולם כמנהגו נוהג. די וועלט געהט זיך איהר נאַטירליכען וועג. יעדע נאַטירליכע פאָדערונג לאָזט דעם מענשען ניט רוהען און דיעזע אונרוהיגקייט מאַכט פון דעם יונגען מענשען אַ תל־עולם.

זיינע אָדער איהרע, בעסטע יאהרען געהען אַוועק אין בויען לופט־שלעסער, אין מאַכען אַלע ווייל׳ע אַנדערע פּלענער צו בעוואָרענען אַ בלינדע צוקונפט, וואָס קיינער קען ניט בעוואָרענען, ווען מען זאָל אפילו זיין מיט טויזענד קעפּ.

דאָס לעבען פון עלטערע באָים און מיידלאַך איז אין אַלגעמיין ניט פעסטשטעהענר, פּראָזאַאיש און זעהר וואַכעדיג.

אַמאָל צופיעל לוסטיג, אַמאָל צופיעל טרויעריג און עלענד, און קיינמאָל ניט רעגעלמעסיג. — און ווילענדיג, אָדער ניט ווילענדיג קומט זיי אָפטמאָל אויס, זוכענדיג פערגניגען ביי זייערע גליקליכע פערהייראַטהע פריינד און בעקאַנטע, צו שפּיעלען די העסליכע ראָלע פון׳ם „שלאַנג אין גן עדן“.

דאָס טרויעריגסטע פון אַלעם איז דער רעזולטאַט פון אַזאַ לעבען.

זיי מעסטען נאָכהער אַלעם מיט זייער אייגענעם אָרשין, און קריעגען דעם פאַלשען און דעם געפעהרליכען בעגריף, אַז דער וועג פון פאַמיליען־לעבען איז אין אַלגעמיין פול מיט דערנער, און דער וואָרעם פון צווייפעל און אונזיכערהייט אין מענשליכע אָרענטליכקייט נאָגט און טאַטשעט אימער זיין האַרץ, אַזוי אַז זיי קענען

שוין קיינמאל ניט קומען צו קיין פעסטען בעשלום, אויב עס לוינט זיך יא, אדער עס לוינט זיך ניט צו הייראטהען.

אזעלכע מענשען ווערען אם ענדע איינגעהילט אין פעסימיזם. קוקען אויף אלעס מיט שווארצע ברילען, און זייער גאנצער לעבען איז ניט ווערטה א שמעק טאבאק, ניט פאר דער געזעלשאפט און ניט פאר זיי אליין.

לעבען זאל אונזער שולחן ערוך, דאס בוך פון אידישע זיטען און אידישע עטיקעטע.

„יעדער מענש, זאגט דער שולחן ערוך (סימן צ"ד סעיף א'), איז מחויב צו נעהמען א ווייב און צו האבען קינדער. דיעזע מצוה ווערט דער מענש מחויב ווען ער ווערט אלט אכטצעהן יאהר, און אז ער האט ניט חתונה ביז ער ווערט עלטער פון צוואנציג יאהר האט ער א גרויסע עבירה".

און איהר מעגט מיר גלויבען אויף'ן ווארט, אז מען קען זיך פערלאזען אויף'ן שולחן ערוך א סך מעהר ווי אויף אלע פער־שיעדענע מאדערנע פילאזאפיען, וואס פאנגען זיך אן מיט פראגען אויב ארימע לייט האבען רעכט צו ברייננגען אוי־דער וועלט קינ־דער, וואס זאלען דארפען ארבייטען שווער פיר א לעבען, און ענדי־גען זיך מיט ערפינדונגען פון ציוויליזירטע קאנאנען וואס קענען טויטען טויזענדע נפשות מיט איין שאס.

מיר וואלטען געהאט א סך א בעסערע און א גליקליכערע מענשהייט, ווען מיר וואלטען זיך אום אונזערע וויכטיגע לעבענס פראגען אביסעל אפטער בעראטהען מיט אונזער אלטען שולחן ערוך!

ווען א מאן פאנגט אן צו ליעבען א פרוי אין א פאמיליע, איז מערקווירדיג צו זעהן ווי ער הויבט אן ליעב האבען יעדען איינעם וואס איז פערבונדען מיט דער פאמיליע.

טהאקערעי.

דער פונדאמענט פיר א גליקליכען פאמיליען לעבען

דער מאן וועלכער מיינט ווירקליך צו בויען א גוטע, א גליק־ליכע היים פאר זיך און פאר זיין פרוי, דארף באלד נאך דער חתונה אבמאכען ביי זיך א פעסטען בעשלוס, אז קיין בעסערע פרוי ווי ז י י נ ע, איז אויף דער וועלט ניטא. דאס איז דער ערשטער און דער הויפט פונדאמענט אויף וועלכען עס קען זיך האלטען שטארק דער גרויסער און דער שווערער בנין פון פאמיליען לעבען.

דאן מוז דער מאן נעהמען אין אנבעטראכט, אז ווען א יונגע, אונשולדיגע מיידעל פערלאזט איהרע עלטערען'ס הויז ווייזט זיך איהר אויס, אז זי האט די גאנצע וועלט פערלאזען. ווי שטארק זי זאל איהר מאן ניט ליעבען, וועט איהר דאך אויף יעדען שריט און טריט פעהלען דער טאטע און די מאמע, וועלכע האבען פאר איהר אזוי פיעל געזונד און לעבען אוועקגעלייגט, איידער זיי האבען זי ערצויגען און געמאכט פאר א מענשען.

אין דער צייט ווען א מיידעל געהט צו דער חופה פערליערט זי טאטע מאמע; זי פערליערט אויך שוועסטער און ברידער און אלע פריינד און חבר'טעס וואס זי האט ביז יעצט געהאט; איהר איינציגער פריינד אויף דער גרויסער וועלט בלייבט דער מאן. ער דארף דאריבער זיין צו זיין יונגער פרוי ניט בלויז א געליבטער מאן, נור אויך א טרייע מאמע, אן איבערגעבענער פאטער, א ליעב־ליכע שוועסטער, א פריינדליכער ברודער, און אן אמוזירענדער חבר. ער דארף וויסען אז ער איז דער איינציגער וועלכער מוז זארגען, אז עס זאל איהר קיין זאך ניט פעהלען אין לעבען, ווייל זי האט מעהר קיינעם ניט ווער עס זאל אויף איהר אכטונג געבען. און ניט נור מוז ער איהר צייגען ליעבע, נור ער דארף זיין איהר ראטה־

געבער און קיין זאך דאַרף פאַר איהם ניט זיין צו שווער פאַר איהר צו טהאָן, ביז זי וועט לאַנגזאַם און דייטליך זעהן און פיהלען, אַז זי געפינט אין איהר מאַן איהר אמת׳ען גליק, איהר גאַנצע וועלט; דאַמאַלס קען ער זיין זיכער אַז ער האָט אוועקגעשטעלט דעם פונ־דאַמענט פון זיין פאַמיליען לעבען אויף אַ פעסטען און זיכערען באָדען, ניט נור וועט ער אַליין האָבען אַ גליקליכע וועלט, נור אויך די דורות וואָס וועלען פון אַזאַ פּאָר־פאָלק קומען, וועלען זיין גליק־ליכע אַנשטענדיגע מענשען, גאָט און לייט וועלען זיי מקנא זיין, און מען וועט אָנצייגען אויף זיי אַלס אויף אַ סעמפּעל פון פיינעם פאַמיליען לעבען.

נאַטירליך הענגט זעהר פיעל אָב אין דער פרוי. די יונגע פרוי מוז וויסען אַז דער מאַן האָט ריכטיג אַזאַ נשמה ווי זי. אַז אויך ער איז געווען אַ קינד ביי אַ מאַמע, וועלכע האָט איהם געצערטעלט און געהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ, און אַז אויך ער האָט געהענדיג צו דער חופה אויסגעביטען די אַלטע טרייע מאַמע, אויף אַ נייע יונגע ווייב — די מאַמע וועט איהם געוויס פעהלען, און עס איז דאַריבער די פליכט פון דער פרוי זי זאָל אַטענדען צו איהר מאַן מיט מוטערליכע צערטליכקייט און אויפמערקזאַמקייט, ווייל וואָס וועניגער ער וועט פיהלען דעם פערלוסט פון דער מאַמע׳ס טריי־הייט, אַלץ בעסער און געזונדטער וועט עס זיין פאַר דער פרוי, אַלץ מעהר וועט ער זי שעצען און אַלץ גליקליכער וועט זיין זייער פאַמיליען לעבען.

אַ פרוי וועלכע וויל אַבלעבען איהר וועלט גליקליך, ווען זי האָט נור עטוואָס פערשטאַנד, קען זי עס זעהר לייכט דורכפיהרען.

עס איז ניטאָ קיין זאך אין דער וועלט וואָס אַ פרוי קען ניט אויספיהרען ביי איהר מאַן, ווען זי ווייסט נור ווי אַרומצוגעהן מיט איהם. אַ פרוי קען מאַכען פון איהר מאַן אַלעס וואָס זי וויל, ווען זי פערשטעהט ווי צו האַנדלען מיט איהם. זי דאַרף ניט פערגעסען אין דעם הויפּט פּרינציפּ, אַז מאַן און ווייב זיינען איין לייב, און אַז דיעזעס לייב טאָר קיינמאָל ניט צוטהיילט ווערען דורך שלעכטע אויפפיהרונג.

אפילו ווען מען איז פּאַרטנער אין אַ ביזנעס, ווען מען וויל לעבען בשלום, מוז מען געווּיסע זאַכען פערקוקען, און זיך ניט וויסענדיג מאַכען, זאָנסט קומט עס אַלע ווײַלע צו קריעג און מחלוקת און די ביזנעס געהען צו גרונדע.

אמת, מאַן און פרוי האָבען גלײַכע רעכטע אין פאַמיליען לע־בען. לײַדער איז אָבער דער מאַן דער געלד־פּאַרטנער, דער פער־דיענער, דער ברויט־געבער. און דאָס איז פערבונדען מיט פיעל זאָרג, מיט אַ סך עגמת נפש. עס קומט אַן זעהר שווער און ביּ־טער צו בעזאָרגען די חיים אַז עס זאָל דער פרוי גאָר ניט פעהלען.

דער זעלבער מאַן, וועלכער קומט צו זיך אַהיים אַלס אַ קעניג, אַ בעל הבית, אַלס אַ בעזיצער פון אַ גליקליכען פאַמיליען טעמפּעל, אין וועלכען זיין פרוי רעגיערט אַלס די קעניגין — דער זעלבער קעניג, זיצט דעם גאַנצען טאָג ביי דער אַרבייט, אָדער ער שטעהט ביי זיינע ביזנעס ווי אַ שקלאַף און אַרבייט עבודת פרך, אַלץ פאַר זיין חיים.

ביי דער אַרבייט און ביי ביזנעס קומט אוים אָפט צו ליידען און צו דולדען פערשיעדענע ערניעדערונגען און בעליידיגונגען פון לייטע מיט וועלכע מען וואָלט זאָנסט אפילו ניט גערעדט — דער גאַנצער „איך“ ווערט פערלאָרען, און דער מאַן טראָגט אַלעס אַרוי־בער און מוז שווייגען, אוים מורא ער זאָל ניט בלייבען אָהן ברויט — דאָס אַלעס מוז די פרוי מיט פערשטאַנד נעהמען אין אָנבעטראַכט, און אָפט מאָל פערשווייגען דעם מאַן ווען ער קומט אַהיים לא עליכם׳דיג.

ניט אימער קען דער זאָגענאַנטער „קעניג“ דערצעהלען דער פרוי וואָס פאַר אַ ביטערער „שקלאַף“ ער איז אין פעקטאָרי אָדער אין סטאָרקע, און גליקליך איז די פרוי וואָס פערשטעהט ווי צו מאַ־כען פיהלען דעם מאַן אין די אייניגע שטונדען וואָס ער איז אין דער היים, אַז דאָ, אין זיין חיים אָם ווענינגסטען, איז ער אַן אמת׳ער קעניג. און דאָ געפינט ער זיין אמת׳ען גליק...

די פערגעניגען פון פאמיליען לעבען

די דאזיגע מענער וועלכע רעכענען אז דאס גאנצע לעבען בעשטעהט פון דאלערס און סענטען, פון איינגאהמען און אויסגא־בען, און אלעס איז ביי זיי א מסחר — זיי האבען מורא צו הייראטהען, ווייל זיי האלטען עס פאר א שלעכטען אינוועסטמענט.

זיי שטעלען זיך פאר, אז אלס א ביזנעס קען עס ניט זיין גוט, ווייל זיי נעהמען אריין א פארטנער וואס קומט אויסדריקליך מיט'ן אבזיכט זיך צו טהיילען מיט זייערע פראפיטען און אליין גאר ניט ביישטייערען צו די ביזנעס, ניט קיין קאפיטאל און ניט קיין ארבייט, פאלגליך איז עס א ביזנעס וואס לוינט זיך נור פאר די פרויען אבער ניט פאר די מענער.

דאס איז ניין־און־נייינציג פעלע פון הונדערט די אורזאכע וואס האלט צוריק פון הייראטהען פיעלע מענער וועלכע זיינען מאטערי־אליסטיש געזאנען.

אבער דער דענקענדער מאן בעגרייפט גאנץ אנדערס די וועלט און דאס לעבען. דאלערס און סענטען זיינען ניט די מלאכים וואס ברענגען גליק און צופריעדענהייט אין לעבען. לא טוב היות אדם לבדו, עס איז זעהר ניט גוט פיר'ן מאן צו זיין עלענד און אליין, ווי א שטיין, אהן א קאמפאניאן, אהן א חבר, אהן א פריינד, און אהן הערצליכע סימפאטי.

פאר מיליאנען דאלערס קענט איהר ניט קויפען די געטליכע בעגייסטערונג וואס א מאן האט פון'ם הייליגען געפיהל אז ער ארבייט פיר זיין ווייב און קינדער.

טויזענדע און טויזענדע מענער וואלטען געווארען שיכורים, טרעמפס און געמבלערס, ווען ניט דער געדאנק אז זיי האבען

ווייבער און קינדער צו סופּאָרטען, דיעזער געדאַנק האַלט זיי ביי זייער ארבייט און מאַכט זיי פאַר אנשטענדיגע מענשען.

דער יאָך פון ווייב און קינדער צו בעזאָרגען מאַכט פון אָרימע אָרבייטער קליינע ביזנעס לייט און פון קליינע ביזנעס לייט גרויסע מאַנופעקטשורערס.

פיר'ן אַנשטענדיגען מאַן זיינען ווייב און קינדער אַ שטענדיגע בעגייסטערונג. ער פיהלט אַז ער לעבט פיר עפּעס, ער האָט פיר וואָס צו שטרעבען, ער וויל זעהן גליקליך זיין פרוי און קינדער, און דאָס מאַכט איהם ניט בלויז פאַר א גוטען מאַן און פיר אַ טרייען פאָטער אין הויז, נור אויך פאַר אַ פיינעם מענשען אין גאַס און אין געזעלשאַפט.

אַ סינגעל מאַן, ווי רייך ער זאָל ניט זיין קען ער ניט זיין אַזוי גליקליך ווי דער מאַן וואָס האָט זיין אייגענע נעסט מיט טייבעלאַך, זיין אייגענע היים און זיין אייגענע פרוי און קינדער.

איהר קענט קויפען פריינד פאַר געלד אָבער זיי זיינען קיינמאָל ניט ווערטה דעם פּרייז וואָס איהר בעצאָהלט פאַר זיי, ביי'ם מינדעסטען טראָבעל פערלאָזען זיי אייך, און איהר בלייבט גאַנץ אליין סאַמע אין די קריטישע מאָמענטען ווען איהר דאַרפט האָבען איינעם וועמעס האַרץ עס זאָל קלאַפּען מיט אמת'ע סימפּאַטי און מיט טיעפע פריינדשאַפט צו אייך.

ווען דער מענש איז יונג און שטיפעריש קען ער נאָך אַזוי ניט פיהלען, וואָס עס מיינט אַ זיסע היים, און קען דאַן ניט אָבשאַצען די פולע ווערדע פון די פערגעניגען וואָס פאַמיליען־לעבען ברענגט איהם. ערשט ווען מען ווערט עלטער, דאַן בעצאָהלט דער איג־וועסטמענט פון הייראַטהען אַלעם וואָס דער מאַן האָט אין די ביז־נעס אינוועסטעט, נאָך מיט אַ גרויסען פּראָצענט.

מיר בעגעגענען אָפט אין די צייטונגען נייעס פון אַלטע רייכע בעטשלאָרס וואָס שטאַרבען מיט פערשיעדענע מיתה־משונות. מאַנכע פערגיפטען זיך אַליין, ווען זיי אנערקענען אַם ענדע זייער עלענד צווישען די גרויסע הויפענס געלד וואָס זיי בעזיצען, און זיי זעהען אַז אין דער גרויסער וועלט האָבען זיי קיין איינציגען מענ־

שען ניט, וואָס זאָל געבען אַ טיעפען קרעכץ פון האַרצען ווען זיי ווערען קראַנק, און מאַנכע ווערען ערמאָרדערט פון זייערע געקויפטע פריינד, וואָס טהוען עס, אום אוועקצורויבען זייער רייכטהום. זעלטען ווען איהר וועט געפינען אַן אַלטען בעטשלאָר, וואָס זאָל שטאַרבען אויף זיין געלעגער מיט אַ נאַטירליכען טויט, מעג ער זיין ווי רייך, און זעלטען ווען איהר וועט זעהן אַז נאָך זיין ארון זאָלען נאַכגעהן אַ פּאָר אמת׳ע פריינד, וואָס זאָלען ווירקליך פערגיסען אַ טרעהר אויף זיין קבר.

די גאַנצע וועלט מיט גאָלד קענען ניט בעצאָהלען די פערגעניגען וואָס אַן עלטערער מענש האָט, ווען זיין אמת׳ער פריינד, זיין ווייב, פרעגט ביי איהם: „וואָס הערט זיך מיין מאַן? איז דיר שוין אַביסעלע גרינגער אין האַרצען? האָט דיך דער הוסט שוין אַביסעל אַבגעלאָזט?“, ווען אַלטע מאַן און ווייב נעהמען זיך אונטער די הענד און געהען אין טהעאַטער, אָדער צו אַ קינד געוואָרען, און זי היט איהם, ער זאָל זיך חלילה ניט צוקיהלען, זיצט דאָן גאָט מיט אַלע זיינע מלאכים אין הימעל און קוועלען אַז פון פערגעניגען.

אַזעלכע פערגעניגען קען נים האָבען דער אַלטער בעטשלאָר מעג ער זיין רייך ווי ראָטשילד. ער קען פאַר זיין גאַנצען געלד ניט קויפען אַזאַ האַרץ פריינד ווי דער אָרימער אַלטער מאַן געפינט אין זיין פרוי, מיט וועלכער ער האָט אַלע זיינע יאָהרען דורכגעמאַכט, אונטער פערשיעדענע אומשטענדען אַמאָל בעסער, אַמאָל ערגער, אָבער עס איז איהם געבליעבען אַ האַרץ פריינד, וואָס איז אין די יונגערע יאָהרען געווען צו איהם אַ פרוי און צו די קינדער אַ מאַמע, און צו די עלטערע יאָהרען איז זי געוואָרען צו די קינדער אַ באָבע און צו איהם אַ מאַמע.

עס איז דעריבער אַן אונזין פיר מענער צו רעכענען, אַז היי־ראטהען איז אַ ביזנעס וואָס האָט צו טהאָן מיט דאָלערס און סענ־טען און מיט איינכאַהמען און אויסגאַבען. הייראַטהען איז דער בעסטער אינוועסטמענט וואָס אַ מאַן קען מאַכען. חייראַטהען איז אַ אינשורענס וואָס פערזיכערט אייך גליק און צופריעדענהייט

אייער גאנצען לעבען; ווען איהר זיינט געזונד און מונטער מאכט עס אייך פיהלען, אז איהר לעבט נים אומזיסט אויף דער וועלט, איהר האט א הייליגע מיסיאן דורכצופיהרען אין אייער לעבען — צו שפייזען ווייב און קינדער; און ווען איהר ווערט עלטער און שוואכער, און הויבט אן ווערען צוריק א הילפלאזע קינד, ווערט אייער פרוי דאן צו אייך ווי א מאמע, און אטענדעט צו אייך ריכ־טיג מיט דער זעלבער טרייהייט ווי אייער מאמע האט צו אייך אטענדעט ווען איהר זיינט געוועזן א קינד.

און אזוי ווי א מאמע קען מען פאר קיין געלד ניט קויפען, ווייל עס איז א זאך וואס מען קען ניט מעסטען מיט דאלערס און סענטען, אזוי קען מען הייראטהען ניט מעסטען מיט דאלערס און סענטען, ווייל אייער פרוי וועלכע וועט פריהער זיין א מאמע צו אייערע קינדער וועט צו די עלטערע יאהרען זיין א מאמע צו אייך אליין.

לא טוב היות אדם לבדו, געפינען מיר באלד ביים אנפאנג גלייך ווי דער ערשטער מאן איז בעשאפען געווארען. עס איז ניט גוט צו זיין אליין, עלענד ווי א שטיין אין אזא גרויסער וועלט. ווען איהר ווילט האבען א קאמפאניאן, א חבר, א פריינד, און א מאמע — האט חתונה!

הייראטה איז א מעדיצין וואס ווירקט פערשיעדען אויף גוטע מענער און אויף גוטע פרויען. ווען זי ליעבט איהם ניט גענוג איז די רפואה — הייראטה; ווען ער ליעבט זי אביסעל צו פיעל, איז אויך גוט די זעלבע רפואה — הייראטה.

טשארלס ריעד.

דאס הארץ פון א יונגער פרוי אין ליעבע, איז א גאלדענער ארון־קודש. נור אפט ליגט דארט א ליימענער אבגאט.

שילער.

ליעבע נאך דער חתונה

ימים טינט. און מיליאנען פוד פאפיער, זיינען שוין פערברויכט געווארען צו שילדערען די גרויסע מעכטיגע קראפט פון ליעבע.

און איהר קענט אייך זאגען וואס איהר ווילט, די אלע ראמאנען און די אלע פאעמען וואס זיינען ביז יעצט געשריבען געווארען וועגען ליעבע, האבען גארניט, אדער זעהר ווענינ, געהאלפען צו מאכען דאס פאמיליען לעבען בעסער, פיינער און ריינער ווי עס איז געוועזן בעפאר איידער מען האט וועגען ליעבע אזוי פיעל גערעדט, געשריעבען און געזינגען.

יעדער פראסטער איד און יעדע געוועהנליכע אידישע טאכטער, וואס האבען קיין ראמאנען ניט געלעזען, נור זיי האבען זיך געפיהרט ווי זייערע עלטערען האבען זיך געפיהרט, לויט דעם אידישען דין, האבען געוואוסט אז דער מאן דארף עהרליך האלטען דאס ווייב. און דאס ווייב דארף עהרליך האלטען דעם מאן און האבען גאר ניט געדענקט, אז עס קען אנדערש זיין.

ביז דער חתונה האט מען אמאל גאר ניט געוואוסט און ניט געדענקט פון ליעבע. די ליעבע האט זיך דאן אנגעפאנגען ערשט נאך דער חופה, דערפאר אבער האט עס אנגעהאלטען ביז׳ן טויט.

נאטירליך זיינען אימער געוועזן, און עס וועלען אימער זיין, אויסנאהמען. אבער אלס א כלל זיינען די גרויסע מאסען פון אידישען פאלק שטענדיג געוועזן גליקליך אין זייער פאמיליען-לעבען, ווייל זיי האבען ניט געלעזען, ניט געזעהן, און ניט געהערט פון אזעלכע שלעכטע ביישפיעלע פון פאלשקייט און אונטרייהייט, וואס מען בעגעגענט אין ראמאנען

עס זיינען דא דריי דינים אין אידישען שולחן ערוך וואס האבען אימער געווירקט צו האלטען שלום און פריעדען אין יעדע אידישע הויז.

דיעזע דריי דינים זיינען פאלגענדע:

1. מען דארף זיך היטען מען זאל ניט מצער זיין דאס ווייב מיט שלעכטע רייד, ווייל דער שטייגער איז פון א פרוי אז זי וויינט באלד, און השם יתברך איז שטארק מקפיד צו בעצאהלען דעם יעניגען וואס מאכט א צווייטען צו פערגיסען טרערען. (סימן ל"ח סעיף ד').

2. א מענש דארף שטארק עהרליך האלטען זיין ווייב, ער זאל ריידען צו איהר מיט ווייכע רייד, זאל זיך אויף איהר ניט בייזערען, ווייל די ברכה איז נור דא אין מענשען'ס הויז איבערן ווייב.

3. דאס ווייב דארף שטארק עהרליך האלטען דעם מאן, זאל איהם פאלגען און טהון אלעס ווי ער הייסט, נור ניט ווען ער הייסט איהר טהון שלעכטעס. (סימן צ"ה, ו' און ז').

די מיידלאך און די באים וואס לעזען א סך ביכער פון ליעבע, און וויינען און פרעהען זיך צוזאמען מיט זייערע ראמאנען־העלדען, קריגען דעם בעגריף, אז ליעבע איז עפעס אזא מין זאך וואס בע־הערשט מענשליכע הערצער נור ביז דער חתונה, ווייל ווען עס קומט צו דער חתונה איז שוין נאך'ן ראמאן. אלע ראמאנען ענדי־גען זיך געוועהנליך אדער מיט א חתונה, דאן הייסט עס זיינען די העלדען אלל־רייט, די ליעבע האט אבגעטהון איהרס, און א סוף, מזל טוב! אדער עס ענדיגט זיך מיט א טראגעדיע, דאן הייסט עס אז די ליעבע וואס איז געפיהרט געווארען פריהער מיט אזוי פיעל פייער און סכנות נפשות האט זיך אויסגעלאזט מיט גאר ניט.

אבער פון ליעבע נאך דער חתונה, פון ליעב האבען דעם אייגע־נעם מאן אדער די אייגענע פרוי ריכטיג, דערפון בעגעגענט מען גאנץ וועניג אין די ראמאנען, און עס איז דאריבער קיין וואונדער, וואס די מעהרסטע ליעבעס צווישען באים און מיידלאך קומען יעצט פאר דער חתונה, און אזוי שנעל ווי מען נעהמט אוועק די

פיער שטעקענס פון דער חופּה, אַנטלויפט די ליעבע ווי אַ פייל פון בויגען, און עס פאַנגט זיך אָן אַ סדרה מיט דיוואָרס אין קאָורט און אַ גט ביים רב.

איך וועל אייך דאַ ברייננגען אַ קליינע מעשה'לע פון מדרש, וואָס צייגט אַז די ליעבע איז אַמאָל אויך געווען ליעבע — אָבער ערשט נאָך דער התונה. און נור צווישען אייגענע מאַן און פרוי:

„געלעבט האָט גליקליך און צופריעדען אַ פּאַר־פאָלק, דערצעהלט אונז דער מדרש. צעהן יאָהר האָבען זיי צוזאַמען געלעבט. זיי האָבען פון קריעג און שנאה ניט געוואוסט. זיי האָבען געלעבט ווי די טייבעלאַך. דאָס איינציגע וואָס האָט זייער ליעבע פערביטערט, איז דאָס וואָס זיי האָבען קיין קינדער ניט געהאַט.

„צעהן יאָהר, אַז מען לעבט מיט אַ פרוי און מען האָט מיט איהר קיין קינדער ניט, איז דאָס אַ גענוגענדע אורזאַכע ביי אידען צו גט'ען זיך. דער רב וועט קיינע שוועריגקייטען מאַכען דעם מאַן וואָס וויל זיך גט'ען מיט אַן עקרה. און אַן עקרה הייסט יעדע פרוי, וואָס האָט צעהן יאָהר קיין קינדער ניט געבאָרען.

„אויך דיעזע פּאַר־פאָלק האָט בעשלאָסען זיך צו גט'ען.

„דער מאַן האָט געבענקט נאָך אַ קינד און דאָס פּאַר־פאָלק האָט מיט גוטען צווישען זיך אָבגעמאַכט אַלע פּלענער פון דעם גט.

„וועהרענד דער מאַן האָט צו איהר גענומען רעדען וועגען דער פערטהיילונג פון זיין פערמעגען, איז זי געזעסען און האָט ביטער געוויינט. איהר האָט גאָר ניט אויסגעמאַכט אויב זי וועט קריגען מיט עטליכע דאָלער מעהר אָדער ווייניגער, וואָס פאַר אַ ווערטה האָט עס געגען דעם וואָס זי פערליערט איהר ליעבען מאַן.

— הער אויס, מיין פרוי, האָט איהר ענדליך דער מאַן געזאָגט. איך האָב מיט דיר אָבגעלעבט צעהן יאָהר בשלום ובשלוה, איצט מוזען מיר זיך שיידען. איך וואָלט וועלען אויסטהיילען אונזער פערמעגען, אָבער דאָס וואָלט פון מיין זייט אַן אומרעכט געווען. איך וועל זיך בעסער געהן צולייגען שלאָפען, איך בין זעהר צוטראָגען און נידערגעשלאָגען. איך מוז זיך אביסעל צולייגען אָברוהען, און דוא נעהם און קוק גוט איבער אַלעס וואָס איז דאָ אין שטוב,

קלייב דיר אוים די בעסטע און די טהייערסטע זאך וואס דיר איז ליעבער און טהייערער, און נעהם און שיק עס אוועק צו דיינע עלטערען אין הויז.

„ווען דער מאן איז איינגעשלאפען, דערצעהלט ווייטער דער מדרש, האט די פרוי גערופען צוויי שטארקע לייטע און האט זיי געהייסען אז זיי זאלען שטילערהייד און גאנץ פארזיכטיג איבער־טראגען דאס בעט מיטן שלאפענדען מאן צו איהרע עלטערען אין הויז.

„אין דער פריה, ווען דער מאן האט זיך אויפגעכאפט, האט ער צו זיין גרויס איבערראשונג דערזעהן אז ער איז ניט ביי זיך אין שלאף־צימער, נור ביי זיין שווער אין הויז. זיין פרוי איז געזע־סען נעבען זיין בעט פערטיעפט אין טרויער, און ווען ער האט ביי איהר געפרעגט: „זאג מיר, מיין פרוי, ווי קום איך אהער?" האט זי איהם געגעבען פאלגענדע אנטווארט:

— דוא האסט מיר אליין געזאגט, אז איך זאל זיך נעהמען פון דיין הויז דאס וואס איז מיר דאס ליעבסטע און דאס טהייערסטע. קיין ליעבערס און טהייערערס פון דיר אליין, האב איך אין הויז ניט געפונען, און האב דאריבער דיך גענומען. איך האב געטהאן דאס וואס אלע גוטע און אנשטענדיגע פרויען טהוען — איך האב גע־פאלגט מיין גוטען מאן".

מעגליך, אז דאס איז בלויז א לעגענדע, אבער ווי נאבעל, ווי פיין, דאס שטעלט אונז פאר אין אן ערהאבענעם בילד, ווי ליעבע דארף זיין נאך דער חתונה!...

ליעבע פערטרייבט די קעלט בעסער ווי דער ווארימסטער אוועקאוט. עס דיענט פיר שפייז און פיר א בגד.

לאנגפעלאו.

מענער זיינען תמוז ווען זיי ליעבען און שבט ווען זיי הייי־ראטהען.

שעקספיער.

קאַרגשאַפט אַן אונגליק פאַר אַ פאַמיליע

לאַכען איז זעהר גוט און געזונד פאַר'ן מענשען. אַ גרויסער פילאָזאָף האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ווען אַ שטרוי, אַן איינפאַכע שטי־קעל שטרוי, קען קיצלען און מאַכען דעם מענשען צו לאַכען, איז דאָס שטיקעל שטרוי אַן אינסטרומענט פון גליק, און איז ווערטה אַ פערמעגען. חיות, ווילדע טיהרע, קענען ווינען ווען זיי ליידען, אבער זיי קענען ניט לאַכען.

דאָס לעבען איז דאָס וואָס עס איז — און ניט מעהר. עס קען ניט זיין בעסער, און ניט ערגער ווי איהר מאַכט עס אליין. עס איז זעהר קורץ. יעדער טאָג איז אַן און פאַר זיך אַ לעבען, ווייל מאָר־גען ווייסט איהר ניט וואָס עס וועט זיין. דאָס לעבען בעשטעהט פון „היינט" — ברוך ד' יום יום.

ווען איהר האָט היינט ניט געלאַכט, ווען איהר האָט היינט פערבראַכט אין זאָרג און עגמת נפש, האָט איהר דערווייל היינט שוין ניט געלעבט. און וואָס מאָרגען וועט זיין ווייסט איהר ניט, און איהר קענט ניט וויסען.

עס זיינען דאָ מענער וואָס זיינען שרעקליכע קמצנים. זיי זיינען אין נאַטור ניט שלעכט און זיינען ניט קיין נאַראָנים, נור זייער קאַרגשאַפט מאַכט אַ חורבן פון זיי און פון זייער פאַמיליען לעבען. אימער נור האָבען אַזעלכע מענער מורא פאַר'ן דלות. זיי זשאַלעווען דער פרוי אַן איבעריגען סענט צו געבען, צעהלען איהר ארוים יעדע פעני, און פערגינען זיך ניט דאָס לעבען היינט, טאָמער וועלען זיי מאָרגען ניט האָבען. זיי בעוויינען בעקלאַגען יעדען דאָלאַר וואָס געהט אַוועק, און בעגיסען מיט

טרעהרען די קרעפלאך וואס מען דערלאנגט זיי צום טיש, טאמער וועלען זיי מארגען ניט האבען קיין הערינג מיט ברויט.

אזעלכע מענער זיינען זעהר פעסימיסטיש, פערוויינטע נשמות; זיי לאכען אליין זעהר זעלטען און עס פערדריסט זיי צו זעהן ווען אנדערע לאכען. זיי וואלטען זיך ליעבערסט געלאזט יעדען טאג ארויסנעהמען א פאר ציינער איידער צו געבען דער פרוי א פאר דאלאר אויף דער הוצאה.

אם מעהרסטען זיינען אזעלכע מענער אויסגעדארט און אויס־געמאגערט ווי סקעלעטען. דאס זעלבע ווירקט זייער פעסימיזם אויך אויף זייערע פאמיליען, זיי מאכען א תל פון זייערע פרויען און קינדער, אימער רק אז עסק מיט זארגען פאר מארגען, דערוויל ווערט מען, נאטירליך, פון אזא סארט זארג־לעבען קראנק, און עס קומט דער דאקטאר און דער אפטייק און נעהמען אוועק אלעס וואס ווערט אנגעזאמעלט דורך אזא קארגשאפט.

יא, הונדערטע און הונדערטע מענער אזעלכע זיינען דא, וואס זייער קארגשאפט רואינירט זייער לעבען און דאס לעבען פון זייערע פאמיליען — און אט פאר דיעזע קארגע האב איך אז ערהאבענע געשיכטע פון מדרש איבערצוגעבען, און זיי מעגען דיעזע געשיכטע לעזען יעדען פריהמארגען ווען זיי שטעהן אויף פון שלאף און יעדען אבענד ווען זיי געהען צו בעט, ווייל מען קען דערפון זעהר פיעל לערנען:

אמאל איז א מאן געגאנגען אין א ווייטע וועג זוכען פרנסה.

געהענדיג האט ער דערהערט אז יעמאנד יאגט זיך נאך איהם. ער קוקט זיך אום זעהן ווער דאס איז און איז א פערציטערטער געווארען. ער האט דערזעהן אז דאס יאגט זיך נאך איהם א שטאר־קער, געזונדער, אויפגערייצטער לייב. ער האט אנגעהויבען אנט־לויפען און דער לייב נאך איהם. ער האט גענומען לויפען שטאר־קער שנעלער, און דער לייב לויפט איהם נאך.

נאך איין מינוט און דער לייב כאפט איהם און צורייסט איהם אין שטיקער.

מיט אמאל האט דער מאן דערזעהן א ברונען, און מיט דער שנעלקייט פון א בליץ איז ער אריין אין ברונען, ניט קלערענדיג וואס דארט וועט מיט איהם זיין, אבי אין דעם מאמענט זיך צו רעטען פון'ם לייב.

אין ברונען, צווישען די צאמרענעס, האבען ארויסגעוואקסען צוויי דינע צווייגלאך וואס האבען זיך דארט דורכגעשפארט פון א ווארצעל פון א בוים. אין דיעזע צוויי דינע צווייגלאך האט זיך דער מאן אנגעהאלטען ער זאל ניט ארונטערפאלען אין וואסער.

ער האט פרובירט א קוק טהאן ארונטער אין ברונען און די האר האבען זיך איהם געשטעלט קאפויר פון שרעק. ער האט דער־זעהן ווי דארט ליעגט זיך גאנץ רוהיג אן אונגעהייער גרויסער קראקאדיל, דאס מויל ברייט אפען, און ווארט הפנים מיט פולע זיכערהייט די צווייגלעך זאלען זיך איבערברעכען און ער זאל איהם גלייך אין מויל אריינפאלען.

דער קראקאדיל איז געווען אזוי זיכער אז דאס וועט געשעהן, אז דער מאן וועט פריהער־שפעטער זיינער זיין, אז ער האט די מינדעסטע בעוועגונג ניט געמאכט, קיין שום אנשטרענגונג ניט געצייגט, און מיט דער רוהיגקייט פון א קאלטען מערדער איז ער זיך געלעגען מיט דער אפענער מויל און מיט די אויגען געקוקט ארויף ווי דער מענש האלט זיך פעסט אין די צווייגלעך וואס ווערען אלע מאל שוואכער און שוואכער

און וועהרענד דער מאן איז אזוי געהאנגען און האט בעטראכט די שוואכע צווייגלעך, האט ער דערזעהן ווי עס שטעהן צוויי קליינע מייזעלעך, איינע א שווארצע און איינע א ווייסע, און גריזשען די צווייגלעך. טאמער איז נאך אזוי ווענויג העלפען זיי נאך אז די צווייגעלעך זאלען זיך שנעלער איבערברעכען.

דער מאן האט געזעהן אז זיינע מינוטען זיינען געצעהלט, באלד וועט ער זיין ביים קראקאדיל אין מויל. ער פיהלט שוין ווי די צווייגלעך ברעכען זיך און הערט ווי די מייזלעך גריזשען זיי, אבער וואס קען ער העלפען ?

מיט אמאל האט ער דערזעהן אויף די בלעטלאך פון די צווייג־לאך זיסע טראפענס האניג, און וועהרענד די מייזלאך האבען גע־גריזשעט די צווייגלאך און די צווייגלאך, אט־אט, ברעכען זיי זיך איבער, און ער פאלט ארונטער, האט ער גענומען טראכטען אויב עס לוינט זיך דערווייל אין דעם מאמענט וואס ער האלט זיך נאך אויף די צווייגלאך לעקען דעם האניג און קומען צום קראקאדיל אין מויל זאט און מונטער, אדער עס לוינט זיך ניט די גאנצע גע־שיכטע. ווער דארף דעם האניג, אז באלד פאלט ער ארונטער און עס בלייבט ניט פון איהם קיין שריד ופליט...

דיעזע וואונדערשעהנע ערהאבענע געשיכטע איז דער שפיעגעל פון'ם גאנצען מענשליכען לעבען.

דער לייב, דאס לעבען, יאגט זיך נאך'ן מענשען און ער, דער מענש, מוז לויפען און זוכען פרנסה, און זיך האלטען אן די שוואַ־כע צווייגלאך, וואס ווערען אלע מאל שוואכער און שוואכער פון דעם וואס זיי ווערען געגריזשעט פון די צוויי קליינע מייזעלאך. דאס שווארצע מייזעלע איז די נאכט און דאס ווייסע איז דער טאג. וואס מעהר א טאג מיט א נאכט עס געהען פאראיבער, אלץ שוואכער ווערען די צווייגעלאך פון מענשען'ס לעבען.

און דער קראקאדיל — דער טויט — ער ליעגט זיך רוהיג מיט דער ברייטער אפענער מויל און איז גאנץ זיכער אז דער מענש וועט שוין צו איהם קומען. לאנג וועט ער זיך אויף די צווייגעלאך ניט קענען האלטען. פריהער, שפעטער — ער איז זיינער!

די פראגע איז נור ביי'ם מענשען, וואס זאל ער טהאן אין דער קורצער צייט וואס ער הענגט אויף די שוואכע צווייגלאך פון לע־בען? זאל ער דערווייל לעקען דאס ביסעל האניג פון די בלעטלאך, אדער ער זאל ארונטערפאלען צום קראקאדיל אין מויל א הונגערי־גער, א פערוויינטער און א פער'חלש'טער?

דער אפטימיסט זאגט: וואס איז די יוז צו זארגען? גוט איז א חיי שעה! כל זמן שהנשמה בקרבו דארף מען לעבען און גע־ניסען פון לעבען!

דער פעסימיסט ווידער זאגט, וואס איז די יוז זיך נאריש צו מאכען און לעקען דעם האניג, אז אט־אט פאלט ער ארונטער צום קראקאדיל אין מויל אריין, אט שטארבט ער, היינט וואס וועט איהם שוין ארויסקומען אז ער וועט כאפען א לעק?

דער קארגער מאן, וואס האט רק מורא פאר'ן דלות און בע־קלאגט און בעוויינט יעדע פעני וואס ער גיט דער פרוי אויף דער הוצאה, זאל פון דיזער ערהאבענער געשיכטע ארויסנעהמען דעם מוסר השכל, אז דאס לעבען איז ניט אזוי לאנג ווי איהם ווייזט זיך אויס. די צווייגלאך זיינען שוואך, די מייזעלאך גריזשען זיי, און דער קראקאדיל ליעגט אונטען פערטיג, דאס מויל אפען און ווארט...

וואס איז די יוז צו קארגען און אימער רק צו ציטערען פאר'ן מארגען? לעקט דעם האניג, היינט!...

דער פאמיליען-טיש

פון גאנץ קליינע ציגעל ווערט צוזאמענגעשטעלט די גרויסע געביידע פון א גליקליכען פאמיליען לעבען.

דער פונדאמענט מוז אבער זיין א שטארקער און א פעסטער.

דער פונדאמענט איז שלום־בית.

וועה איז צו דעם הויז, וואו עס הערשט קריעג און אונאייניג־קייט צווישען מאן און ווייב.

א סך אנשטענדיגע מענער זיינען אראב פון דרך הישר, זיינען שיכורים און געמבלערס געווארען, נור איבער הויז־מחלוקת.

דער שווארצער טייוועל פון מחלוקת אין הויז האט שוין אויך פיעלע נאבעלע פרויען יונגערהייד צום קבר געטריעבען.

עס גיבט וויעדער קיין בעסערע זאך אויף דער וועלט ווי א גליקליכער פאמיליען לעבען.

אויב עס איז דא א זאך וואס קען אונז געבען א בעגריף וואס עס מיינט גן עדן, איז עס א גליקליכער פאמיליען לעבע׳

דעם מענשען׳ס לעבען איז זעהר קורץ. פון וויעגעלע צום קבר איז בלויז א פאר שפאן.

דער מענש קומט און ווייסט ניט צו וואס, ער געהט אוועק און ווייסט ניט וואוהין. אלעס — דאס לעבען און דאס „פון יענער זייט לעבען" — איז א טיעפע אייביגע געהיימנים, פערדעקט מיט א דיקען פארהאנג, דורך וועלכען קיין מענשליכע אויג האט נאך דערוויייל ניט געהאט די מעגליכקייט דורכצודרינגען.

גליקליך איז דער וועלכער האט אין ספר הזכרונות פון זיין לעבען צו פערצייכנען מעהר פרייד ווי זארג. גליקליך איז דער מאן וואס האט א זיסע היים וואו עס דרעהט זיך ארום א גוטע, טרייע, ליעבליכע פרוי, און וואו עס הערען זיך די פרעהליכע לוס־טיגע שטימען פון קינד׳ער.

ווי איך האב גלייך אין אנפאנג ערקלעהרט ווערט די גרויסע געביידע פון א גליקליכען פאמיליען לעבען צוזאמענגעשטעלט פון גאנץ קליינע ציגעל און די ציגעל ווערען געלייגט לאנגזאם — איינציגווייז. יעד׳ען טאג ווערט געלייגט א ציגעל, און פון טאג צו טאג ווערט די שעהנע געביידע גרעסער און העבער. ביז עס ווערט א סקיי־סקרעפער וואס גרייכט דעם הימעל.

עס זיינען דא זעהר פיעל קליינע זאכען, וואס מאכען א גרויסע וויכטיגקייט אין פאמיליען לעבען.

מיר וועלען נעהמען צום ביישפיעל דאס עסען צוזאַ־מען. עס איז, דוכט זיך, א קלייניגקייט, אבער עס איז איינע פון די וויכטיגסטע זאכען אין פאמיליען לעבען, אז די גאנצע פא־מיליע זאל זיך זעצען ביים טיש, אלע זאלען עסען צוזאמען. איך האב בעמערקט אין פיעלע הייזער, קומט דער זוהן צולויפען פון

דער ארבייט ווי א וויכער. און ווען ער האט נאך ניט איבערגע־שפאנט די שוועל, שרייט ער שוין אויף א קול:

— הארדי־אפ, מאמא, עסען, איך געה היינט צו א פייט!

די טאכטער וויעדער, קומט צולויפען:

— מאמא, גיכער, עסען! איך דארף אוועקגעהן!

און אזוי ווען עס זיינען דא אין א פאמיליע א פאר זיהן און א פאר טעכטער, כאפען אלע אב זייער סאפער איינציגווייז, איידער דער פאטער קומט, און עס ווערט שוין כמעט ווי א מנהג, אז די פאמיליע זאל ניט עסען צוזאמען.

אויסער דעם וואס דאס איז א שרעקליכער באדער, אפילו דארט וואו עס איז דא א דיענסט, צו שטעהן שטונדען לאנג ביים סינק און האלטען אין איין וואשען געשיר, און סערווירען צום טיש אלע ווײלע ווי אין א רעסטאראנט; אויסער דעם וואס טהיי־לענדיג אלעם אויף זיבעציג חלקים ווערט פון׳ם עסען א תל און קיינער האט ניט ריכטיג הנאה פון דעם סאפער, וועלכעס פער־שאפט דער מאמע א מאסע שמערצען, און זי מוז זיין צוגעבונדען צו דער קיך שטונדען לאנג, און קען ניט געהן אין ערגעץ און ניט זיך צולייגען אפרוהען, ווען זי איז מיעד פון א שווערען טאג אר־בייט, אויסער דיזעז אלע זאכען, מאכט עס לאנגזאם, אבער זיכער, א שיידונג צווישען דער פאמיליע. דער פאמיליען בונד ווערט צוריסען. און דאס איז דער אנהויב פון מבטל זיין די שעהנע מדה פון כבוד אב ואם.

עס מאכט אויך אז דער פאטער האט ניט קיין געלעגענהייט זיך דורכצורעדען מיט דער פאמיליע, אויפמערקזאם צו מאכען די קינדער אויף געוויסע פעהלערען וואס זיי בעגעהן, אדער אין געגענטהייל אונטערגעבען קוראזש און מוטה צו קינדער פאר גע־וויסע גוטע זאכען וואס זיי טהוען.

זיצענדעג ביים עסען, איז דער שטייגער אז די מאמע בע־קלאגט זיך אמאל אויף א קינד, דעם קינד אין די אויגען, און דער פאטער מוסר׳ט איהם אוים א ביסעל; אדער פערקעהרט, די מוטער דערצעהלט א חכמה, אדער א גוטע טהאט פון א קינד, און דער

טאטע קוועלט, און מאכט פערשיעדענע בעמערקונגען וואס ווירקען צו פערפיינערען די מדות פון אלע קינדער.

אויף אזא ארט און וויזע פיהלט זיך אין דער גאנצער אטמאס־פערע פון הויז די הייליגקייט און די שהנקייט פון משפחה.

נאטירליך איז דאס ניט עסען צוזאמען ביי פיעלע פאמיליען, אויך געקומען דערפון וואס דא אין אמעריקא איז נשתנה הסדר געווארען, אנשטאט טאטע מאמע זאלען מפרנס זיין זייערע קינדער, דענקען די קינדער דא אז זיי זיינען מפרנס טאטע מאמע, זיי צאה־לען דאך באארד, און זיי ווערען די גאנצע בעלי בתים אין הויז.

עס איז דעריבער איינע פון די וויכטיגסטע זאכען אין פאמיליען לעבען איינצוארדערען איינמאל פאר אלע מאל, אז אבענד צו סא־פער זאל די גאנצע פאמיליע זיצען צוזאמען ביים טיש. וואס פאר א קינד עס איילט זיך אוועקצולויפען פון דער היים און דער פייט איז ביי איהם טהייערער פון דעם טאטען, זאל ער לויפען א הונ־געריגער, נישט־קשה, איינמאל, צוויי מאל, ער וועט זעהן אז אהן דעם טאטען גיט מען קיין עסען ניט, וועט דאס אליין איהם בריינ־גען אבצוגעבען טאטע מאמע מעהר כבוד. און אם ענדע וועט עס ביי איהם זעלבסט זיין אנגעלייגט, וואס מען פיהרט איהם אויף א ריכטיגען וועג.

קליינע קינדער שרייען ווען מאמעס וואשען זיי, און גרויסע מענשען שרייען ווען גאט שטראפט זיי. דער צוועק איז דער זעלבער — זיי ריין צו מאכען.

יהודה ליב גארדאן.

אויב ליידיג געהן איז די מוטער פון אלע זינד, איז הייראטה שוין דערמיט אליין א גוטע זאך, וואס מאכט פיעלע פרויען אר־ביימען.

סער דזשאהן וואנבראו.

א גוטער מענש און א שלעכטער מאַן

עס זיינען דאַ א סך מענער, און גראַדע קלוגע, געבילדעטע, און פּאָפּולערע מענער, וועלכע פערשטעהן ניט ווי צו שעצען זייער היים.

זייער היים איז איבעראַל וואוהין זיי קומען אריין. זיי זיינען אימער לוסטיג און פרעהלאך. שטענדיג האָבען זיי דעם וויץ אין מויל און דעם שמייכעל אויף די ליפּען צו אַמוזירען פרעמדע גע־זעלשאַפט. נאַטירליך וואו זיי קומען נעהמט מען זיי אויף פאַר פיינע געסט, ווייל זיי מאַכען פרעהליך אין יעדען ווינקעלע. ווייבער זיינען גאַנץ אָפט מקנא די פרויען וואָס האָבען אַזעלכע גוטע, לעבהאַפטע, געבילדעטע און קלוגע מענער וואָס ברענגען מיט זיך לעבען און פרייד וואוהין זיי קומען אריין.

אָבער גראַד אַזעלכע מענער זיינען אָפט זעהר ניט גוט פאַר זייערע פרויען און פאַר זייער אייגענע היים.

אָפט זיינען אַזעלכע גוטע מענשען זעהר שלעכטע מענער. זיי זאָגען אָב אַלע וויצען און גלייך־ווערטלאך אין פרעמדע הייזער, און ווען זיי קומען אהיים צו זייער פאַמיליע, קומען זיי שוין אויס־געליידיגטע, וויפיעל וויץ און הומאָר זיי האָבען געהאַט, האָבען זיי אוועקגעגעבען אַנדערס־וואו; האָבען זיך אָנגעהערט מיט הונדערטע קאָמפּלימענטען, אַז זיי זיינען פיינע לייט, און פאַר זייערע איי־גענע פרויען האָבען זיי קיין שמייכעל, קיין וויץ נור א מין טיעפע מרה שחורה, א סאָרט רבני'שער ערנסט, א שוויינעניש — עפּעס ווי זיי וואָלטען פערלאַנגען אַז די פרוי זאָל אויף א מינוט ניט פערגעסען די טובה וואָס זיי טהוען איהר מיט זייער קומען אהיים, און זאָל פאַר זיי האָבען דרך ארץ ווייל זיי זיינען גרויסע, קלוגע

און געבילדעטע מענשען. א סימן האבען זיי, אז איבעראל וואו זיי קומען, גיט מען זיי אפ כבוד און מען איז זיך מיט זיי גאר מחיה.

איך האב אמאל ערגעץ געלעזען אין א בוך (איך געדענק גראדע ניט דעם נאמען פון׳ם בוך), אז ווען דער גרויסער גריכישער פילא־זאף „סאקראטעס" האט געהאלטען ביים שטארבען, האט ער גע־זאגט צו זיינע תלמידים, מען זאל צוזאמענרופען איינינע פראמי־נענטע מענער און פרויען פון שטאדט ער האט עפעס וויכטיגע זאכען אנצוזאגען פאר׳ן טויט. דאביי האט סאקראטעס אנגעזאגט אפשר צעהן מאל, אז ווען די לייטע וועלען קומען זאל מען זיין פרוי אין צימער ניט אריינלאזען.

די תלמידים האבען אזוי געטהאן.

און ווען די לייטע זיינען זיך צוזאמענגעקומען האט זיי סאק־ראטעס געזאגט:

— מיינע פריינדע, עס איז געקומען די צייט ווען איך מוז שטארבען. איך פיהל, אז מיין לעצטע שטונדע שלאגט, און איך וויל ביי אייך בעטען א קליינע טובה, ווען איהר וועט עס מיר פערשפרעכען וועל איך קענען רוהיג אוועקגעהן פון דער וועלט.

— געוויס, האבען אלע געענטפערט, ערקלערט אונז נור וואס איהר ווילט, און מיר פערשפרעכען אייך אז אייער וואונש וועט פאזיטיוו ערפילט ווערען.

— איך וויל אייך בעטען, האט סאקראטעס געשטאמעלט, אז איהר זאלט בעצאהלען דעם שוסטער וואס וואהנט אויף׳ן קארנער, פינף־און־צוואנציג סענט וואס איך בין איהם שולדיג פאר פיקסען מיינע אלטע שיך. איך וועל ניט קענען רוהיג איינליעגען אין קבר ווען איך וועל וויסען אז איך בין שולדיג געבליבען אן ארעמאן א קוואדער...

די לייטע וועלכע האבען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמ־קייט אויסגעהערט זיין פערלאנג, האבען דעם פילאזאף איינפאך פערגעטערט.

— עפעס א קלייניגקייט, א מענש האלט ביי די לעצטע מינו־טען פון זיין לעבען, און האט אין זינען אז ער איז שולדיג דעם

שוסטער א קוואדער, און אז דער קוואדער מוז בעצאהלט ווערען, זאנסט וועט ער ניט קענען רוהיג שטארבען. אה, וואס פאר א גרויסער מענש דאס איז!!!... האבען אלע געטראכט.

אבער לאמיר נור גוט פערשטעהן די גאנצע געשיכטע. וואס האט דא סאקראטעס מורא געהאט אז זיין ווייב זאל אויך זיין דערביי, ווען ער וועט אנזאגען זיין מאדנע צוואה פון בעצאהלען א קוואדער דעם שוסטער?

ווען פרעמדע מענשען מעגען עס וויסען, ווארום זאל עס אויך זיין אייגענע ווייב ניט טארען וויסען?

אבער דער אמת איז ווי איך האב פריהער געזאגט, אז די מעהרסטע גוטע מענשען זיינען שלעכטע מענער.

די מעהרסטע פילאזאפען, געבילדעטע מענער, דענקערס, וויצלערס, זיינען זעהר גוטע מענשען ווען זיי קומען צו יענעם אהיים. איבעראל איז זייער היים, נור ניט אין זייער אייגענע היים. איבעראל קריגען זיי קאמפלימענטען, נור ניט פון זייערע אייגענע פרויען, וועלכע קענען זיי צו גוט און וויסען אלע זייערע חסרונות.

סאקראטעס האט אפילו פאר'ן טויט געזוכט קאמפלימענטען, און דאס איז געווען זיין אבזיכט צו רופען בעקאנטע זיי זאלען בעוואונדערען זיין גוטסקייט, אין זינען צו האבען ביים שטארבען אן ארימען שוסטער מיט אקוואדער.

דער אייגענער פרוי האט ער מיט אזא זאך ניט געקענט איינשמועסען, אז ער איז א פיינער מאן. ווען זי וואל אויך געווען זיין אין רום און הערען פון איהם די מאדנע צוואה, וואלט זי זיך גאר ניט געוועזן געשעהמט, און וואלט איהם געווען געזאגט:

— תכשיט מיינער טהייערער, גענוג שוין צו בלאפען. כאטש פאר'ן טויט זיי אן אנשטענדיגער מענש! מעהר פעלט דיר ניט ווי דעם שוסטער דעם קוואדער צו בעצאהלען? און וואס איז עפעס מכה דעם סאלון? דאכט זיך דעם סאלון קיפער ביזטו שולדיג א סך מעהר!... אבער סאלון ביזנעס פאסט ניט צו דערצעהלען פאר

פרעמדע מענשען... זיי קענסט דוא נאררען, חכשיט מיינער, אבער ניט דיין אייגענע ווייב...

דאס איז געווען די אורזאכע ווארום סאקראטעס האט אזוי שטרענג אנגעזאגט מען זאל זיין פרוי ניט אריינלאזען אין צימער ווען די לייטע וועלען זיך צוזאמענקומען.

יא, אזוי געהט עס אויף דער וועלט. די ביי וועלכע יעדען'ס היים איז זיינע, קענען ניט שעצען זייער אייגענע היים. און די מעהרסטע גוטע מענשען וואס טראגען מיט זיך א לאנטערן פון ליכט און פרייד אין פרעמדע הייזער, זיצען ביי זיך אין דער היים אנגעבלאזען און מרה שחורה'דיג, און טרייען צו מאכען דעם איינדרוק אויף זייערע ווייבער, אז זיי זיינען שטענדיג פערטיעפט אין הימלישע זאכען, און אז זיי האבען גאר קיין אינטערעסע ניט אין דיעזער נארישער וועלט.

עס איז זעהר ניט גוט ווען א מאן טראגט אוועק דעם „כא־כא־כא“ ערגעץ אנדערס און דעם „אוי“ ברענגט ער אהיים צו זיין פרוי.

ווען די מענער וועלט שלאפט

דורך א ספעשעל פראקלאמיישאן, וואס פרעזידענט ווילסאן האט ארויסגעגעבען דעם 8טען מאי, 1914, ווערט יעדעס יאהר דער צווייטער זונטאג פון מאנאט מאי, אימער פערצייכענט אין אונזערע קאלענדארען אלס א נאציאנאלער יום טוב מיט'ן נאמען „מוטער'ס טאג“. אין דעם טאג דארפען אלע רעגירונגס געביידעס ארויסהענגען זייערע פלעגס, דאס זעלבע דארפען אויך טהאן אלע

פריוואט בירגער, אלס אן אויסדרוק פון ליעבע און רעספעקט צו די מוטערס פון אונזער לאנד, צו די מאמעס וואס ברענגען קינדער אויף דער וועלט.

צו בעגרייפען די גרויסקייט פון דיעזען יום טוב, מוז יעדער איינער זיך נעהמען א מאל אביסעל צייט און גוט בעטראכטען וואס א מאמע איז, וועלען זיי דאן בעגרייפען פאר וואס די מאמעס האבען פערדיענט מען זאל צוליעב זיי ארויסהענגען פלעגס, אנטהאן ווייסע בלימעלאך, און מאכען א גאנצען יום טוב.

מיליאנען מענשען ווייסען ניט, אדער זיי מאכען זיך ניט וויסענדיג, צו שעצען די ארבייט וואס מאמעס טהוען פיר דער געזעלשאפט.

צווישען דיעזע מיליאנען געפינען זיך ליידער אויך מאסען אידען וואס ווייסען ניט ווי צו שעצע, א מאמע און וואס דאס ווארט מאמע בעדייטעט.

זומער אין די הייסע שטיקעדיגע נעכט, ווען איהר געהט פערביי די ארימע קווארטאלען פון יעדע גרויסע און קליינע שטאדט, זעהט איהר הונדערטע מאמעס זיצען אין דרויסען אויף'ן גאניק און גיבען אכטונג אויף בייבים.

אין די אומעדיגע איינזאמע פארם־הייזקעס, ווייט צווישען מאנאטאנע וועלדער און פעלדער, וואו די זון פערגעהט גאנץ שפעט נאך א שווערען טאג ארבייט, געפינט איהר פרויען פרעהליך און מונטער אכטונג געבען אויף זייערע בייבים.

צוועלף אזייגער ביי נאכט, דריי אזייגער פאר טאג, ווען די גאנצער מענער וועלט שלאפט שוין, — אין עסעקס סטריט אזוי גוט ווי אין ריווערסייד דרייוו, אדער אין פינפטע עוועניו, אין די קליינע טענעמענט רומקעס אזוי גוט ווי אין די רייכע פאלאסטען, געפינט איהר דאן מאמעס וואכענדיג מוטהיג און צופריעדען אכטונג־גיבענדיג אויף בייבים.

מיר רעספעקטירען, גיבען אפ כבוד און לויבען א מאן וואס ארבייט און בויעט אויף א גרויסע ביזנעס, א גרויס רייכטהום,

טראַכטן דעם וואָס מיר ווייסען אַז ער אַרבייט פאַר זיינע אייגענע נוצען.

ווען אַ מאַן ריזיקירט זיין לעבען פיר פערזענליכע האָנאָר, מען זאָל זאָגען אַז ער איז אַ פיינער מענש, טהוען מיר עס און מיר לויבען איהם ביז'ן הימעל.

ווען ער צייגט מוטה און קוראַזש אפילו אין רעטען זיין אייגענעם קערפּער פון פערניכטונג, לויבען מיר איהם אָהן אַ שיעור.

און איך גלויב, אַז אַלע וועלען צוגעבען, אַז ס'איז נאָך ניט געבאָרען געוואָרען דער מאַן, וועמעס מוטה, קוראַזש און איבערגעבענהייט, מען זאָל קענען פערגלייכען מיט'ן מוטה און קוראַזש וואָס אַ מאַמע צייגט אַרויס ביי אַכטונג גיבען אויף איהר בייבי!

מוטער־ליעבע האָט אין זיך ניט דעם מינדעסטען שפּור פון אייגעננוצען. און האָט קיין גרענעץ, ווייל ס'איז גרעסער און ברייטער ווי די גאַנצע ערד מיט אַלע ימים צוזאַמען.

איהר וועט געפינען איין מאַן אין אַ טויזענד וואָס וועט ריזיקירען זיין לעבען פיר אַ געווויסע זאַך.

אין יעדע טויזענד פרויען וועט איהר אָבער געפינען גאַנצע טויזענד וואָס וועלען ריזיקירען זייערע לעבענס פאַר זייערע בייבים.

יעדע זאַך וואָס דער מענש איז ווערטה, אַלעס וואָס ער פערמאָגט, בעלאַנגט צו זיין מוטער. זי האָט מיט איהר מסירת נפש, מיט איהר ניט דערעסען און ניט דערשלאָפען, איהם געגעבען איהר געזונד און לעבען, מאַרך, קוראַזש און כאַראַקטער.

דער מוטער'ס טאָג אַלס אַ יום טוב איז דאַריבער זעהר ערהאַבען. די מאַמעס פערדיענען כשר מען זאָל צוליעב זיי אַרויסהענגען פלעגס איבעראַל וואו מענשען וואָהנען, ווייל די מאַמע איז איבעראַל די זעלבע, איהר וועט אין יעדער פרוי געפינען די זעלבע מעלות, די פרוי איז איבעראַל און אימער גרייט אָוועקצוגעבען איהר לעבען פאַר איהר בייבי.

ווייסען עס די קינדער? פיהלען זיי עס? שעצען זיי דיעזע איבערנאַטירליכע אויפאָפּפערונג פון דער מאַמע?

עס הויבט זיך גאר ניט אן! מיר בעגעגענען זעהר זעלטען א זוהן זאל פיהרען אן אלטע מאמע אונטער די הענד, און זאל איהר אוועקגעבען זיין ברעקפעסט, ווי די מאמעס פלעגען טהאן מיט איהם.

ווען א קינד איז קראנק אויף מאזלען, אדער אויף סקארלעט פיבער, ליגט די מאמע מיט'ן קינד אין בעט זעקס־זיבען וואכען, זי טהוט זיך ניט אויס די שיך, זי עסט ניט, זי טרינקט ניט, זי שלאפט ניט, זי ווערט ערגער קראנק ווי דאס קינד, און פערגינט זיך ניט צו נעהמען א לעפעל וואסער אין מויל, ביז דער גוטער גאט העלפט איהר זי דערלעבט זעהן איהר קינד ארויס פון געפאהר, און נאכהער איז ווירקליך שווער צו דערקענען ווער עס איז געווען קראנק, זי אדער דאס קינד, א מאמע פון עטליכע קינדער, דורכ־מאכענדיג ביי יעדע קינד די זעלבע פרשה פון פאקען, מאזלען און סקארלעט פיבער, ווערט זי נאטירליכער־ווייזע א נערוועזע חורבה א צובראכענער שארבען, און צו די עלטערע יאהרען, ווען עס פאסירט, חס ושלום, אז די מאמע מוז זיין ביי א קינד, און אלע איהרע וועהטאגען פון די כחות וואס זי האט אמאל אוועק־געלייגט אויף די קינדער רופען זיך איהר אב, זי פאלט אנידער א קראנקע, איז אויף'ן צווייטען טאג שוין א גאנצע בהלה און מען נוצט אויס אלע בעקאנטשאפטען מען זאל וואס שנעלער די מאמע אוועקנעהמען אין האספיטאל אדער אין א האום, פאר רחמנות קענען זיי זי ניט אנקוקען, און ווילטען גערן וואס שנעלער פון איהר פטור ווערען.

לאמיר האפען אז דיעזער שעהנער יום טוב פון „מוטער'ס טאג" וועט מיט דער צייט האבען די גוטע ווירקונג, אז ניט נור די קינ־דער זאלען בעסער אנפאנגען רעספעקטירען זייערע מאמעס, נור אז אלע זאלען רעספעקטירען די מאמעס פון גאנצען לאנד, מען זאל וויסען און בעגרייפען אז ריכטיגע העלדען זיינען ניט די גענע־ראלען וואס קענען נעהמען גרויסע ערוואקסענע מענשען און זיי אויסשלאכטען ווי די שאף, נור די פרויען גענעראלען וואס נעהמען שוואכינקע צארטע בייבים און פאסען אויף זיי אויף, ביז זיי ווע־

רען גרויסע ערוואקסענע מענשען. העלדען זיינען ניט די וואס מאַ־כען חרוב די וועלט, נור די וואס בויען די וועלט — און דאס זיינען די מאמעס.

די מוטער און די היים

די מוטער און די היים זיינען די צוויי וויכטיגסטע זאכען אין דער וועלט, וואס אינטערעסירען די גאנצע מענשהייט איבעראַל.

אין אַלע דורות, אין אַלע לענדער, און ביי אַלע פעלקער איז „מוטער" אימער געווען אַ הייליג ווארט. דאס ווארט „מוטער" אָדער „מאמע", האט זיך געלייגט אויף די קינדערשע הערצער ווי אַ טהוי טראפען אויף אַ בלום. די הערצער צו בעלעבען און ערפרי־שען. יעדער מענש האט ליעב צו דענקען וועגען זיין מוטער, וועגען איהר מערקווירדיגע טריהייט און איבערגעבענהייט, און וועגען איהר וואונדערבאַרע, איבערנאַטירליכע ליעבע צום קינד.

וואס פיר אַ גרויסער ערקוויקענדער און ערפרישענדער קוואל פון לעבען מוטער־ליעבע איז! יעדער מענש פיהלט אַז ער האט ניט קיין בעסערען פריינד אויף דער וועלט ווי די מוטער. מיר קענען קיינמאל ניט פערגעסען וויפיעל אונזערע מאמעס האבען געאַפפערט און געליטען פאר אונז. און אַלעס האבען זיי געטהאן אהן איר־גענד וועלכע אייגענוצען, און זיינען אימער געווען גרייט אונז צו פערגעבען אונזערע גרעסטע פעהלערען וואס מיר האבען בעגאַנגען אפילו געגען זיי אליין. מיר ווייסען און מיר פיהלען, אַז אונזערע מאמעס זיינען געווען אזוי נאָהענט צו אונז און מיט אונז, אַז זיי האבען געפיהלט יעדען מינדעסטען שמערץ אונזערען, נאך בעפאר מיר אליין האבען איהם דערפיהלט.

ניט צו ליעבען אַ מוטער איז די געמיינסטע און די ניעדע־ריגסטע אונדאַנקבאַרקייט אין דער וועלט. די גאָטהייט אליין האַט די מוטער בעשאַפען. אַזאַ אונענדליכע, אַזאַ וואונדערבאַרע ליעבע, איז נור גאָטעס ארבייט. אפילו אין הערצער פון מלאכים קענען ניט קלאַפּען קיין זיסערע, טיעפערע און קיין רייכערע געפיהלען ווי אין דעם האַרץ פון אַ מוטער.

מוטער — מיינט אַ גאַנצע וועלט מיט ליעבע קאָנצענטרירט אין איין פּערזאָן.

קיין פילאָזאָף אין דער וועלט, קיין פריידענקער אין דער וועלט, וואָלטען מיר ניט קענען איבערציינען, אַז די נאַטירליכע מוטער־האַרץ איז ניט אַ הייליגטהום. איך האָב צו טיעף אריינגעקוקט אין מיין אייגענער מוטער׳ס נשמה; איך האָב געוואַטשט און בע־וואונדערט דעם פייער פון איהר אונשטערבליכער ליעבע; די נאַ־בעלקייט פון איהרע ריינע מחשבות וועגען איהרע קינדער, און דאָס האָט מיך געבראַכט צום בעשלוס, אַז אַ מוטער איז אַ הייליגטהום, וואָס ווען מען דאַרף איהר נאָמען דערמאָנען, מוז מען עס טהאָן מיט גרויס עהרען־פּורכט, מיט גרויס רעספּעקט און יראת הכבוד.

אַ מוטער איז אַן אָבשפּיעגלונג פון דער גאָטהייט אַליין. אויב מיר וועלען אויף יענער וועלט האָבען אַ גן עדן, ווי מיר אידען גלויבען, איז קיין פראַגע ניט, אַז אונזערע מאַמעס וועלען דאָרט געווים פערנעהמען דעם גאַנצען אויבען־אָן.

אַ פרוי מעג זיין ווי שוואַך, און פיעלייכט אויך שלעכט אין אַלע אַנדערע הינזיכטען, אָבער אין איהר מוטער־האַרץ ליעגט די זריעה פון אַ לעבענס בוים וואָס קען קיינמאָל ניט שטאַרבען. אין ליעבע צו קינדער זיינען אַלע מאַמעס גלייך עהרליך און געטליך! די קלוגע און די נאַרישע, די רייכע און די אָרימע, די ציוויליזירטע און די באַרבאַרישע, — אַלע זיינען די זעלבע אין זייער ליעבע צו קינדער.

אַלע פערשיעדענע מאָראַלען פון דער וועלט בייגען זיך מיט רעספּעקט פאַר מוטער־ליעבע. מוטער־ליעבע איז די שיינענדע זון, דער צענטער. דער מיטעל־פּונקט פון דער היים!

די היים האט ניט קיין קראפט און קיין ממש אהן מוטער־ליעבע. נעהמט אוועק די מוטער פון דער היים, און עס בלייבט קיין היים ניט! זי איז דער רעגולייטאר, די הויפט פרוזשינע, דער צענטער ארום וועלכען אלעס בעוועגט זיך. ווי רייך איז יעדע היים וואס האט אין זיך א מוטער עס מעג דארט ניט זיין קיין אנדערע טהייערע צוציהענדע זאכען, אזוי לאנג נור ווי די מאמע לעבט, וועט די היים אימער זיין א הייליגער, א גליקליכער און א געבענשטער פלאץ.

איך בין קיינמאל ניט מקנא דעם מענשען וואס גלייכט ניט זיין אייגענע היים. פיעלע מענער וועלכע זיינען א ציערונג פאר זייערע פאמיליען און א ברכה פאר דער גאנצער וועלט, וואלטען געווען פערלארען געגאנגען אין עולם התוהו, ווען ניט די ליעבע צו זייער היים, און צו זייערע בני בית.

מענשען טראגען איבער פערשיעדענע שוועריגקייטען, פערשיעדענע עגמת נפש, פערשיעדענע צרות אין זייער לעבען, און שטארקען זיך מיט אלע קרעפטען ניט צו בעגעהן קיין פערברעכען, און זיך ניט אראבלאזען אויף א ניעדעריגע מדרגה, נור דערפאר וואס זיי ליעבען זייער היים און זיי ווילען אויף איהר קיין שווארצען פלעק ניט ווארפען.

דער מאן וואס האט אמת ליעב זיין היים, טראגט אויף זיין מאראלישער נאטור א שטארקען פאנצער, וואס וועט צו איהם ניט צולאזען קיין שלעכטע געדאנקען. קיין ארבייט איז ניט צו שווער פאר א מאן וואס טראגט ביי זיך אין הארצען א שטארקע ליעבע צו זיין היים.

איהר וועט זעהן דיעזע מענער טרייבען שיפען אויף'ן שטורעמדיגען ים, קלעטערען אויף די הויכע בערג פון אייז און שנעע, לויפען אין פייער און שטעלען זייערע לעבענס אין שטענדיגען געפאהר, און זיי טהוען אלעס גערן, אום צו פערזארגען זייער היים מיט אזוי פיעל פערגעניגען ווי עס איז נור מעגליך.

דעם מענשען'ס ליעבע צו זיין היים איז דער פונדאמענט פון אלעס וואס מאכט דעם מענשען גרויס און נאבעל. ווער עס

ליעבט זיין היים, האט ליעב זיין פאמיליע, האט ליעב זיין שטאדט, און האט ליעב זיין לאנד. און ווער עס ליעבט ניט זיין היים, איז א בראדיאגא, ווי מען רופט עס אין רוסלאנד, א טרעמפ. דער וואס האט ניט קיין געפיהל פיר א היים, קערט ער אויך ניט פאר זיין לאנד, ער בעלאנגט ניט צו קיינעם און קיינער בעלאנגט ניט צו איהם.

יעדע היים איז א סופרים קאורט, פון העכסטען סארט. קיין קאורט און קיין דזשאדזש אין דער וועלט קען קיינמאל ניט דיי־סיידען אזעלבע וויכטיגע פראגען ווי עס קומט אויס אין יעדער היים צו דיסיידען. יעדע פאמיליע מוז האבען א היים. און יעדע היים מוז האבען א פיהרער, א קאפ, א הארץ, און אכטונג געבער. די פרוי איז ריכטיג פאסענד צו פארנעהמען דיזען פעראנטוואָרט־ליכען אמט פון האנאר און צוטרויען. די היים איז געוועזן און וועט אימער בלייבען דער פרוי׳ס וועלט. דאס איז איהר קעניגרייך, און מעגען אלע קעניגע אבגעשאפט ווערען, אבער א היים וועט אימער מוזען האבען א קעניגין און די מוטער וועט אימער בלייבען די קעניגין דארט.

עס מאכט גאר ניט אויס. די פרוי קען געהן וואוטען, ארבייטען אין שעפער, פעקטארים און אפיסעס, זי מעג רעדען פון פלאטפאר־מען, שרייבען ביכער, וועט די היים אימער בלייבען איהר בעסטער און איהר ליעבסטער פלאץ אין דער וועלט.

א היים מיינט ניט דער פלאץ וואס איז בעפוצט מיט רייכע פארניטשור און מיט טהייערע קארפעטס און וואו מען באדט זיך אין רייכטהום. א היים קען בעשטעהן פון א פאר ארימע רומקעס, נור ווען עס הערשט דארט אמת׳ע ליעבע, פריינדשאפט, פריעדען און גוט־הערציגקייט. א גוטע א הייליגע היים איז דארט וואו דער מאן בענשט די פרוי, און די מאמע בענשט די קינדער יעדען טאג און ערציהט זיי אויף א וועג וואס איז פיין צו גאט און צו לייט.

א אידעאלע היים מוז זיין א היים פון הארץ, פון גייסט, פון עהרליכקייט, פון גוטע מדות. מען דארף קיינמאל ניט פערגעסען אז די היים איז דער אוניווערזיטעט וואו אונזערע קינדער לערנען,

און וואס מיר לערנען זיי אין דיזען אוניווערזיטעט, דערמיט געהן זיי נאכהער ארויס אין דער וועלט אריין אויף זייערע אייגענע קעסט.

דאריבער מוז יעדער היטען זיין היים ווי דאס שווארצאפּעל פון אויג און זעהן אז עס זאל זיין ניט בלויז א הויז צו עסען און טרינקען און שלאפען, נור אויך א טעמפעל פון שלום ושלוה, פון פיינע אויפפיהרונג, פון גוטע טהאטען, און אן אוניווערזיטעט וואס זאל ארויסגעבען פיינע תלמידים אויף דער וועלט.

וואס הייסט א הויז-ווירטהין

צו זיין א באלעבאסטע אין א הויז איז ניט אזא לייכטע זאך ווי מאנכע מענער שטעלען זיך פאר. עס איז זעהר א שווערע און א פעראנטוואָרטליכע ארבייט, וואס בעשטעהט פון טויזענד־ערליי קלייניגקייטען, וואס די פרוי מוז האבען אימער אויף די געדאנקען, און זי קען קיינמאל ניט פארטיג ווערען, זי זאל זיך מעגען אוועקזעצען רוהיג אויף א ראקינג־טשער און זאגען: „דאט'ס אלל, איך בין מיט מיין ארבייט פערטיג!“

ווען א שניידער מאכט א ראק, אדער א סטאליער מאכט א טיש, ווייסען זיי אז דאס איז זייער ארבייט, און ווען זיי האבען עס פערטיג, קענען זיי צייגען יענעם, אז דאס האבען זיי געמאכט, דארויף האבען זיי זייער צייט פערבראכט, און מען זעהט פאר די אויגען א פערטיגע כלי, פאר וועלכען דער ארבייטער קריגט זיין בעלוינונג.

אבער די ארבייט פון א באלעבאסטע איז אימער אזעלכע וואס

ווערט קיין מאָל ניט פערטיג, און זי האָט קיין מאָל ניט וואָס צו צייגען אַלס אַ געענדיגטע זאַך. דאָ ראַמט זי און אויף אַ צווייטען פּלאַץ ווערט ווייטער שמוציג, אַט קאָכט זי אָב דינער, און איידער זי ווערט פערטיג מיט צוואַוואַשען דאָס געשיער און מיט אויפ־ראַמען איז קיטשען דאַרף מען שוין קאָכען סאַפּער, און עס ווערט ווידער פול דער סינק מיט געשיר; אַט וואַשט זי אַרום די קינ־דערלאַך און טהוט זיי אָן ווי עס געהער צו זיין, און אַט ווערען זיי ווידער שמוציג און זי דאַרף טהאָן די זעלבע ארבייט גאָר פון דאָס ניי. יעדען טאָג איין יאָהר מוז זי אימער טהון די זעלבע ארבייט וואָס זי האָט נעכטען געטהאָן, און אזוי איז אַ מעשה אָהן אַ סוף, און זי האָט קיין מאָל ניט קיין געענדיגטע ארבייט צו צייגען, ווי עס צייגט אַ שניידער, אָדער סטאָליער: „אַט זעהט, דאָס איז מיינע אַ שטיק ארבייט, אַלעס אָבגעטהאָן און געענדיגט!“

עס איז דאריבער זעהר שווער צו זיין אַ „באַלעבאָסטע“ און ניט אומזיסט, האָט שלמה המלך געזאָגט אַז אַ פרוי אַן „עקרת הבית“ איז שווערער צו געפינען ווי פּערל און ברילּיאַנטען.

אַ פרוי אַ באַלעבאָסטע אין פולען זינן פון וואָרט, איז ווירק־ליך ניט אָבצושאַצען די ווערדע איהרע. זי פערטרעט אפשר הונ־דערט שטעלען אין איהר פאַמיליען־קאָרפּאָריישאָן. זי איז אַן עק־זעקיוטיוו אָפיסער, אַן אַקאַונטענט, אַ כעמיסט, אַ סאַניטאַר אָפי־סער, אַ הויז דאָקטאָר, אַ דיפּלאָמאַט, און צוזאַמען דערמיט איז זי אַ דיענסט, אַ משרת, אַן עראַנד באָי, אַ קעכין, אַ וועשין, אַ בייער, אַ טיטשער, אַ וועיטערין, אַן אַם, אַ פרוי, אַ סופּעראינטעד־דענט, און וואו נור עס איז ערגעץ דאָ אַ טרייד אָדער אַ פּראָפע־סיאָן אין דער וועלט איז אריינגערעכענט אין דער ארבייט וואָס אַ באַלעבאָסטע האָט צו אַטענדען. און מערקווירדיג קיין מאָן וויל גאָר ניט בערעכענען וואָס פאַר אַ קלעגליכע געהאַלט די באַלעבאָסטע קריגט פאַר איהר שווערע ארבייט.

אַ באַלעבאָסטע איז די איינציגע ארבייטערין אין דער וועלט וועלכע ארבייט בלויז דערפאַר וואָס מען גיט איהר באָארד און לאָזשי.

די װאָס קריגען נאָך דערצו אַלס אַ צוגאָב אַ שלעכטען מאַן, קריגען זײ נאָך געװעהנליך פאַר זײער ארבײט קללות און חרמות, זידלעריי און בעלײדיגונג, דאָס איז זײערע װײדזשעס און זײער בעלאָהנונג פאַר זײער אונערמיעדליכע, שװערע מאַטערנים, טאָג־אײן טאָג־אױס,יאָהר־אײן יאָהר־אױס, אַלע דרײ הונדערט פינף און זעכציג טעג אין יאָהר.

עס איז דאריבער קײן װאונדער װאָס אמת׳ע באַלעבאָסטעס, װאָס זאָלען װערטה זײן צו טראָגען דעם נאָמען „באַלעבאָסטע און עקרת הבית", זײנען דאָ זעהר װעניג, עס זײנען דאָ אַ סך שלומפערס צװישען פרױען עס זײנען דאָ זעהר פיעל מיטעלמעסיגע באַלעבאָסטעס, אָבער ריכטיגע „באַלעבאָסטעס" — באַלעבאָסטעס „גרײד איי" — זײנען דאָ גאַנץ װײניג, און אַלס אַ כלל װערען זײ פון זײערע מענער ניט בעהאַנדעלט בעסער װי די װאָס זײנען שלומפערס פון העכסטען גראַד.

װײל די פרוי װעלכע איז אַן אמת׳ע עקרת הבית נעהמט זיך אַלעס צום הארצען, זי ראַמט און עס קומט איהר אַן זעהר שװער צו האַלטען רײן װײל זי ניט לײדען מען זאָל אַנמאַכען שמוץ איבעראַל ; זי האָט קײן צײט ניט װען זיך צו פוטצען, זי האָט מעהר פעראַנטװאָרטליכקײט, מעהר זאָרג, און קוקט אױס שלעכט, װעהרענד די פרוי װאָס קערט ניט שטאַרק פאַר דער הויז, פוצט זיך אַלײן מעהר און קוקט אױס בעסער, װײל זי האָט אַלעס אין דער ערד. אױב דער מאַן איז אַ שלעכטער װערט זי יעדענפאַלס בעלײדיגט און געזידעלט, פאַר װאָס זי איז ניט קײן באַלעבאָסטע אָבער רעספעקט האָט ער דאָך פאַר איהר, װײל זי זעהט אױס שעהנער און געהט אימער עלעגאַנט אָנגעטהאָן.

װען אַ מאַן געהט אַרױס אין דער פריה אין סטריט, און איהר בעטראַכט איהם גוט, קענט איהר גלײך װיסען אױב זײן פרוי איז אַ באַלעבאָסטע, אָדער ניט. אַ פרוי אַ באַלעבאָסטע לאָזט ניט אַרױס איהר מאַן אין סטריט, ביז זי בערשטעלט איהם און רײניגט איהם גוט אַרום, ענטװעדער זי טהוט עס אַלײן, אָדער זי זעהט ער זאָל עס טהאָן, אָבער זי װעט איהם קײן מאָל ניט אַרױסלאָזען פון

הויז מיט אַ פערדריפעטען קאָוט, אָדער מיט אַן אומריינע העמט. זי זעהט, אַז דעם מאַן זאָל קיינמאָל ניט פעהלען קיין ווייסע הענדקערטשיף אין פאַקעט, קיין קנעפּעל זאָל ניט זיין אַבגעריסען אין ערגעץ, קיין הענגער זאָל ניט פעהלען צום קאָוט אָדער צום ראָק, ער זאָל ניט טראָגען קיין שוואַרצע העמד און קיין קויטיגען קאַלער — די אַלע זאַכען וואָס איהר זעהט אויף'ן מאַן, זיינען אַ צייכען אַז ער האָט אין דער היים אַ ווייב אַ באַלעבאָסטע.

אַ פרוי אַ באַלעבאָסטע האָט אַ סיסטעם אין איהר ארבייט. זי ווייסט און היט אָפּ די צייט, ווען דער מאַן און די קינדער דאַרפען אָנטהאָן אונטערוועש, זי גיט אַכטונג אַז עס זאָל אין ערגעץ קיין קנעפּעל ניט פעהלען, און אַלעס זאָל אין צייט דערלאַנגט ווערען, פערצירעוועט און געפּיקסט. מען זאָל ניט דאַרפען אָנטהאָן זאַכען וואָס זיינען צוריסען און אונבעקוועם, צו דער זעלבער צייט שפּאָרט די באַלעבאָסטע פיעל געלד אין דער הוצאה, ווייל יעדע זאַך ווערט געפּיקסט אין צייט, און דיענט ריכטיג ווי נייע נור וואָס געקויפטע זאַכען.

אַלס אַ כלל זיינען פרויען באַלעבאָסטעס ווייניגער קראַנק ווי די וואָס זיינען שלומפּערס און פוילען זיך ארבייטען אין הויז. ווייל די מעהרסטע פרויען קראַנקהייטען זיינען איינגערעדטע קריינק. די וואָס טהוען גאָר ניט, הערען זיי זיך צו, צו יעדען טיק פון זייער דופּק, און האַלטען איין קלערען וואָס זיי פעהלט. דאָ דאַכט זיך זיי אוים, אַז עס שטעכט זיי אין אַ זייט, דאָ פיהלען זיי שמערצען אין רוקען, אָט ווייזט זיך אוים אַז זיי האָבען היץ, אָט האָבען זיי קעלט, און זיי בעקומען חשק כאָטש צו אַ קליינע אָפּעריישאָן, אַזוי פיעל ווייבער האָבען אָפּעריישאַנס, פאַר וואָס זאָלען זיי אויך ניט האָבען אַן אָפּעריישאָן, וואָס איז די לעצטע צייט כמעט ווי אַ סטייל געוואָרען, און ס'איז איינפאַך אַ בזיון אַז איין פרוי זאָל בעגעגענען אַ צווייטע און איהר ניט דערצעהלען, אַז זי איז נור וואָס ארוים פון האָספּיטאַל נאָך אַן אָפּעריישאָן.

די דאָקטוירים זיינען די לעצטע צייט גרויסע דאַמען־פריינד

געווארען, אזוי שנעל ווי זיי קריגען נור ארײן א פרויען פאציענט, ראטהען זיי איהר גלייך צו האבען אן אפערײשאן, צו עס העלפט דער פרוי צו נײן, זיי העלפט עס. און קײן מאל איז ניט געװען אזוי לייכט צו פועל'ן ביי א פרוי זי זאל געהן צו אן אפערײשאן ווי היינטיגע צייטען.

די פרוי װעלכע איז אן אמת'ע באלעבאסטע און איז אימער ביזי, האט גאר קײן צייט ניט זיך צוצוהערען אויב זי איז קראנק, און אלע איהרע װעהטאגען געהען אליין אװעק, אהן דאקטאר, אהן מעדיצין און אהן אפערײשאנס. מעג זי פיהלען ווי שלעכט, לייגט זי אלץ אב דעם דאקטאר אויף נאך דער ארבייט, און אזוי ווי זי װערט קיינמאל ניט פערטיג מיט איהר ארבייט געהט זי זעהר זעלטען צו א דאקטאר, און זי נעהמט ניט קײן שום מעדיצינען, און דאס איז פיעלייכט די אורזאכע, װארום זי איז װייניגער קראנק און שטארבט אלס א כלל נור מיט א נאטירליכען טויט, נאכדעם ווי זי לעבט אפ אלע איהרע יאהרען אין גוטע און ניצליכע ארבייט.

דער מאן וואס האט דאס גליק צו האבען א פרוי א באלעבאסטע איז אינשורט פון נײנציג פראצענט אונגליקען װאס פאסירען געװעהנליך ביי לעבעדיגע מענשען. ער איז אינשורט געגען גנבות, וויל א פרוי א באלעבאסטע געהט ניט אװעק פון הויז צו לאזען דאס הויז אליין, און ווען זי מוז שוין אװעקגעהן, בעזארגט זי אלעס, עס זאל קײן שאדען ניט קענען זיין. ער איז אויך אינשורט געגען פייער, ווייל א באלעבאסטע גיט גוט אכטונג ווען עס איז דא פייער אין הויז, אז אלעס זאל זיין אין ארדנונג עס זאל ניט ליגען קײן זאך נאהענט צום פייער, װאס קען פעראורזאכען א שריפה. ער איז אויך אינשורט געגען קראנקהייטען פון קינדער, ווייל זי ווייסט ווי צו אכטונג געבען אויף די קינדער, זיי זאלען ניט געהן אין קעלט און אין נאסקייט, ביז זיי זיינען גוט פראטעקטעט, מיט איין װארט, דער מאן װאס לאזט אין הויז א גוטע באלעבאסטע קען טהאן רוהיג און מיט פולע זיכערהייט זיין טהייל ארבייט, צו שאפען די עקספענסעס פון זיין היים, מיט װעלכער ער האט זיך אויף װעמען צו פערלאזען.

און דער מאַן וועלכער האַט אַ פרוי אַ באַלעבאַסטע און ער אנערקענט ניט איהר ווערדע, און מאַכט איהר פאַרווירפע פאַר וואָס זי פוצט זיך ניט און פאַר וואָס זי מאַכט איהם ניט קיין קאָמפּלימענטען ווען ער קומט אַ היים; דער מאַן וואָס האַט אַ ווייב אַ באַלעבאַסטע און האַט צו איהר טענות פאַר וואָס זי איז אימער נור בעשעפטיגט מיט'ן בעזים, אַזאַ מאַן פערשטעהט ניט די ווערטה פון זיין פרוי. ער האַט ביי זיך אַ דיימאַנד און קען איהם ניט אבשאַצען.

ליעבע און אויסרעכנונג

אַ יונגער מאַן איז געקומען צו מיר מיט אַ בקשה, איך זאָל שרייבען אַ ספּעציעלען ארטיקעל אין מיין בוך, וועגען אַ פראַגע וואָס האַט אַ גרויסע וויכטיגקייט פאַר פיעלע יונגע לייט, וועלכע שטעהן אויפ'ן וועג פון חתונה האָבען.

דיעזע פראַגע איז שוין פיעל מאָל בעהאַנדעלט געוואָרען אין זיין קלוב וואו ער בעלאַנגט, האָט ער ערקלעהרט, און מען קען צו קיין בעשלוס ניט קומען.

די פראַגע איז פאָלגענדע:

ווען אַ באָי געהט אַרום מיט אַ מיידעל, ער פיהלט אַז ער ליעבט זי און אַז ער וואָלט מיט איהר געקענט פיהרען אַ גליק־ליכען, צופריעדענעם לעבען נאָך דער חתונה, צו מעג ער זיך צו איהר ווענדען מיט אַ אָפענע ערקלעהרונג און איהר זאָגען: שוועס־טער־לעבען, אַזוי ווי מיר האָבען זיך ביידע ליעב, לאָמיר חתונה האָבען, און נאָך דער חתונה זאָלסט דו מיר העלפען ארבייטען,

דו וועסט ברייגגען ווייזדושעס און איך וועל ברייגגען ווייזדושעס, און אויף אזא ארט און וייזע וועלען מיר קענגען קומען צו א תכלית, און ניט דארפען ציטערעזאון מורא האבען שטענדיג פאר׳ן דלות.

די פראגע איז — צו עס איז פיין און אנשטענדיג פאר א באי צו מאכען אזא פארשלאג צו א מיידעל, מיט וועלכער ער וויל הייראטהען?

צוזאמען מיט דער פראגע קומען נאך א פאר וויכטיגע פראגען:

ווען איהר האט שוין געמאכט אזא פארשלאג צו א מיידעל, וואס פאר א ווירקונג קען עס אויף איהר האבען?

קען איהר ליעבע צו אייך דורך דעם אבגעקיהלט ווערען?

און ווען די מיידעל הערט אוים אייער פארשלאג און וויל איהם ניט אננעהמען, זי וויל ניט ארבייטען אין א שאפ נאך דער חתונה, צו מיינט עס, אז זי האט אייך גאר אין גאנצען ניט ליעב, אדער ליעבע קען קומען צוזאמען מיט אויסרעכענונג און די מיידעל מוז ניט דוקא נאכגעהן בלינד און פאלגען אלעס וואס איהר זאגט איהר, זאגאר ווען זי ליעבט אייך מיט איהר גאנצער נשמה.

מיין מיינונג איז קודם, אז א באי האט ניט קיין רעכט צו הייראטהען ביז ער ווערט אין שטאנד צו מאכען א לעבען. קיין אונטערשיעד, אויב ער פערדיענט פיעל אדער ווייניג, קוים נור איז עס גענוג צו מאכען א לעבען, קען ער הייראטהען, און די מיידעל וואס האט איהם ליעב וועט ניט קוקען אויף גרוים און וועט זיך צופריעדענשטעלען בעסער ווי צו הייראטהען איינעם מיט ווענינער ליעבע און גרעסערע פערדיענסטען.

מיין מיינונג איז וויעדער, אז א באי זאל אויף קיין פאל ניט פערלאנגען פון א מיידעל וועלכע ער ליעבט מיט׳ן גאנצען הארצען, אז זי זאל געהן נאך דער חתונה ארבייטען און איהם העלפען יעצט אום זי זאל שפעטער ניט דארפען מורא האבען פאר׳ן דלות.

דער פאקט אליין, אז ביים סאמע אנפאנג, ווערענד זיין ליעבע צו איהר איז נאך פריש און ברענט פלאם־פייער, זוכט ער שוין א וועג ווי צו פערלייכטערען זיין יאך פון פרנסה דורך איהר

ארבייט, דאס אליין איז דער ערשטער סיגנאל פון געפאהר פאר איהר. דאס צייגט באלד, באטש ער אליין פערדעכטיגט עס נאך ניט, אז אין די שפעטערע יאהרען, ווען די ליעבע וועט עלטער און קעלטער ווערען, וועט ער געוויס ניט קעהרען פאר איהר טראבעל, אבי זיך לייכטער צו מאכען די שווערע משא וואס א מאן האט צו טראגען אין זיין לעבען׳ס רייזע, אלס א פאמיליען מאן און אלס א פאמיליען־פאטער.

דער יונגערמאן וועלכער פאדערט גלייך אז די ווייב זאל איהם ארונטער־נעהמען האלב פון זיין יאך פון פרנסה, וועט שפע־טער פאדערען, אז די פרוי זאל אוועקטראגען די וויינענדע בייבי פון דער רום וואו ער שלאפט, ווייל דעם קינד׳ס געשריי בארערט איהם און לאזט איהם ניט שלאפען.

דער יונגערמאן וואס וויל זיך גלייך פון אנהויב בעווארענען פון צרות, וואס ער קען אמאל בעגעגענען אין פאמיליען לעבען, וועט אם ענדע זוכען צו אנטלויפען פון הויז יעדעס מאל ווען עס וועט נור פאסירען א טראבעל. אזעלכע מענער קענען אלס כלל ניט ליידען ווען א קינד אדער ווען די פרוי אליין ווערט קראנק און מען מוז ארום זיי האבען טראבעל. זיי גלייכען נור די היים ווען אלעס געהט כשורה. ביים מינדעסטען שטורם, כאפען זיי דעם העט און קאוט און לויפען ערגעץ צו א גוטען ברודער מאכען א פינאקעל, אום ארויסצושלאגען זיך די צרות פון קאפ. איי די ווייב מאטערט זיך דארט ? ווענטען ארט עס ?

א יונגער מאן, וואס בעשליסט צו געהן הייראטהען מיט א מיידעל וועלכע ער האט ליעב ווירקליך, מוז ער איהר דאס ערשטע צייגען זיין ליעבע און טרייהייט דערמיט וואס ער בעפרייט זי פון געהן ארבייטען, און נעהמט אויף זיך דעם גאנצען יאך פון בע־זארגען פאר איהר א היים און אלעס וואס ווערט פערשטאנען אונ־טערן ווארט „היים״.

דער מאן מוז אימער נעהמען אין אנבעטראכט, אז דאס פא־מיליען לעבען ווערט איינגעטהיילט אין צוויי אבטהיילונגען וואס מוזען ריכטיג אטענדעט ווערען. איין אבטהיילונג בעלאנגט צום

מאַן און די צווייטע צו דער פרוי. דער מאַן דאַרף זיין דער ברויט געבער און די פרוי דאַרף זיין אַ מאַמע.

צו האָבען אַ קינד איז נאָך פיעל שווערער ווי צו מאַכען אַ לעבען. פונדעסטוועגען טראָגט די פרוי אריבער אַלע שמערצען אַליין און זוכט גאָר ניט קיין שותף צו איהרע וועהטאָגען, און עס איז דאריבער מעהר ניט ווי לאָגיש, אַז ער זאָל אויך קיין שותף ניט זוכען אין זיין אבטהיילונג וואָס ער האָט צו זאָרגען פאַר פרנסה.

יעצט קומען די אַנדערע פראַגען: וואָס פאַר אַ ווירקונג קען מאַכען אויף אַ מיידעל דער פאַרשלאָג וואָס איהר געליעבטער מאַכט איהר זי זאָל נאָך דער חתונה געהן ארבייטען גלייך מיט איהם און איהם העלפען פערזאָרגען די צוקונפט? און אויב זי ענטזאָגט איהם, צו מיינט עס אַז זי האָט איהם גאָר אין גאַנצען ניט געליעבט?

היינטיגע יאהרען זיינען די מיידלאַך ניט אַזוי נאַריש און ניט אַזוי סענטימענטאַל ווי אַמאָליגע יאהרען. זיי געהן ארום אין דער וועלט מיט אָפענע אויגען. זיי זעהען און רעדען און פערברייננגען מיט צעהנדליגע יונגע לייט אויף אַ גאַנץ אַנשטענדיגען וועג, איינעם גלייכען זיי מעהר, איינעם ווייניגער, און ווען עס קומט צו דער פראַגע פון הייראַטען, דענקען זיי גוט נאָך, און מעגען זיי אפילו איינעם גלייכען מעהר ווי אַן אַנדערען, קוים זעהען זיי אָבער איין, אַז זיי וועלען מיט איהם ניט קענען האָבען קיין גליקליכען לעבען, ציהען זיי זיך גאַנץ פיין צוריק, און ווינשען איהם גליק מיט אַן אַנדערער.

עס איז דאריבער גאַנץ נאַטירליך, אַז ווען אַ יונגערמאַן קומט אַרוים מיט לשון צו זיין געליעבטער אַז זי זאָל איהם נאָך דער חתונה העלפען מאַכען אַ לעבען, און די מיידעל איז אַ קלוגע, זאָל זי דערפון אַליין גלייך פערשטעהן, אַז דער בחור וועט ניט זיין קיין גוטער פאַמיליען מאַן, און טראַכט דעם וואָס זאָנסט איז ער אַ גאַנץ פיינער באַי, און זי גלייכט איהם, קען זי זיך אָבער מיט

אזא מענשען ניט פערבינדען פיר אימער אַלס זיין לעבענס בעגלייטערין צו זיין.

איהר ענטזאגען זיך צו ערפילען זיין פאָדערונג, מיינט גאַר ניט אַז זי האָט איהם אין גאַנצען ניט ליעב געהאַט. נור עס מיינט, אַז זי איז אַ מיידעל מיט אַ גלייכען פערשטאַנד, און אַז ביי איהר געהט ליעבע האַנד אין האַנד מיט איבערלייגונג.

עס איז מעהר ווי זיכער, אַז ווען ער נעהמט מיט איהר גאַר קיין תנאים ניט אויס, און ער זאָגט איהר גאַר ניט וועגען ארבייטען נאָך דער חתונה, ווען עס וואָלט חלילה עפּעס פּאַסירען, אַז דער מאַן זאָל ניט קענען קריגען קיין ארבייט, וואָלט זי גאַר אַהן טענות אליין געגאַנגען ארבייטען און העלפען דעם מאַן ווי ווייט עס וואָלט נור מעגליך זיין, ווען ער זאָל עס אפילו שטאַרק ניט וועלען ליידען.

דער מלך און די מלכה

פּסח, דער גרויסער, ערהאבענער יום טוב פון „זמן חרותנו“, איז אַ יום טוב פון פרייהייט פון זעלבסט־שטענדיגקייט, און ער קומט צוזאַמען מיט'ן ליעבען זיסען פריהלינג, ווען אַלעס לעבט אויף, ווען די זון פאַנגט אַן צו שטראַהלען וואַרימער און שיינער ליכטיגער. עס איז אַ סאַרט תחיית המתים, נאָכ'ן לאַנגען, קאַלטען און שווערען ווינטער.

פּסח איז דער מאַן אַ מלך, און די פרוי אַ מלכה

אבער —

דאָס איז די איינציגע מלוכה אין דער וועלט, וואו דער מלך לעבט אליין אַ גוטען טאָג, און די מלכה מוז קאָכען און באַקען

און ראמען און פארנעהמען די שטעלע פון אן איינפאכע דיענסט.

אלס א כלל האט די ארימע פרוי קיין שום יום טוב ניט אין איהר לעבען. פאר איהר זיינען אלע טעג פון א גאנץ יאהר א גלייכע מאטערנים און פלאגעניש. ווען זי איז ניט אין שטאנד צו האלטען א דיענסט, קומט זי אריין אין יום טוב א מיעדע, אן אויסגעמאטערטע, פון שווער זארג און פון ארבייטען פאר יום טוב, און ערשט יום טוב דארף זי ווידער שווער ארבייטען דעם מלך צופריעדען צו שטעלען, ער זאל האבען פיינע לאטקעס און גוטע קניידלאך, און זי, די מלכה, די קעניגין, משטיינס געזאגט, האט זאגאר ניט קיין געלעגענהייט זיך אבצורוהען אביסעל לכבוד יום טוב.

דאס גאנצע לעבען פון דער פרוי, פון וויעגעלע ביז'ן קבר, איז אם מעהרסטען זעהר א טרויעריגער.

נאטירליך רייכע פרויען, וועלכע האלטען דיענסטען און משרתים מאטערען זיך ווייניגער, אבער דאך קענען זיי ניט לעבען אזוי גליקליך און אזוי זארגלאז ווי די מענער.

דער מאן וואס האט אויף זיך דעם עול פון „בזעת אפך תאכל לחם", אזוי שנעל ווי ער ווערט רייך, מוז ער ניט פאלגען דעם פסוק, כאטש גאט אליין האט עס געהייסען, פאר געלד פיהרט ער אויס אז אנדערע זאלען שוויצען, און ער זאל עסען דאס ברויט. אבער די פרוי, מעג זי זיין ווי רייך, מוז זי אליין ערפילען איהר פליכט פון „בעצב תלדי בנים". זי קען מיט קיין געלד ניט בעצאהלען אנדערע, אז זיי זאלען האבען די וועהטאגען און זי זאל האבען דאס קינד. זי מוז אליין ליידען אלע חבלי לידה, ווי די ארימסטע פרוי, זי מוז אויך ליידען אלע אנדערע שמערצען און עגמת נפש וואס זיינען פערבונדען מיט ערציהען קינדער. דער אונטערשיעד איז אבער דאס וואס די רייכערע פרויען וועלכע האבען דיענסטען, קענען אוועקגעהן פון הויז ווען זיי ווילען אביסעל זייערע געדאנקען צו צערשטרייען. זיי האבען אויף וועמען צו לאזען די קינדער, וועהרענד די ארימע פרויען וועלכע האבען קליינע קינדער קענען קיינמאל פון הויז ניט ארויסטרעטען. זיי זיינען

אימער פערשפארט ווי אין א פריזאן, זיי ווייסען ניט פון קיין טאג און פון קיין נאכט, פון קיין שבת און פון קיין יום טוב, שטענדיג איינגעשפאנט אין דער שווערער יארמא פון ארבייט און אנשטרענגונג, און ווען עס קומט א יום טוב, האט זי נאך מעהר ארבייט ווי אימער, עס איז דאריבער גאר קיין וואונדער ניט וואס איהר בעגעגענט אויף שריט און טריט אזוי פיעל פרויען וואס ווערען אלט פאר דער צייט, און זיינען נערוועזע פרויען און צובראכענע שארבענס, אין דער צייט ווען זייערע מענער קוקען נאך אויס יונג און שעהן און געזונד.

א פריזאנער וואס זעהט קיינמאל ניט אן די ליכטיגע שיין, מוז וועלקען און אונטערגעהן פאר דער צייט.

דער עבדים היינו וואס די מענער זאגען צו די סדרים, האט א סך בעסער געפאסט צו די פרויען. ווייל זיי זיינען ניט בלויז געוועזן, נור זיי זיינען נאך יעצט אויך פערשקלאפט, און דער הויפט אונגליק איז נאך דאס וואס די מעהרסטע מענער ווילען עס ניט אנערקענען, און ווילען ניט צוגעבען, אז די גרעסטע גענעראַ־לען אין די שלאכטפעלדער זיינען ניט אזעלכע העלדען ווי די איינפאכע פרויען, וועלכע זיינען מקריב זייער גאנצען לעבען פאר זייער מאן, פאר זייערע קינדער און פאר זייער היים.

וויא גוט איז דער פליעג, וועלכע שוועבט און זומזעט, זוכענ־דיג א פינטעלע צוקער איהר הונגער צו שטילען. ווי שלעכט איז דער פליעג וועלכע ליעגט אין א פולען קרוג האניג און קען פון׳ם האניג די פיס ניט ארויסציהען, און אין דעם האניג איז איהר טויט.

י״ל גארדאן.

גוט געהייראטה איז אנגעטהון פליעגעל. שלעכט געהייראטה איז אנגעטהון קייטען.

ה. וו. ביטשער.

טהרת המשפחה

עס איז זעהר לייכט אז א טריין זאל ארונטער פון די טרעקס. עס געדויערט ניט לאנג. א מינוט. און דער אונגליק איז געשעהן! אבער צו ברענגען צוריק די זעלבע טריין אויף די ריכטיגע טרעקס מוז שוין נעהמען א מאסע צייט און שווערע ארבייט.

דאס זעלבע איז מיט דעם פאמיליען לעבען. עס איז זעהר לייכט צו מאכען א חורבן פון דעם שעהנעם פאמיליען טעמפעל, וואו עס רוהט די שכינה פון ליעבע און טהרת המשפחה אבער ווי שווער איז נאכהער אלעס צוריק גוט צו מאכען!

אין א פאמיליע דארף מען זיין שטארק געהיט מיט צייטונגען און ביכער וואס מען ברייננט אהיים. עס זיי־נען דא אזעלכע צייטונגען און ביכער וואס זיינען אן אמת'ער גיפט, סם המות, צו פא־מיליען גליק. עס זיינען דא מאנכע אידישע ביכער און צייטונגען, וואס ווען מען לעזט זיי מוזען זיי אויף אייך מאכען דעם איינדרוק אז די וואס האבען זיי געשריעבען קריעגען בעצאהלט פון דעם שטן אליין אום אראפצופיהרען אנשטענדיגע מענער און פרויען פון דרך הישר.

ווען מען נעהמט אזא צייטונג אדער אזא בוך אין האנד, און מען זעהט ווי פון ערשטען פיידזש ביז'ן לעצטען איז יעדער קאלום אדער יעדעס בלאט פול מיט פאמיליען־סקאנדאלען, פאנגט מען אן צו דענקען, אז די גאנצע וועלט איז פערדאר־בען, אויף אזא ארט און ווייזע ווירקט עס לאנגזאם אבער זיכער, אז דיא היילינקייט פון טהרת המשפחה זאל פערליערען איהר גלאנץ, און אנשטענדיגע מענשען וואס לעזען אזא ליטעראטור, ווען זיי אליין ווערען אפילו ניט אראפגעפיהרט פון דרך הישר, קריעגען זיי אבער צו דער זעלבער

צייט א פאַלשען בעגריף צו דיינקען, אַז נור זיי זיינען אַלרייט, ווייטער זיינען אַלע אַנדערע מענשען פערדאָרבען, און זיי הויבען אָן צו קוקען אויף דער גאַנצער וועלט מיט פערדעכטיגע אויגען.

ווערענד דער אמת איז, אַז די וועלט, אַלס א כלל, זיינען אַלע אַנשטענדיגע מענשען. די אַלע סקאַנדאַליעזע געשיכטען זיי־נען אַלע איינצעלנע, זעלטענע פעלע, נור אַזאַ צייטונג וואָס גלייכט סקאַנדאַלען, מאַטערט זיך און זוכט צוזאַמען פון אונטער דער ערד דעם לילית שטאָף וואָס זי גלייכט, און ווען זי געפינט עס ניט גענוג, טראַכט זי נאָך אויס אַביסעל אייגענע, און פון אַלע שעהנע זאַכען אין לעבען פערשווייגט זי. דאַריבער קומט ביי זיי אַרויס א גאַנץ אַנדער וועלט, אַן אונטערוועלט, וואוהין אַנ־שטענדיגע מענשען קומען קיינמאָל ניט און דאַרפען דאָרט ניט זיין, און דאַרפען זאָגאַר ניט וויסען וואָס דאָרט קומט פאָר.

אָבער דיעזע שלעכטע ליטעראַטור, ווי אַלע אַנדערע שלעכטע מדות, וואָס ווירקען אָפּצושוואַכען די אידישע טהרת המשפחה, זיינען אַלץ גענאַשט פון אונזערע שכנים אין די גלות לענדער. דער איד וואָס האַלט טהייער זיין אמונה און גלויבט אין ובחוקותיהם לא תלכו, דער האַלט נאָך אימער זיין פאַמיליען לעבען ווי קלאָר־ווייסע זייד, און וועט זיך היטען פון דער מינדעסטער זאַך וואָס קען דאַרויף ברענגען דעם מינדעסטען פלעק.

היער איז א סעמפּעל פון אונזער אַלטע פאַמיליען ליטעראַטור, וואָס קען און וועט קיינמאָל ניט פערליערען איהר ווערדע. ס׳איז אַן אויסצוג פון „לב־טוב", צעהנטער קאַפּיטעל:

א מוטער האָט חתונה געמאַכט איהר טאָכטער. ווען די טאָכ־טער האָט געדאַרפט אַוועקפאָהרען צום מאַן און האָט זיך געזעגענט מיט דער מאַמע, האָט איהר די מאַמע געזאָגט:

— וואַרט מיין טאָכטער, איידער דו פאָהרסט אַוועק וועל איך דיר אָנזאָגען איינינע וויכטיגע זאַכען.

— זאָג, מאַמע, איך וועל דיך אַלעס פאָלגען.

— געדענק, טאָכטער, איך ענטפער דיך איבער צו א פרעמדען מענשען אין די הענד אריין. איך וויס ניט וואָס פאַר א מענש

ער איז. דאריבער װיל איך דיר אנזאגען צעהן זאכען װאס דו זאלסט טהאן, און אז דו װעסט מיך פאלגען, װעסטו האבען א גליקליכע װעלט, דײן מאן װעט דיך ליעב האבען װי זיך אלײן, װען ניט װעט זײן פארקעהרט:

דאס ערשטע מײן ליעבע טאכטער, זאלסטו דײן מאן קײנמאל ניט ברענגען אין כעס. װען ער װעט זײן לוסטיג, זאלסטו ניט זײן טרויעריג, און װען ער װעט זײן טרויעריג, זאלסטו ניט זײן לוסטיג. זאלסט אימער צו איהם רעדען מיט גוטע רײד, פרײנדליך. א מאן איז אמאל קאפריזנע, איבער דאגות פרנסה, אז דו װעסט צו איהם רעדען מיט גוטע רײד װעט דאס שטילען זײן צארן.

צװײטענס, מײן ליעבע טאכטער, זאלסטו אכטונג געבען אויף זײן עסען. זאלסט איהם מאכען אזעלכע מאכלים װי ער גלײכט, און זאלסט דאס עסען אימער האבען פערטיג אין צײט, װײל װען א מאן קומט א הײם הונגעריג און טרעפט ניט דאס עסען פערטיג, איז ער אין כעס.

דריטענס, מײן טהײערע טאכטער, זאלסטו זיך היטען איהם ניט אויפװעקען פון שלאף, טאמער האט ער זיך ניט ניט אויס־געשלאפען, און ער קען דערפאר ברוגז װערען.

פיערטענס, זאלסטו װיסען, אז דײן מאן ארבײט שװער אויף זײן געלד און דו זאלסט עס ניט ספענדען אויף זאכען װאס מען דארף ניט.

פינפטענס, זאלסטו ניט בעגעהרען צו װיסען זײנע סודות. און װען דו װײסט יא, אדער ער װעט זיך פאר דיר בעריהמען מיט עפעס, זאלסטו עס ניט זאגען פאר קײן מענשען אין דער װעלט.

זעכסטענס, װעמען ער װעט פײנד האבען זאלסטו אויך פײנד האבען, און װעמען ער װעט ליעב האבען זאלסטו אויך ליעב האבען.

זיעבעטענס, זאלסטו טהאן אלעס װאס ער װעט דיר הײסען אין זאכען װאס זײנען פײן פאר גאט און פאר לײט. זאלסט איהם ניט איבערשפארען אין זײנע מײנונגען.

אכטענס, זאָלסטו קיינמאָל ניט פאַדערען פון דיין מאַן אַ זאַך וואָס עס איז פאַר איהם צו שווער עס דורכצופיהרען, ווייל דאָס ברענגט צו שנאה.

נייטענס, זאָלסטו זיין ריין און עהרליך, אין מחשבה און אין טהאָט. זאָלסט ניט רעדען קיין שלעכטע רייד אויף קיינעם, אפילו פאַר פרעמדע מענשען, פאַר דיין מאַן אוודאי ניט.

צעהנטענס, אַז דו וועסט האַלטען דיין מאַן פאַר אַ קעניג, וועט ער דיך האַלטען פאַר אַ קעניגין, און איהר וועטביידע לעבען גליקליך, און ערציהען דורות פון קינדער וואָס וועלען זיין אַ ציערונג פאַר גאָט און פאַר לייט, ווייל דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פון'ם בוים.

די טאַטעס און די קינדער

ווען מיר קוקען זיך צו צום אידישען פאַמיליען לעבען אין אמעריקא, זעהען מיר אַ מערקווירדיגע זאַך. מיר זעהען אַז די ערציהונג פון קינדער ווערט דאָ אין גאַנצען אַרויפגעוואָרפען אויף דער מוטער, זי זאָל זיך פערדרעהן איהר קאָפּ, וועהרענד דעם פאַ־טער'ס איינפלוס אויף די קינדער ווערט אין גאַנצען פערנאַכלעס־סיגט.

דער רעזולטאַט איז זעהר אַ טרויעריגער, ווייל אַם מעהרסטען ווילען די קינדער ניט פאָלגען זייערע מאַמעס, און די מאַמעס האָ־בען שרעקליכע ערגערנים, מוזען זיך אויסעסען די גאַל ביי יעדע קלייניגקייט, און נאָכהער ווען עס קומט אַ צייט אַז די פאָטערס דערזעהן: אַז זייערע קינדער זיינען ניט ווי עס דאַרף צו זיין,

האבען זיי נאך טענות צו דער מאמע. די מאמע איז שולדיג אין אלעם. זי האט זיי אזוי געלערענט.

דער דורכשניטליכער איד אין אמעריקא וויל גאר ניט בעגרייפען די גרויסע פעראנטווארטליכקייט פון א פאטער. ער דענקט אז ער טהוט זיין פולע פליכט, דערמיט וואס ער ארבייט מיט'ן ביטערען שווייס צו בעזארגען זיינע קינדער מיט א היים און מיט ברויט. ווען ער איז בעסער אב און ספענדט אויף זיינע קינדער מעהר געלד איז ער דאך אודאי א פיינער טאטע, דענקט ער, און דאס איבעריגע איז ניט זיין עסק, זאל זיך די מאמע טהון וואס זי וויל, ער האט קיין צייט ניט זיך אבצוגעבען מיט דער ערציהונג פון זיינע קינדער. ער האט בילכערע זאכען, ער איז א פערנומענער מענש!

נעהמט אירגענד וועלכען מאנופעקטשורער אדער ביזנעס מאן און איהר וועט זעהן אז ער איז א סך מעהר בעקאנט מיט זיינע אפיס־באים ווי מיט זיינע אייגענע זיהן. ער איז א סך מעהר היימיש און ווייסט מעהר אלע אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון זיינע בוקקיפערס ווי פון זיינע אייגענע טעכטער.

ער נעהמט זיך קיינמאל ניט די צייט צו פאהרען אדער געהן ערגיץ מיט זיינע זיהן און טעכטער, אדער זיך אוועקצוזעצען מיט זיי אויף א האלבע שטונדע און האבען מיט זיי אן ערנסטען און א לאנגען געשפרעך וועגען וויכטיגע זאכען פון לעבען. ער זעצט זיך קיינמאל ניט אוועק מיט זיינע טעכטער זיי ערקלעהרען אין א הארץ־צו־הארץ געשפרעך וואס ער ערווארטעט פון זיי, וואס זיי זאלען טהאן, ווי זיי זאלען זיך אויפפיהרען, וואס פאר א וועג עס איז בעסער און וואס פאר א וועג עס וועט זיך אויסלאזען שלעכט פאר זיי. וועהרענד מיט די מיידלאך וואס ארבייטען ביי איהם אין אפיס וועט ער עס יא טהון, און וועט זיי צו יעדער צייט געבען די בעסטע און די פריינדליכסטע עצות, ווי זיי זאלען זיך אויפפיהרען אין לעבען.

דאָס זעלבע נעהמט דער מאַן מעהר אינטערעסע אין זיין אַפּיס־באַי ווי אין זיין אייגענעם זוהן. ער וועט קיינמאָל זיך ניט אַוועקזעצען מיט זיין זוהן אין אַ קאָנפידענשעל געשפּרעך, איהם זאָגען: זוהן מיינער, דאָס זאָלסט דו יאָ טהאָן, דאָס זאָלסט דו ניט טהאָן, א. ז. וו. — אַלעס וואָס ער ווייסט איז, אַז ווען דער מוטער דערגעהט עפּעס אַמאָל צום הארצען און זי מאַכט אַ קאָמפּ־ליינט אויף אַ קינד, שרייט ער זיך גוט אָן אויף'ן קינד, אָדער אויף'ן קינד מיט דער מוטער צוזאַמען, און דערמיט ענדיגט זיך די טראַגי־קאָמעדי.

די גאַנצע צוקונפט פון די קינדער איז דאריבער אָבהענגיג דאָ נור אין די מוטערס. דער פאָטער נעהמט פון זיך אַראָב דיעזען גרויסען שווערען יאָך און וואַרפט איהם אַרויף אויף דער מוטער. די אידעע פון די קינדער איבער זייער פאָטער, איז אַז אַ טאַטע איז עפּעס עהנליך צו אַ קעש־רעדזשיסטער, וואו אַנדערע וואַרפען אריין געלד און זיי און די מאַמע נעהמען עס אַרויס, דאָס אַלעס. קיין שום איינפלוס האָט ער ניט אויף זיי, ער איז צו זיי פרעמד, ריכטיג ווי ער וואָלט זיין דער שכן פון נעקסט־דאָר. די גאַנצע ערציהונג ליגט אין די הענד פון דער מוטער: זי בעשליסט ניט בלויז וואָס פאַר אַ שפּייז דאָס קינד דאַרף האָבען, אין וויעגעלע, נור אויך די גאַנצע קאַרעירע פון דעם קינד'ס לעבען. זי דרעסט די קינדער ווי זי וויל. זי בעשליסט אין וואָס פאַר סקוהלס זיי זאָלען געהן, וואָס פאַר פריינד זיי זאָלען האָבען, מיט וועמען זיי זאָלען יאָ געהן און מיט וועמען ניט. דיעזע אַלע וויכטיגע פראַ־גען מוזען פון דער מוטער אליין געסעטעלט ווערען, ווייל דער פאָטער וויל פון קיין זאַך ניט וויסען, ער איז מיט אַלעם צופריעדען און ער מאַכט ניט דעם מינדעסטען פּראָטעסט, אויסער ווען די בילס זיינען צו גרויס, אָדער ווען אַ זאַך לאָזט זיך אויס שלעכט. דאַן ווערט ער מיט אַמאָל אַ נביא און זאָגט, אַז ער האָט פריהער געוואוסט, אַז אַזוי וועט זיך אויסלאָזען, ווייל דאָרט וואו אַ אי־דענע מישט זיך קען קיין גוטעס ניט אַרויסקומען.

ער וויל גאָר ניט נעהמען אין אָנבעטראַכט אַז דאָס איז זיין

אייגענע שולד. ער וויל גאר ניט וויסען, אז די פרוי האט צופיעל זאכען צו פערזארגען אום צו מאכען אז די היים זאל ווערטה זיין צו טראגען דעם נאמען „היים“, ער וויל גאר ניט א טראכט טהאן, אז א פאטער קען האבען מעהר איינפלוס אויף קינדער ווי א מוטער, און אז דער הויפט־שולדיגער איז ער אליין וואס האט זיין איינפלוס פערנאכלעסיגט.

עס איז דאריבער גאר קיין וואונדער ניט וואס מאסען קינדער פיהרען זיך אויף ניט ווי עס דארף צו זיין, און ווערען רואינירטע מענשען פיר זייער גאנצען לעבען. די פאטערס, אם מעהרסטען די וואס זיינען מעהר אדער ווניגער בעסער אב — די גרעסערע און קלענערע ביזנעס לייט, וועלכע רעכענען אלעס אויף דאלארס און סענטען, ווען זיי קוקען זיך אם ענדע ארום, און זעהען וואס פון זייערע קינדער איז געווארען, טראכטען זיי זיך אז קינדער איז די ערגסטע אינוועסטמענט אויף וועלכע זיי האבען אוועקגעלעגט אזוי פיעל ארבייט זייער גאנצען לעבען. אבער אנשטאט זיי זאלען האבען טענות צו די קינדער, דארפען גאר די קינדער האבען טענות צו זיי.

ווען קינדער זיינען יונג מוזען זיי האבען א לעהרער, א וועגוויזער. עס זיינען דא זאכען צו וועלכע די מאמע קען אטענדען. צו האלטען די קינדער ריין, ציכטיג, צו היטען זייער געזונד, דאס איז דער מאמע׳ס ארבייט און דאס אליין איז גאנץ גענוג פאר דער מוטער. ווען עס קומט אבער צו פערזארגען די צוקונפט פון די קינדער, זיי פארצו בערייטען צום ארויסקומען אין דער וועלט אלס מענשען, אלס סאלדאטען אין דעם גרויסען קאמפף פון לעבען, ווען עס קומט צו דער פראגע פון „פריפערעדנעס“, — דאס איז שוין דעם פאטער׳ס פפליכט צו ערפילען, דא דארף דער פאטער שטעהן אויף דער וואך און היטען זיינע קינדער מיט טויזענד אויגען. אזוי ווי ער גיט אוועק פאר זיינע ביזנעס אכט שטונדען אין טאג אדער מעהר, אזוי מוז ער אם וועניגסטען א שטונדע יעדען טאג אטענ־

דען צו די ביזנעס פון זיך בעקענען מיט זיינע קינדער, רעדען מיט זיי, און אין אינטימע פריינדליכע געשפרעכען זיי אויפמערקזאם מאכען אויף זיין אידעאל וואס ער זוכט צו געפינען אין זיינע קינדער.

די דאזיגע שטונדען איז גראדע די בעסטע אינוועסטמענט וואס א מענש קען מאכען אין לעבען. ווייל ווען אייערע קינדער וואקסען אויס גרויסע פיינע מענשען, איז דאס די בעסטע אינשורענס צו אייערע עלטערע יאהרען. עס גיבט ניט קיין בעסערע באלזאם און קיין בעסערע טרייסט צו אלטע טאטע מאמע ווי פיינע אנשטענדיגע קינדער.

יעדער מענש בעט ער זאל אלט ווערען. אבער ווען די אלטע יאהרען קומען — ווען מען האלט ביים „עלינו" פון לעבען, ווען מען פאהרט שוין פונ'ם יאריד, ווען מען הויבט אן פיהלען שוואך און מיעד פונ'ם לעבענס טאראראם, דערזעהט מען דאן אז מען איז זעהר עלענד און איינזאם. אלע אייערע פריינד פערלאזען אייך, קיינער האט קיין חשק ניט צו פערברענגען דארט וואו דער מלאך המות ווערט ערווארטעט יעדע מינוט, און אן אימה'דיגער עלענד רינגעלט אייך ארום פון אלע זייטען, דער שאטען פון טויט איז שרעקליך שווארץ און מאכט שווארץ און פינסטער די גאנצע וועלט ארום אייך, און די איינציגע ליכטיגע ווארימע שטראהלען וואס בלייבען דאן עטוואס צו דערווארימען אייער נשמה און צו בעלייכטען די טיעפע פינסטערנים ארום אייך, זיינען פיינע, גוטע, אנשטענדיגע קינדער. איהר זיינט געשטאנען ביי זייער געבורט און זיי פערלאזען אייך ניט ביז אייער יציאת נשמה.

און קיין בעסערע אינוועסטמענט קען דאריבער א פאטער ניט מאכען ווי אבצוגעבען יעדען טאג א שטונדע, זיך נעהענטער צו בעקענען מיט זיינע קינדער און זיי געבען גוטע פאטערליכע ליעבע און טרייע עצות, ווי זיך אויפצופיהרען אין לעבען.

ווי אויסצומיידען פאמיליען טרא־בעלס

די מעהרסטע טראבעלס וואס קומען פאר אין פאמיליען לעבען וואלט מען זעהר לייכט געקענט אויסמיידען, ווען די פרוי זאל קוקען אויף'ן לעבען אביסעל מעהר פילאזאפיש.

די מעהרסטע צרות אין פאמיליען לעבען קומען דערפון וואס מענער פיהלען ניט קיין צופריעדענהייט צו דער היים. די גרעסטע צאהל מענער שמעקען מיט לופט. זיי קומען א היים נאך זייער טאג ארבייט, כאפען אב שנעל זייער סאפער, און לויפען אין דער וועלט אריין. זיי געהן איבעראל, וואו מען דארף און וואו מען דארף ניט, אבי אין דער היים ניט זיין.

נאטירליך די פרויען, וועלכע זיינען אם מעהרסטען איבערגע־בען מיט לייב און לעבען צו דער היים, ווילען עס ניט ליידען און זיי פיהלען זיך דערפון שרעקליך געערגערט.

יעדער פרוי ווייזט זיך אויס, אז נור איהר מאן איז אזוי, אז נור איהר מאן האלט זיך ניט אין שטוב, און אז זי איז די איינ־ציגע וואס האט אזא פינסטערע מערכה.

אנפאנגס וויינט זי און בעקלאגט איהר ביטערען מזל שטילער־הייד; נאכהער ווען זי זעהט אז איהרע טרערען העלפען ניט, זי קען מיט גוטען גאר ניט מאכען, פאנגט זי אן מיט בייזען, און עס הויבט זיך אן א סדרה פון קללות, בזיונות און סקאנדאלען, וואס מאכען אפט א חורבן און רואינירען דעם גאנצען שלום בית.

עס איז ניטא קיין ערגערע קללה אין דער וועלט ווי סקאנ־דאלען צווישען מאן און פרוי אין א הויז. וואו עס זיינען דא קינדער.

קינדער האבען א נאטור ניט צו פאלגען וואס מען הייסט זיי טהאן, דערפאר אבער נעהמען זיי שנעל איבער די קונסט פון נאכטהאן דאס וואס אנדערע טהוען, איבערהויפט געדענקען זיי נאכצוטהאן אלעס וואס טאטע־מאמע טהוען.

עלטערען וואס מאכען פערשיעדענע סקאנדאלען אין הויז קע־נען דאריבער זיין זיכער, אז עס וועט זעהר שלעכט ווירקען אויף'ן גאנצען צוקונפטיגען לעבען פון זייערע קינדער.

עס ליעגט דאריבער א הייליגע פליכט אויף יעדער מוטער צו זעהן ווי וויים מעגליך אויסצומיידען טראבעל און סקאנדאלען אין הויז.

די יעניגע וואס האבען ניט קיין גליקליכען פאמיליען־לעבען, און וויסען ניט דעם געטליכען גענוס פון א ליעבע זיסע היים, די קענען גאר קיין בעגריף ניט האבען וואס אמת'ע פערגעניגען היסט אויף דער וועלט.

אלעס וואס מען שטעלט זיך פאר אין דער פאנטאזיע וועגען דעם גן־עדן אויף יענער וועלט, געפינט מען עס אין א גליקליכען פאמיליען־לעבען אויף דער וועלט.

און אין ניינציג פראצענט פון הונדערט זיינען די מענער אליין שולדיג וואס זיי האבען ניט קיין גוטען פאמיליען־לעבען. זיי נעהמען מיט זייערע אייגענע הענד און צוברעכען זייער גליק.

די מעהרסטע מענער דענקען אז זיי זיינען גאנץ גוטע מענער און טהוען זייער פולע פפליכט צו זייערע פרויען דערמיט וואס זיי גיבען זיי עסען און קליידער. אמת, דאס איז א גרויסע טהייל פון דעם מאן'ס פפליכטען — אבער דאס איז ניט אלעס. דאס איז נור דער אנפאנג. א פרוי'ס נשמה מוז אויך האבען שפייז און

קליידער אזוי גוט ווי איהר קערפער. און דער מאן וואס טהוט ניט עטוואס פאר דער פרוי זי זאל זיך פיהלען מונטער, לוסטיג און גליקליך, פערהונגערט ער איהר נשמה און דאס איז ריכטיג אזוי שלעכט ווי ער וואלט פערהונגערען איהר קערפער.

עס זיינען דא זעהר פיעל מענער וואס ווען מען דערזעהט זיי אריינקומען אין הויז פאלט א מורא אויף דער גאנצער פאמיליע. ער קומט אריין אין הויז ווי א גאנטע, גרייט דורס צו זיין דאס ווייב מיט די קינדער, זיין קומען אהיים ווערט בעטראכט אלס אן אונגליק, און ווייב און קינדער לעבען מיט'ן חיות, וואס באלד וועט ער ערגיץ אוועקגעהען און זיי וועלען ווידער קענען דעם קאפ אויפהויבען.

א מאן וואס קומט אהיים מיט שטורם און ווארפט א פחד אויף זיינע אייגענע בני בית קען ניט פיהלען דעם טעם פון א זיסען גליקליכען פאמיליען־לעבען.

ווען קינדער דארפען זיך היטען צו לאכען ווען דער טאטע איז דא אין הויז, און ווען די פרוי קען קיין שמייכעל ניט טהאן די גאנצע צייט וואס דער מאן זיצט אין שטוב, איז די היים א גיהנום, א פינסטערער יאמערטהאל, ניט ווי עס בעאבזיכטיגט צו זיין א טעמפעל פון גליק און פריעדען, פון פרייד און ליעבע.

דער וועג צו שלום בית און צו א גליקליכען פאמיליען־לעבען קען נור ערדייכט ווערען דאן ווען די ווייב און קינדער ערווארטען מיט אונגעדולד דער טאטע זאל שוין קומען, און ווען ער קומט אהיים פאר נאכט פון זיין ארבייט אדער פון זיין ביזנעס פילט ער אן זיין היים מיט ליכט און פרייד. דער מאן דארף אזוי אפט ווי מעגליך ברענגען עפעס מתנות אהיים פאר דער פרוי און די קינדער. עס מוז ניט זיין דוקא זאכען וואס קאסטען פיעל געלד. דער עיקר איז דער געפיהל וואס איהר האט זיי אין זינען און זיינט גערען זיי צופריעדענצושטעלען, ווי ווייט עס איז נור מעגליך און ווי ווייט אייערע אומשטענדע ערלויבען עס אייך.

עס דאַרף אייך גאַר ניט קאָסטען צו זאָגען אייער פרוי ; מיין ליעבע ווייב, ווי גליקליך וואָלט איך מיך געשעצט איך זאָל דיר קענען מאַכען טהייערע דרעסעס און קויפען פיינע דזשועלערי, און איהר מאכט דערמיט אייער פרוי אזוי גליקליך ריכטיג ווי איהר וואָלט אויף איהר געספענדט הונדערטע דאָלארס.

א מאַן דאַרף בעמערקען די ארבייט וואָס די פרוי טהוט און דאַרף זי לויבען פאַר איהר ארבייט זי זאָל פיהלען אַז וואָס זי טהוט ווערט אנערקענט. דאַן וועט אויף איהר די ארבייט ניט פאַלען אזוי שווער. און וואָס זי טהוט וועט זי טהון מיט חשק און איבערגעבענהייט, און וועט האָבען פערגעניגען פון איהר ארבייט.

דער מאַן וואָס זוכט שלום בית און וויל עטאַבלירען א גליקלי־כען פאַמיליען־לעבען פאַר זיך און פאַר זיינע צוקינפטיגע דורות, דאַרף זיין פרוי מאַכען פיהלען אַז זי איז ארומגערינגעלט מיט זיין ליעבע און צערטליכקייט ווי מיט דער לופט וואָס זי אַטהעמט אין זיך אריין.

דאָס לעבען פון דער פרוי וועלכע האָט חתונה מיט אַן ארעמאַז איז זעהר מאָנאָטאָנע, איינפערמיג, זי האָט ניט קיין פּראָזדניקלאַך אַלע מאנטאַג און דאנערשטאַג ; זי פאָהרט ניט ארום יעדען טאָג אין אַן אַנדער פּלאַץ צו זעהען און בעוואונדערען די גרויסע, שעהנע רייכע וועלט. זי איז תמיד פעראַרבייט, זי איז שטענדיג ביזי ארום הויז און ארום די קינדער, זי מוז אַלעם טהאָן אַליין, און יעדען טאָג די זעלבע ארבייט, און ווען דער מאַן זאָל איהר ניט ציינען אַ ליעבליכען שמייכעל און זאָל זי ניט לויבען און איהר געבען כאָטש א דאנק פאַר איהר פלאַגעניש, דאַן איז זי די אונגליק־ליכסטע פרוי אין דער וועלט. ווי זי וואָלט בעשאַפען געוואָרען בלויז צו שקלאַווען אזוי לאַנג ביז זי וועט פאַלען אונטערן שווערען יאָך פון איהר ארבייט. ניט האָבענדיג געזעהען קיין איינציגען ליכטיגען שטראַהל אין איהר פינסטערן לעבען.

קען מען דאָס אַנרופען א לעבען ? ...

נאטירליך האט די פרוי אויך געוויסע פפליכטען צו ערפילען אום צו ערדייכען א גליקליכען פאמיליען־לעבען, און עס זיינען דא זעהר פיעל פרויען וואס ערפילען נים זייערע פפליכטען ריכטיג, טראץ דעם וואס זיי ליעבען זייער מאן און זיינען איהם אמת טריי און איבערגעבען. זיי בעגרייפען נים דעם צושטאנד אין וועלכען זיי געפינען זיך. זיי וואלטען געלאפען אין פייער און אין וואסער פאר זייער מאן ; זיי וואלטען מיט פערגעניגען גע־שטארבען פאר איהם, אבער ווי צו לעבען פאר איהם, ווייסען זיי נים און ווילען נים וויסען.

איהר וועט עס קיינמאהל נים קענען איבערציינען א פרוי אז דער בעסטער וועג צו העלפען דעם מאן איז איהם געבען גוט עסען, איהם מאכען א בעקוועהמע היים, און איהם שאפען אזא אט־מאספערע אין וועלכער ער זאל קענען טהאן זיין ארביים אם בעסטען.

מיט פוצען זיך ווען ער קומט ; מיט חן׳דעלעך און מיט חנופה צו א מאן קען מען ווייט נים איינפאהרען. די איינפאכע, פשוט׳ע, שטילע פרוי וועלכע איז א גוטע באלעבאסטע, אדער ווי מען רופט עס א גוטע הויזקיפעריז, זי איז דער ריכטיגער ארכיטעקטאר וואס העלפען בויען דעם טעמפעל פון איהר גליקליכען פאמיליען־לעבען.

די הוהן ריהמט דעם פערד אלס דעם גרעסטען פילאנטראפ, ווייל ער ערלויבט איהר צוזאמענקלייבען פון דער ערד דאס ביסעל ארגעפאלענעם האבער פון זיין פולען מויל.

יהודה ליב גארדאן.

ווי א נארעל אהן א פאדים אזוי איז א קאפ אהן געהירען.

בערנע.

אלעס אין איינעם איז ניטא ביי קיינעם

זעהר אפט קומט פאר אין א הויז פאמיליען־טראבעל איבער גארנישט, איבער נארישקייטען.

ווען מען זאל קוקען אויף דער וועלט א ביסעל פילאזאפיש, ווען מען זאל בעטראכטען אז אלעס אין איינעם איז ניטא ביי קיינעם, און אז מען מוז נעהמען אלעס ווי עס קומט, ניט ווי מען וויל, וואלט מען געקענט זעהר פיעל טראבעל אויסמיידען.

עס זיינען דא מענשען וואס ווילען לעבען און קענען ניט, און אזעלכע וואס קענען לעבען און ווילען ניט.

עס זיינען דא מענער וואס האבען רק מורא פאר'ן דלות. זיי צעהלען צו דער פרוי יעדע פעני וואס זי דארף האבען אויף דער הוצאה. זיי וואלטען זיך גיכער געלאזט ארויסנעהמען צוויי צייהן, איידער איין דאלאר פון פאקעט, און דיעזע נארישע מענשען האלטען אין איין ציטערען פאר „מי יחיה", טאמער וועלען זיי לעבען לאנג און וועלען שפעטער ניט האבען.

האט קיין מורא ניט, נאראנים, איהר וועט ניט לעבען קיין טויזענדער יאהרען; לעבט היינט! יעדע מינוט וואס איהר פערברענגט אין זארג, אין מורא, און אין וועלען בעווארענען דעם מארגען, איז ארויסגווארפענע ארבייט, דאס קליינע מענשעלע קען קיין זאך ניט בעווארענען אין דער גרויסער וועלט.

ווען איהר קענט לעבען און ווילט ניט, זיינט איהר א פערברעכער, איהר רואינירט דאס גליק פון אייך און פון אייער פאמיליע, אהן א פאר־וואס. ציטערט ניט פאר'ן דלות, חלילה איין אונגליק, איין ערנסטע קראנקהייט, קען אוועקנעהמען ביי אייך מעהר ווי איהר קענט אפשפארען פון אייער פאמיליע'ס פערגעניגען יאהרען לאנג.

זעהט איהר, גרוים מיטלייד איז נעבאך מיט די וואס ווילען לעבען און קענען נים.

מען קען נים פארערען קיין פילאזאפישע אנזיכטען פון ארימע פרויען, פון גאנץ ארימע ארבייטער, וואס זיינען אימער בע־לעסטיגט מיט דאגות פרנסה, אדער בעסער געזאגט מיט דער דאגה פון׳ם שטיקעל ברויט מיט פוטער.

זיי ווילען נעבאך לעבען און קענען נים.

עס איז נים קיין לייכטע זאך צו טראכטען און צו זארגען יעדען טאג וואס וועט זיין מארגען מיט ברעקפעסט ?

ווען ס׳איז דא פרנסה, ווען מען מאכט א פיינעם לעבען, געהט אלעס ווי אויף סטיעם. דער גראסערי מאן קומט יעדען אבענד נאך׳ן ארדער און ברענגט מיט כבוד יעדען פריהמארגען אין הויז אריין א ברעקפעסט כיד המלך.

דער אייז־מאן ברענגט אייז, דער מילך־מאן — מילך, דער בוטשער — פלייש, און אלעס געהט כשורה. ס׳איז ניטא וואס צו טראכטען און וואס צו קלעהרען, מען דארף זיך גאר דעם מח נים ברעכען.

ווען ס׳איז אבער קיין פרנסה ניטא. ווען דער מאן פערדיענט גאר נים, אדער ער פערדיענט ווענים, דאן פערהאקט זיך אלעס, און די גאנצע טריין וואס פיהרט די פאמיליע געהט נים אויף די ריכטיגע טרעקס.

און דאן נאטירליך ליידעט אם מעהרסטען די פרוי. דאן זיי־נען אלע פיער און צוואנציג שטונדען פון יעדען מעת לעת פאר איהר א לאנגע, שווערע ביטערע מאטערנים. דער מאן כאפט זיך נאך ווי עס איז ארויס פון הויז, געפינט א גוטען ברודער, פערברענגט ערגעץ א פאאר שטונדען און פערגעסט אין די צרות, וועהרענד די פרוי ווערט נערוועז און קען איינפאך משוגע ווערען פון זיצען אין הויז און קלעהרען און טראכטען.

זי וויל לעבע און קען נים. איהרע גראנקען זיינען אימער בעשעפטיגט מיט פינסטערע מרה־שחורה׳דיגע מחשבות :

וואס וועט זיין מארגען מיט ברעקפעסט ?

דער גראָסער וויל מעהר ניט באַרגען.

דער בוטשער איז אַליין אויך אַן אָרימאַן, ער קען מעהר ניט וואַרטען.

דער אייז־מאַן... אָבער ווער דאַרף דעם אייז־מאַן? ... צו וואָס?...

אַ גאַנצע טאָג דרעהט זיך נעבאַך אַרום דיזע אומגליקליכע פרוי איינגעשלאָסען אין די ענגע קליינע רומקעס, און ברעכט דעם מח אויף תירוצים:

וואָס זאָל זי זאָגען דעם לענדלאָרד, אַז ער וועט היינט קומען נאָך די רענט?

וואָס זאָל זי זאָגען פאַר אַ תירוץ דעם נייעם גראָסער? וואָס זאָל זי זאָגען דעם אַלטען גראָסער? ביז וואַנען קען מען מענשען ליגנערען? וואָס זאָל זי זאָגען דעם אַלטען בוטשער און דעם נייעם, ווען זיי וועלען קומען נאָך געלד?

יעדער רינג אין דער בעלל רייסט פון איהר אַרויס אַ שטיק האַרץ און אַ שטיק נשמה. עס קומט אַ מלאך המות...

און מעהר פון אַלעם מאַטערט זיך איהר זעעלע צו געפינען אַ תירוץ, פאַר די קינדער וואָס וועלען קומען פון סקוהל און וועלען שטעלען די געוועהנליכע אונשולדיגע פראַגע: „מאַמאַ, וואָס איז עפּעס דאָ צו עסען?...

נאַטירליך פון אַזעלכע אומגליקליכע מענשען קען מען ניט פאָדערען זיי זאָלען קוקען אויף'ן לעבען פילאָזאָפיש. זיי לעבען גאָר ניט. זיי זעהען בלויז ווי אַנדערע לעבען, ביי זיי ווען עס קומט פאַר פאַמיליען־טראָבעל, איז עס בלויז אַ טהייל, דער קלענסטער טהייל פון זייער גרויסען אומגליקליכען לעבען. זיי זיינען בייז אויף דער גאַנצער וועלט און לאָזען אויס דעם כעס צו זיך אַליין...

אָבער די וואָס מאַכען אַ לעבען און ווייסען ניט פון אַזאַ שטענדיגע שווערע זאָרג, זיי — ווען זיי נעהמען זייער לעבען און צערשטערען עס מיט זייערע אייגענע הענד, זיינען זיי רוצחים, גזלנים אויף זיך אַליין.

יעדער מאן קען געפינען חסרונות אין זיין פרוי, ריכטיג ווי יעדע פרוי קען געפינען חסרונות אין איהר מאן. קיין מענש איז ניט פאלקאמען. אבער מען דארף ניט זוכען חסרונות אייר נער ביים אנדערען. זוכט די מעלות, און האט דאבײ אין זינען די אמת'ע פילאזאפיע, אז אלעם אין איינעם איז נימא ביי קיינעם, און אז מען נעהמען אלעם ווי עס קומט, ניט ווי מען וויל...

מוטערס און קינדער

מיט א שטיק צייט צוריק איז אנגעקומען אין „מארגען זשור־נאל" א בריעף, וואס האט ארויסגערופען גרויס אינטערעסע ביי די לעזער. דער בריעף איז געווען פון א פרוי, וועלכע האט געפרעגט אן עצה וואס זאל זי טהון ? זי האט א מאן א פרייר דענקער, א מאן וואס וויל ניט וויסען פון קיין זאך וואס האט צו טהון מיט אידישקייט, און ער ערלויבט ניט בשום אופן מען זאל זיינע קינדער לעהרנען אידיש. אבער, אזוי ווי זי, אלס די מאמע פון די קינדער, דענקט אז זי האט עפעס אויך א דעה צו זאגען אין דער ערציהונג פון די קינדער, און זי איז גראדע יא רעליגיעז געזאנען, און זי וויל די קינדער זאלען אויסוואקסען אידען, האט זי געפרעגט אן עצה ביי די לעזער פון „מארגען זשורנאל, אויב זי מעג זיך ערלויבען צו בעגעהען די שרעקליכע זינד געגען איהר מאן, און לערנען איהר זוהן אידישקייט אין געהיים, דער מאן זאל ניט וויסען ?...

עס זיינען אנגעקומען און געדרוקט געווארען מאסען ענט־פערס אויף דער פרוי'ס בריעף. די פראגע איז ענטוויקעלט געווא־

רען אין א גאנצער דעבאטע. יעדער איינער האט דער פרוי גע־
געבען אן אנדער עצה. איך ווייס ניט אויב די פרוי האט די עצות
געפאלגט, אדער ניט; אבער וואס מיך האט אין דער גאנצער
פראגע פעראינטערעסירט, איז די אלטע אייביגע טראגעדיע פון
א פרוי, וועלכע האט דעם אונגליק אריינצופאלען אין די הענד
פון א שלעכטען מאן, אן אכזר, וועלכער גלויבט, אז ער איז
אלעס און די פרוי איז גאר ניט.

איך בין מעהר ווי זיכער, אז דער בעטרעפענדער מאן, דער
זאגענאנטער פריידענקער, איז מעהר צו׳לחכעיס׳ניק ווי פריי־
דענקער; גראדע ווייל די פרוי וויל אזוי, וויל ער אנדערש;
ווייל ווען ער וואלט ווירקליך זיין ניט מעהר ווי „פריידענקער",
וואלט ער פריהער געלאזט דאס קינד לערנען, און ווען דאס קינד
וועט עלטער ווערען און וועט ווערען א דערוואקסענער מענש
וועט ער נאכהער אליין זיך אויסקלייבען וואס פיר א וועג ער וועט
אליין וועלען אין לעבען. זיין ניט לאזען לערנען דאס קינד אי־
דיש, איז בלויז א רעזולטאט פון שלעכטען קאפריז, און פון
טרייען צו צייגען דער פרוי, אז איהר וואונש איז גאר ניט, אז
ער איז דער הערשער, און אז זי וועלכע האט דאס קינד געטרא־
גען, געבארען, געזויגען, און מיט שווערע מאטערנים ערצוי־
גען, איז מעהר ניט ווי א דיענסט, וואס האט איהם קיין דעה ניט
צו זאגען, ווי ער זאל מיט זיין קינד האנדלען.

דער אונגליק מיט די מעהרסטע מענער איז דאס וואס זיי
מיינען אז זיי זיינען גאנצע חכמים און פילאזאפען, און די פרוי
ווייסט גאר ניט. זיי ווילען ניט וויסען, אז דער פרוי׳ס בליק
אין דער צוקונפט איז א סך א ווייטערער ווי דעם מאן׳ס. די
פרוי בערעכענט אלעס פאראויס און ווייסט אז די אלע לופט־
געדאנקען די אלע פריידענקער־ביזנעס, איז א קראנקהייט וואס
געהט פאראיבער מיט דער צייט. ווען דער מענש ווערט עלטער
און געלאסענער, זעהט ער זיך ארום, אז אלע זיינע פרייע גע־
דאנקען און די גאנצע כלומר׳שטדיגע שנאה צו רעליגיאן, איז
בלויז א מיטעל צו האלטען ברייט אפען די טיהרען פון לוסט און

זינד, מען זאָל קענען טהאָן אלעם אונגעשטערט, אָהן געוויסענס־ביסע.

די צייט קומט, ווען די זעלבע הייסע פריידענקער ווערען אָבגעקיהלט, זיי ווערען גאַנץ אַנדערש געניינט אין אַלעס, און קוקען גאָר מיט אַנדערע אויגען אויף דער וועלט, ווי אין דער צייט ווען זיי זיינען געווען יונג און האָבען געדענקט אַז זיי וועלען אייביג אַזוי בלייבען.

איך געדענק אַ געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט מיט אַ יאָהר צוואַנציג צוריק, ביי מיינעם אַ קאָלעגע; ער איז געווען אַ גרוי־סער געבילדעטער מאַן, אַ פריידענקער ביז גאַר, האָט אַנדערש ניט געוואָלט, נור אַז ווען ער וועט שטאַרבען זאָל מען איהם „פער־ברענען". ווען מען האָט מיט איהם גערעדט פון ברענגען זיין קערפּער צו קבר ישראל, האָט ער זיך גוט אויסגעלאַכט. אַ מאָל איז ביי איהם געבאָרען געוואָרען אַ זוהן, און ער איז נאַטירליך גלייך ארויס מיט זיין דעקלערײשאָן, אַז ער וועט דאָס קינד ניט מל זיין. זיין פרוי וועלכע איז אויך געווען אַ געבילדעטע פרוי, נור אַ סך קלוגער ווי ער, און וועלכע האָט בעזעסען דעם געבאָ־רענעם אינסטינקט פון אַ פרוי צו וויסען פריהער וואָס שפּעטער וועט זיין, האָט זי געלאָזט וויסען צו מיר און צו נאָך אַ פּאָר פריינד, מיר זאָלען בעזאָרגען אַ מוהל, אַנגרייטען שנאַפּס און אַ ביסעל דעליקאַטעסען צו פערבייסען, און זאָלען קומען און פּראַווען אַ ברית, ווי גאָט האָט געבאָטען.

כך הוה, אַזוי איז געווען, און דעם מאַן דעם פריידענקער האָט עס אַזוי פערדראָסען, אַז ווען ער האָט אונז דערזעהן אריינ־קומען צו איהם אין הויז מיט אַלע מכשירים פיר אַ שמחת ברית מלה, האָט ער געכאַפּט די פּיס אויף די פּלייצעס און איז אַנט־לאָפען, און האָט עס אונז נאכהער עטליכע יאָהר נאָכאַנאַנד ניט געקענט מוחל זיין פאַר וואָס מיר האָבען איהם זיין זוהן געמאַכט פאַר אַ אידען.

אָבער וואָס איז געווען די ענדע?

די ענדע איז, אז יעצט איז שוין דער מאן אליין מעהר ניט דער זעלבער פריידענקער וואס ער איז א מאל געווען. ער בעלאנגט שוין מעהר ניט צו די „פערברענער" סאסייעטי. ער לעבט שוין ווי א איד און וויל שוין שטארבען ווי א איד. ער איז זיך גאר מחיה וואס מיר האבען זיין קינד געמאכט פאר א אידען. ער אנערקענט אז זיין ווייב איז געווען א סך קלוגער אין האנדלונג, ווי ער, און ער גיט יעצט צו, אז א פרוי איז מעהר פעהיג צו בליקען אין דער וויטער צוקונפט ווי א מאן.

דער זעלבער פאל דארף אויך דיענען פאר א סאמפעל ווי עס זאל האנדלען די פרוי פון'ם פריידענקער אין בעצוג צו לעהרנען איהר קינד אידיש. זי דארף עס טהון אונטער אלע אומשטענדען און מיט יאהרען שפעטער וועט עס ביים מאן זיין אנגעלעגט.

די ערציהונג פון קינדער דארף איבערהויפט איבערגעבען ווערען צו די מאמעס, ווען מיר ווילען האבען עהרליכע און גוטע מענשען אויף דער וועלט; קינדער ערציהונג פאדערט נשמה, הארץ, גייסט — און דאס בעזיצען פרויען!

איך האב א מאל ערגעץ געזעהן א געשיכטע. איך דענק עס איז א מדרש:

צוויי קינדערלעך זיינען אמאל געגאנגען אין א וואלד רייסען בלומען. וועהרענד זיי זיינען ארומגעלאפען לוסטיג און מונטער און האבען געריסען די בלומען, האבען זיי געהערט פון אונטער די געדיכט־בעצווייגטע קושטעס ווי עס רוישט א שטארקער שטראם פון וואסער. זיי האבען צונומען די צווייגען זעהן וואו די וואסער רוישט און האבען דערזעהען פאר די אויגען א ריטשקע לויטערע, קלאהרע ריינע וואסער, וואס איז געלאפען איבער שטיינער, א קארטינע וואס איז א פראכט צום אנקוקען.

פון יענער זייט ריטשקע האבען זיך געזעהן מאסען פראכט־פאלע ראזען און ליליען, צו וועלכע די קינדער האבען שטארק חשק בעקומען. זיי האבען אבער מיט זייערע קורצע הענטעלעך ניט געקענט דערלאנגען די בלומען פון יענער זייט ריטשקע און אריבערגעהן די ריטשקע האבען זיי אויך ניט געקענט. זיי האבען

מורא געהאט זיי זאלען ניט דערטרונקען ווערען און זיי זיינען געוואָרען דם שונאים דער ריטשקע פאר וואס זי שטערט זיי צו קענען קריגען די בלומען וואס געפינען זיך פון יענער זייט. אבער געהענדיג ווייטער האבען זיי דערזעהן א בריקעל און זיינען מיט שמחה אריבער, געקראגען וויפיעל בלומען זיי האבען געוואלט און האבען שוין מעהר די ריטשקע ניט געהאלטען פאר זייער שונא.

דער מוסר השכל פון דיעזער געשיכטע איז דיעזער:

די קינדער זיינען אלעמענס קינדער, מיינע, אייערע, יענעמס קינדער.

די בלומען זיינען די גוטע טהאטען, וואס מען לערענט קינדער צו קלייבען אלע גוטע מדות אויף דער וועלט. דער שטראם וואסער, די ריטשקע, זיינען די שלעכטע זאכען פון לעבען. דער בריק מיינט די מאמע. זי איז אימער אם פלאץ, וועלכע מאכט מעגליך מען זאל קענען גרייכען די בלומען און ניט דערטרונקען ווערען אין שטראם פון לעבען.

וואו פרויען זיינען אונגערעכט

עס זיינען דא פרויען וועלכע בעריהמען זיך דערמיט וואס זיי מאכען זייערע מענער זאלען פאר זיי טהאן פערשיעדענע הויזארבייט. אבער דאס איז מעהר חסרון ווי מעלה. און וועהרענד עס ווייזט זיך אוים דער פרוי, אז דאס איז א טובה איז עס אין די מעהרסטע פעלע דער גרעסטער אונגליק פאר דער פרוי.

דער בונד פון מאן און פרוי איז א פארטנערשיפ ביזנעס. ריכטיג ווי צוויי מענער מאכען צוזאמען א געשעפט, איינער זאל

אַטענדען די ביזנעס אינסייד און דער צווייטער זאָל זיין אַן אויט־סייד מאַן. וועןביידע פּאַרטנערס ערפילען ריכטיג זייערע פּפליכ־טען, דאַן קען איינער צום אַנדערען קיין טענות ניט האָבען אַז ער איז אַן איבעריגער מענש, און אַז די ביזנעס קענען זיין גוט אָהן איהם אויך. ווען דער אויטסייד מאַן פאַנגט זיך אָבער אַן מישען אינסייד, ווערט ער ביי זיך אַ גאַנצער מאַכער, און ווען עס קומט צו אירגענד וועלכע מיספערשטענדניס, פרעגט ער דעם פּאַרטנער: צו וועלכע שוואַרץ יאָהר דאַרף איך דיך גאַר איינ־גאַנצען האָבען, נאַכדעם ווי איך קען אַליין אַטענדען די ביזנעס אינסייד, און נאַכהער אַליין אַרויסגעהען אין סטריט די וואַרע פערקויפען?

דער מאַן און די פרוי זיינען צוויי פּאַרטנערס. דעם מאַן'ס ביזנעס איז צו מאַכען געלד צו סופּאָרטען די היים. דער פרוי'ס ביזנעס איז צו מאַכען די היים. און אַזוי לאַנג ווי דער מאַן פאַדערט ניט פון זיין פרוי זי זאָל איהם העלפען מאַכען אַ לעבען, אַזוי לאַנג דאַרף זי האָבען שטאָלץ גענוג ניט צו פאָדערען פון איהם ער זאָל איהר העלפען אין איהר אַרבייט.

די קלוגע פרוי דאַרף פערשטעהן, אַז דעם מאַן'ס אויפגאַבע צו שאַפען אַלעס וואָס אַ גוטע היים דאַרף האָבען, איז זעהר אַ שווערע, און זי טהאָר זיין ענערגיע ניט אָוועקנעהמען פיר אַזעל־כע זאַכען ווי וואַשען די טעלער, אָדער שיילען פּאָטייטאָס.

לאָזט דעם מאַן אין די פרייע שטונדען דענקען וועגען גרע־סערע זאַכען, וועט זיין אַרבייט אויטסייד פיעלייכט ברענגען אַזוי פיעל נוצען, אַז איהר אַליין וועט אויך שפּעטער ניט דאַרפען וואַשען דאָס געשיר און שיילען די פּאָטייטאָס, נור אַ דיענסט וועט דאָס פאַר אייך טהאָן.

עס זיינען דאָ פיעלע פרויען וועלכע וואונדערען זיך וואָרום זייערע מענער זיינען ניט אַזוי רייך ווי אַנדערע. פאַר וואָס זיי־נען אַנדערע גרויסע מאַנופעקטשורערס געוואָרען און לעבען אין עושר און אין כבוד, ווערענד זייערע מענער זיינען דוכט זיך

פונקט אזוי קלוג און אזוי פיין ווי יענע, און זיינען נאך אלץ אריִמע ארבייטער, אדער אריִמע פעדלערס?

ווען איהר וועט זיך אבער גוט צוקוקען וועט איהר זעהן, אז יענע ערפאלגרייכע מענער האבען אימער געארבייט און אימער געדענקט וועגען זייערע ביזנעס. ווען זיי זיינען געקומען אהיים האבען זיי ניט געסקראבעט דעם פלאר, האבען ניט געשיילט קיין פאטייטאס, האבען ניט ארומגעפיהרט דעם בייבי קערידזש. נור זיי זיינען געזעסען רוהיג און האבען געקלעהרט און געמאכט פלע־נער ווי זיך ארויפצוארבייטען אז זייער פרוי זאל עס אויך ניט דארפען טהאן.

געוועהנליך קען די פרוי זאגען אז די בייבי איז גראדע אזוי דעם מאן'ס בייבי ווי איהרע, און אז ער קען גראדע אזוי גוט ארומפיהרען דעם בייבי קערידזש ווי זי, — עס איז טאקי אלעס אמת, אבער עס איז ריכטיג אזוי אמת, אז הויז־ארבייט פאדערט ניט אזוי פיעל דענקען, אזוי פיעל טראכטען און אזוי פיעל פלע־נער פארבערייטונגען, ווי עס פאדערט די ארבייט צו מאכען געלד.

געלד איז זעהר אן ערדעלע זאך, ווי קיילעכדיג דער דאלאר איז, וועט ער זיך קיינמאהל ניט ארייִנקייקלען אליין צו אייך אין פאקעט. מען מוז זעהר פיעל און זעהר שווער ארבייטען מיט'ן מח און מיט'ן כח איידער מען קומט צו דער שטופע פון א זיכערען עקזיס־טענץ. דער קאמפף פיר'ן לעבען איז זעהר א שווערער. די מעהרסטע מענער דערצעהלען ניט זייערע פרויען פון אלע ערניעדערונגען און אלע בעליידיגונגען וואס זיי שטעהען אויס אין די טרענטשעס וואו מען פיהרט אן די מלחמה פון לעבען. און עס איז דאריבער פיעל בעסער פאר דער היים און געזונדער פאר דער פרוי, אז זי זאל דעם מאן איין זיין פרייע צייט ווען ער קומט אהיים, בעסער לאזען דענקען ווי זיך ארויפצוארבייטען, ווי ארויסקראבקען זיך פון ערנידערונג און אונטערטעהניגקייט, און ווי אליין צו ווערען א זעלבסשטענדיגער מענש מיט א פערזארגטער צוקונפט, מיט א פעסט־געשטעלטע פרנסה, ער זאל ניט מוזען אימער לעבען אין

שרעק, טאָמער איז ער ניט נושא חן ביים באָס, און ער קריעגט די סעק, און זיין פרוי און קינדער וועלען אין אַ שעהנעם פריה־מאָרגען בלייבען אָהן ברויט און מוזען ליידען נויטה און הונגער.

מיר געפינען אין דער תורה, אַז אַזוי שנעל ווי אדם און חוה האָבען געגעסען פון עץ הדעת און זיינען ארויסגעטריעבען געוואָרען פון גן עדן, און זיינען אַראָב אויף אייגענע קעסט, האָט גאָט גלייך איינגעטהיילט צווישען זיי די אַרבייט, וואָס ער זאָל טהאָן, און וואָס זי זאָל טהאָן — און אַזוי געהט עס ביז היינטיגען טאָג.

דער פרוי האָט ער געזאָגט: „בעצב תלדי בנים". מיט טרויער וועסט דו געבאָרען קינדער. ניט בלויז דאָס געבאָרען וועט דיר אָנקומען שווער, נור אויך דאָס ערציהען, דו וועסט ניט קענען שלאָפען ביינאַכט, זיי וועלען דיר ניט געבען קיין רוהע בייטאָג. דו וועסט מיט זיי האָבען צו זינגען און צו זאָגען, ביז זיי וועלען ארויס פון די צייהנדלעך, פון פּאָקען און מאָזלען, און וועסט האָבען שווערע ארבייט און זאָרג איידער דו וועסט דערלעבען צו זעהן פון דיין קינד אַ מענשען, וואָס דאַרף שוין דיין הילף ניט האָבען.

ולאדם אמר, און צום מאַן, צו אדם'ען, האָט גאָט געזאָגט: „בזעת אפיך תאכל לחם". מיט'ן שוויים פון דיין געזיכט וועט דיר אָנקומען דאָס ברויט וואָס דו וועסט פערדיענען. דו וועסט האָבען אַ שטענדיגען קאַמפּף און אַ שווערען קאַמפּף צו בעזאָרגען די היים. וקוץ ודרדר תצמיח לך, די וועלט איז ניט פול מיט זיסע עפּעל, עס זיינען דאָ מעהר דערנער ווי פרוכט, און דער קאַמפּף וועט זיין זעהר אַ ביטערער!

מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז אַזוי שנעל ווי די ערשטע פאַמיליע איז אויף דער וועלט געקומען, האָט דער גרויסער בעשעפער פריהער פון אַלעם גלייך איינגעטהיילט די אַרבייט און האָט געזאָגט צום מאַן „דו געה ארויס אין גאַס אריין און מאַך אַ לעבען, מאַך געלד, פערזאָרג דיר אַ צוקונפט. און צו דער פרוי

האט ער געזאגט: „דו מאך די חיים! זיי מיט דער בייבי, שפיל די פאמיטאס, פיקס די זאקען, און לאז דעם מאן אטענ־דען צו זיין דרויסען ארבייט מיט א רוהיגע קאפ, — דאן וועט איהרביידע גליקליך לעבען.

און אז וואהל איז צו דער פאמיליע וואס היט נאך יעצט אב דעם זעלבען בעפעהל, אדער די זעלבע לעהרע, וואס די ערשטע פאאר־פאלק, אדם און חוה, האבען געקראגען דירעקט פון גאט אליין, טראכט דעם וואס דאן איז עס געווען א קללה, דערפאר וואס זיי האבען געגעסען פון דעם עץ הדעת, אבער אויסגעלאזט האט זיך עס אלס א ברכה, און עס ווערט נור דאן פערוואנדעלט אין א קללה ווען מען פאנגט זיך אן בייטען מיט די יוצרות, ווען די פרוי ווערט די ברויט־געבערין און דארף מאכען א לעבען און דער מאן דארף מאכען די חיים...

די גרויסע זינד געגען פרויען

די וועלט איז זעהר שלעכט געגען פרויען. זיי קריגען ניט די ריכטיגע אנערקענונג, ניט פון מאן, ניט פון די קינדער, און ווען זיי בעלאנגען אין סאסייעטיס צוזאמען מיט מענער, און אר־בייטען פאר טובת הכלל, קריגען זיי אויך ניט די אנערקענונג וואס מענער קריגען פאר עהנליכע ארבייט.

די פרויען זיינען אין א געוויסען זינן ווי דאס אידישע פאלק. זיי האבען ביידע איין מזל. ווי אידען זאלען ניט זיין פיין, עהר־ליך, ארבייטסזאם און גרוים אין אלע געביטען, ווערט עס ניט אנערקענט פון קיינעם — מען קלויבט אימער אוים אייניגע פון

די ערגסטע אידען און מען צייגט אן אויף זיי, אלס אויף א סאמפעל פון גאנצען אידישען פאלק. וועגען די מעלות פון אידען וויל קיינער ניט וויסען, קיינער וויל דערפון ניט ריידען און מיר שעצען זיך גליקליך ווען א פראמינענטער קריסט קומט אמאל אין א יובל ארויס מיט א גוט ווארט פאר אידען.

ריכטיג ווי די גאנצע וועלט איז געגען אונז, אזוי זיינען מיר געגען די פרויען.

זאל א פרוי א מאל זיך ניט אויפפיהרען אנשטענדיג, שטע־לען מיר זי גלייך ארויס אלס דעם סאמפעל פון פרויען אלס א כלל, און ווילען גאר ניט א קלעהר טהאן אז א שלעכטע פרוי צווי־שען פרויען איז א זעלטענהייט, און אז 99 פראצענט פון דיעזע פאאר פרויען וועגען וועלכע מען דענקט אז זיי זיינען שלעכטע, זיינען קרבנות פון רכילות, פון שלעכטע פערדארבענע מענער וואס האבען א פערגעניגען ארומצוגעהן בעליידיגען און בעשמוצען פרויען, וואס האבען זיי אויף זייער לעבען קיין שלעכטס ניט גע־טהאן.

אויף פרויען, ווי אויף קלאהר־ווייסע זייד, זעהט זיך אן דער מינדעסטער פלעק אפילו פון א ביסעל ריינע וואסער, א ווארט קען ווארפען א שאטען אויף א פרוי, און מענער ווייסען עס זעהר גוט, און דאך זיינען שוין מאסען אנשטענדיגע פרויען, מאמעס פון קינ־דער, געבראנדמארקט געווארען צו שאנדע, נור דורך שלעכטע צינגער פון אינטריגאנטישע מענער, מיט גלאטע ריידעלער, וועל־כע ווערען גרעבער ווי לענגער ווען זיי קענען אונטערגראבען דורך רכילות און לשון הרע די רעפיוטיישאן פון פיינע נאבעלע ליידיעס.

איבערהויפט ווען איהר בעגעגענען דיעזע סארטען מענער איז אזעלכע סאסייעטיס, וואו עס בעלאנגען פרויען און מענער צו־זאמען.

ווען פרויען ארבייטען ארויף א סאסייעטי, ווען די סאסייעטי האט שוין געפאקט און געמאזעלט און אלעס איז שוין אויף א וועג, קומען דאן מענער צו זוכען כבוד, אדער ביזנעס איז'ם פערטיגען אינסטיטושאן. די פרויען, וועלכע זיינען אין אלגעמיין

זעהר טריי און איבערגעבען צו זייער ארבייט. און מיינען ווירקליך נור די טובה פון דער סאסייעטי. עמפפאנגען זיי די מענער מיט גרויס כבוד, און ווען איינער טהוט עפעס גוטעס פאר דער סאסייעטי, פערפלייצען זיי איהם מיט שבחים און לויב געזאנג און זיינען איהם אמת דאנקבאר פאר זיין ארבייט.

איהר וועט אבער מערקען, אז עס וועט לאנג ניט נעהמען, און עס וועט זיך אנפאנגען הערען, ווי פון אונטער דער ערד ארויס־וואקסען, פערשיעדענע קלאנגען, אז די פרוי איז אזוי, און יענע אזוי, און לאנגזאם אבער דייטליך וועט זיך ארויסצייגען, אז שלעכטע מענער גראבען שטילערהייד די רעפוטאציע פון פער־שיעדענע נאבעלע פרויען דורך פערשפרייטען קלאנגען, וואס זיינען אבסאליוט שקר וכזב.

דאס איז דער דאנק וואס פיעלע פרויען בעקומען אין סא־סייעטי לעבען, וואו די סאסייעטים ווערען געפיהרט פון פרויען און מענער צוזאמען.

איהר וועט אויך בעמערקען אז אין אזעלכע סאסייעטים, ווערט די שווערסטע ארבייט ארויפגעלעגט אויף די פרויען, און די מעהרסטע מענער טהוען גאר ניט אויסער די רכילות ביזנעס. די ארבייט פון געהן נאכט און נאכט אין די פערשיעדענע מיטינג לא־קאלס צו פערקויפען טיקעטס און קריגען פון נייע סאסייעטים ארויס־געווארפען, איידער מען פערקויפט דער צעהנטער פאר פינף דא־לאר טיקעטס, דיעזע ארבייט וואס איז פערבונדען מיט פיעל שוועריגקייט און שפיכות דמים, אדער אזא קאטארזשני ארבייט ווי די ארבייט פון ארגאניזירען בעלער, סטראבערי פעסטס און אנ־דערע ענטערטיינמענטס — דאס ווערט אלץ ארויפגעווארפען אויף די פרויען, וועלכע טהוען עס מיט אמת'ע מסירת נפש. און ווער־רענד א מאן וואס ברענגט אריין פופציג דאלער אין סאסייעטי, שרייבט מען איהם זיעבצען דאנק־בריעף און מען דרוקט עס 18 מאל אין צייטונג, קריגט די פרוי ניט קיין ברעקעל אנערקענונג אפילו ווען זי ברענגט אריין דורך איהרע שווערע ארבייט טוי־זענד דאלער. א מאל — א מאל איז זיך דער מענערשער פרע־

זידענט אויף איהר מרחם, און טהוט איהר א טובה און זאגט איהר א דאנק אין דעם מאמענט וואס זי דערלאנגט דאס געלד, דאט'ס אלל.

אזא מזל האבען שוין די פרויען אין אלעם וואס זיי טהוען.

דאכט זיך מען וואלט געדארפט נעהמען אין אנבעטראכט, אז עס איז ניט זעהר קיין לייכטער דזשאב פאר א פרוי זיך אב־צוגעבען מיט טשאריטי־זאכען, און ווען זי טהוט עס, מוז זי אפט פערנאכלעסיגען איהר אייגענע היים, איהר אייגענעם מאן און איהרע אייגענע קינדער, און אז דאן ווען זי געהט ארום זיך ברעכען די פיס און פערקויפען טיקעטס פאר דער סאסייעטי, וואלט זי גע־קענט געהן מיט איהר מאן זעהן א פיינע שאו, אדער אזוי פער־ברענגען פיין אן אבענד ביי זיך אדער ביי גוטע פריינד.

פיעלע פון די נאבעלע פרויען, וועלכע זיינען געבארען גע־ווארען מיט'ן גייסט פון רחמנות און מיטלייד פיר עלענדע און ליידענדע, און ארבייטען אונערמיעדליך פיר ארימע אונגליקליכע מענשען, בעצאהלען זעהר א שווערען פרייז פאר דער מצוה וואס זיי טהוען. ניט איינמאהל נעהמט זי איהר לעצטע פעני, וואס זי וואלט געדארפט האבען פאר זיך אליין און גיט עס אוועק צו דער סאסייעטי, ווייל אז מען וויל מאכען יענעם צו געבען געלד, מוז מען אליין אימער זיין די ערשטע צו געבען די פאסענדע נדבה. שוין ניט רעכענענדיג די טעלעפאן קאלס, די קאר־פעירס, און די אנדערע קליינע עקספענסעס, וואס אזעלכע פרויען האבען איז זייער טשאריטי ארבייט, וואס שטעלען צוזאמען דורכ'ן יאהר א היבשע סומע געלד. אין פיעלע פעלע וויל עס דער מאן טאקע ניט ליידען און עס קומט פאר פערשיעדענע פאמיליען טראבעלס דאריבער, דער מאן איז בייז, זי קריגט געזידעלט און בעליידיגט, און גאנץ אפט, ווען קיינער זעהט ניט, בעגיסען זיך אזעלכע פרוי־ען מיט ביטערע טרעהרען, און פערשילטען דעם טאג אין וועלכען זיי זיינען געבארען געווארען מיט אזא גייסט צו פיהלען די שמער־צען פון ארעמאן. זיי ווייסען אז דער מאן האט אפט מאל רעכט וואס ער איז אין כעס און די קינדער האבען גאנץ רעכט וואס זיי

זיינען ברוגז, אבער זיי קענען זיך ניט העלפען, פאר זייערע אויגען שטעהען אימער די שרעקליכע בילדער פון עלענדע, ארימע און קראנקע, און זיי קענען ביי זיך ניט פועל'ן זיך אוועקזועצען אין הויז און געניסען אלע פערגעניגען פון לעבען וועהרענד אנדערע האבען גאר־ניט.

און דורך אן אינערליכע קראפט, ווי דורך סטיעם, ווערען זיי געטריעבען צו זייער טשאריטי ארבייט, און זיי ארבייטען און ארבייטען טאג און נאכט, אהן אן אויפהער, און אזוי ווי עלענד, ארמוטה און נויטה הערט קיינמאהל ניט אויף, איז ווירקליך ניט אבצושאצען מיט געלד די ווערדע פון אזא ארבייט פיר דער מענשהייט.

אזעלכע פרויען װאלט מען געדארפט איינפאך פערגעטערען. זייערע נעמען וואלטען געדארפט איינגעקריצט ווערען מיט גאלדענע בוכשטאבען אין א ספר הזכרונות מיט ברילויאנטען בעפוצט — די וועלט זאל זיי אימער האבען פאר די אויגען און וויסען ווער דיעזע גוטע נשמות זיינען געווען, וואס האבען מפקיר געווען זייערע לעבענס פאר אנדערע.

אזוי ווי די סאלדאטען וואס גהען אין שלאכטפעלד און גיבען אוועק זייערע יונגע לעבענס צו רעטען דעם האנאר פון זייער לאנד אזוי גיעבען דיעזע פרויען אוועק זייערע לעבענס פאר'ן האנאר פון אידישע צדקה, און די מענער וואס ווילען עס ניט אנערקענען, און געהן נאר ארום און טרייען צו אונטערגראבען דעם גוטען נאמען פון אזעלכע נאבעלע פרויען, און טרייען זיי צו בעליידיגען, און צו ווארפען אויף זיי שמוץ וואו נור זיי קענען, אזעלכע מענער זיינען "פעררעטהער", און די היסטארי פון אידישע צדקה וועט עם זיי קיינמאל ניט מוחל זיין.

דארט וואו עס איז ניטא קיין הארץ איז ניטא קיין היים.
לארד בייראן.

ווען קינדער האדעווען טאטע מאמע

עס איז אן אלטער אבער זעהר גוטער שפריכווארט : „ווען א טאטע דארף חתונה מאכען צעהן קינדער, טהוט ער עס מיט פרייד און מיט די גרעסטע פערגעניגען, און ווען צעהן קינדער זאלען דארפען חתונה מאכען איין טאטען, וואלט ער אייביג פערבליעבען א בחור.

קינדער אנערקענען ניט וואס עלטערען טהוען פאר זיי, בע־זאנדערס איז דער „כבד את אביך ואת אמך” זעהר שוואך גע־ווארען ביי אונז דא אין אמעריקא.

דער גלות וואס האט אונז אהער געבראכט האט לאנגזאם אבער דייטליך, ברעקליכווייז ארומגעפליקט און ארומגעריסען אלע שעה־נע, גוטע, אידישע מדות פון אונזער פאמיליען־לעבען.

אין דער היים האט מען געהאט רעספעקט פאר טאטע־מאמע.

ווייל די עלטערען האבען פון זייערע קינדער גאר ניט פערלאנגט, נור זיי זאלען וואקסען עהרליך און פיין, יעדער פאטער האט שווער און ביטער געארבייט צו גיבען זיינע קינדער א גוטע, עהרליכע, אידישע ערציהונג, און די גאנצע בעלאהנונג וואס די עלטערען האבען זיך געוואונשען צו האבען איז געווען צו דער־לעבען זעהען נחת אין די קינדער, זיי זאלען געהן אויף'ן דרך הישר. אבער צו ערווארטען פון קינדער מאטעריעלע הילף, דאס האט קיינער ניט ערווארטעט, און אזא טרייהייט און אויפ־אפפערונג פאר קינדער אהן אירגענד וועלכען צייכען פון אייגענ־נוצען, האט געמוזט ארויסרופען רעספעקט פון קינדער צו על־טערען.

אזוי ווי די עלטערן זיינען מיט'ן גאנצען הארצען געווען דאנקבאר צו גאט וואס ער שפייזט זיי און גיט זיי אלעס, וואס זיי דארפען, אזוי זיינען קינדער געווען דאנקבאר צו עלטערען, וואס פערזארגען זיי מיט אלעס; און אזוי האט זיך די שעהנע מדה פון רעספעקטירען און פערגעטערען טאטע מאמע ענטוויקעלט ביי אידען אויף דער העכסטער מדריגה.

די מצוה פון עהרליך האלטען טאטע־מאמע איז ביי אידען אזוי וויכטיג, אז דער שולחן־ערוך האט דאריבער אן אבהאנדלונג פון צוויי־און־צוואנציג פונקטען, צווישען וועלכע עס געפינען זיך פאלגענדע בריליאנטענע פאראגראפען:

„מען טהאר ניט שטעהן, אדער זיצען אויפ'ן פאטער'ס ארט אין שוהל.

„מען טהאר זיך ניט זעצען אויף'ן פאטער'ס אדער אויף דער מוטער'ס ארט אין דער היים.

„מען טהאר ניט אבווענדען טאטע־מאמע'ס רייד אפילו זיי זיינען דערביי ניטא.

„מען טהאר ניט אויפוועקען דעם פאטער, אדער די מוטער, פון שלאף, אפילו ווען עס שטעהט דאביי געלד צו פערליערען.

„מען איז מחויב זיך אויפצושטעלען פאר'ן פאטער און פאר דער מוטער, גלייך ווי מען דערזעהט זיי. אדער מען הערט זיי געהן, און מען דארף שטעהן פאר זיי ביז מען זעהט זיי שוין ניט, אדער ביז זיי קומען אויף זייער ארט.

„מען דארף לערנען און זיך אויפפיהרען אנשטענדיג, ווייל דערמיט האלט מען עהרליך פאטער און מוטער, ס'איז פאר זיי א כבוד אויף דער וועלט, און זיי קענען רוהיגער שטארבען, ווען זיי וויסען אז זיי לאזען נאך זיך פיינע קינדער.

ליידער איז דיעזע בריליאנטענע מדה פון עהרליך האלטען עלטערען דא זעהר שטארק פערשוואכט געווארען.

ס'איז אפילו ניט אזוי פיעל אונזער שולד, ווי די אומשטענ־דען האבען דערצו געבראכט.

ווען די אויסוואַנדערונג פון די גלות־לענדער האָט אָנגעפאַנ־גען, זיינען די אידען געלאָפען ווי פון אַ פייער, און זיינען געקור־מען אהער קוים מיט'ן לעבען. אָרים, עלענד, פרעמד און שפּל, אין אַ פרעמדע לאַנד, וואו קיינער קען זיי און קיינער ווייסט זיי נים, האָבען די איינגעוואַנדערטע אידען געטראָפען גאַנץ נאַ־טירליכע שוועריגקייטען אויף'ן וועג פון פּרנסה. ווי שטומע מענשען האָבען זיי אַרומגעוואַנדערט זוכען ברויט פאַר ווייב און קינדער און האָבען נים געקענט געפינען; — און די אומשטענדען האָבען געבראַכט אַז עלטערען זאָלען עסען זייערע אייגענע קינדער, ווי ביים חורבן בית המקדש. מען האָט געמוזט פערשקלאַפען די זיהן מיט די טעכטער, זיי שיקען אַרבייטען און אַריינברענגען אין הויז די הוצאה, אויף אַזאַ אַרט און ווייזע האָט זיך איבער־געקעהרט אונזער גאַנצער אַרט לעבען מיט'ן קאָפּ אַראָב. אַנשטאָט עלטערען זאָלען מפרנס זיין זייערע קינדער, האָבען קינדער אָנ־געהויבען מפרנס זיין זייערע עלטערען, און דאָס האָט ווי אַ כישוף געווירקט צו פערטרייבען דעם כיבוד אב ואב פון טויזענדע און טויזענדע אידישע הייזער.

עס איז אַ מערקווירדיגע זאַך ווי די פּסוקים „קדושים תהיו, כי קדוש אני ד' אלהיכם, איש אמו ואביו תיראו, ואת שבתותי תשמרו" שטעהען צוזאַמען, און ווי די אַלע דריי זאַכען זיינען צוזאַמען פערשוועבט געוואָרען, ווי זיי וואָלטען נים קענען עק־זיסטירען איינס אָהן דעם אַנדערען.

אָבער לאָמיר האָפען, אַז יעצט ווען די אידען האָבען זיך שוין איינגעזעסען דאָ אין לאַנד, און דער ערשטער פיבער פון אונזי־כערהייט איז פאַראיבער, יעצט ווען אידען מאַכען אַ לעבען בכבוד, וועלען זיי ווידער ווערען טאַטעס ווי אין די אַלטע צייטען, און אַנשטאָט די קינדער זאָלען זיי מפרנס זיין, וועלען זיי ווידער אָנפאַנגען מפרנס זיין זייערע קינדער. דאַן וועט די שעהנע מדה פון עהרליך האַלטען טאַטע־מאַמע ווידער הערשען אין דער אידישער היים און דער אידישער פאַמיליע, און אַזוי וועלען זיך אויך אומקעהרען צוריק אונזערע שעהנע שבתים און

ימים טובים, וואס ברענגט טהרת המשפחה און פײנע געלײטערטע רעליגיעזע געפיהלען, וואס מאכען דאס געוועהנליכע פראזאאישע אײנפאכע לעבען מעהר זיס און פאעטיש, מעהר געטליך, און מעהר בעשפרײנקעלט מיט רוחניות.

ווען א מײדעל איז אין טראבעל

זעהר פיעל מײדלאך מאכען זיך אלײן אונגליקליך און ווערען רואינירט אויף זײער גאנצען לעבען, נור דערפאר וואס זײ גלײבען צו דערצעהלען דער מאמען נור גוטע זאכען, און ווען עס פאסירט מיט זײ אין לעבען עטוואס שלעכטעס, האבען זײ רחמנות אויף דער מאמע, זײ ווילען איהר הארץ ניט צוברעכען, און זײ געהען אויסגיסען זײער הארץ פאר פרעמדע מענשען, די ענדע דערפון איז, אז אפט מאל ווערען מאמעס געוואר פון זײערע קינדער׳ס טראבעל, ערשט אין א צײט ארום ווען זײ קריגען זיך מיט א שכנ׳טע, און זיווארפט עס זײ אויס אלס א בעלײדיגונג; אין די מעהרסטע פעלע, איז שוין דאן צו שפעט די מאמעס זאלען עפעס קענען העלפען זײערע קינדער אין זײער טראבעל, און די יסורים פון וועלכע די קינדער האבען זײ געוואלט פערהיטען, ווערען נאך פיעל גרעסער און פיעל שווערער פאר דער מאמע אריבערצוטראגען, ווי עס וואלט געווען ווען די קינדער זאלען אלײן געווען קומען צו דער מאמען באלד פון אנפאנג, און איהר געווען אלעס דערצעהלען און זיך מיט איהר אן עצה האלטען.

צו בעהאלטען טראבעל פון דער מאמע איז דער געפעהרליכס־טער מיסטײק, וואס יונגע קינדער קענען מאכען אין לעבען. א מיסטײק וואס קען פיעללײכט קײנמאל ניט פערריכט ווערען.

אמת, ס׳איז זעהר א פיינע זאך פיר יונגע מיידלאך צו דער־צעהלען דער מאמע אלע גוטע פערגעניגענדע זאכען, וואס וועלען דער מאמע פערשאפען פערגעניגען; יונגע מיידלעך טהוען עס געוועהנליך ווייל זיי ווילען מאכען די מאמע גליקליך, זיי האבען די מוטער זעהר ליעב און איהר גליק איז ביי זיי אזוי טהייער ווי זייער אייגען גליק. אבער זיי מאכען דעם געפעהרליכסטען מיסטייק דערמיט וואס זיי ווילען בעהאלטען זייער טראבעל פון דער מאמע, אום די מאמע זאל ניט האבען קיין עגמת נפש. דאס צייגט, אז זיי זיינען טאקע מעהר ניט ווי קינדער, און אז זיי הויבען ניט אן צו פערשטעהן וואס א מאמע איז, און וואס אן עלטערער מענש איבערהויפט איז.

ווייל אייער טראבעל איז ריכטיג די זאך וואס אייער מאמע וויל הערען און וויסען. ווען איהר דערצעהלט עס איהר ניט שליסט איהר זי אויס פון אייער הארצען, איהר בערויבט זיך אליין פון א גרויסע טובה און פון א וויכטיגע פריווילעגיע און דער מאמע טהוט איהר דער מיט א גרויסע רעה.

עלטערען האבען די שווערסטע שמערצען און די גרעסטע עגמת נפש דערפון וואס גוטע זאכען קומט איהר דערצעהלען זיי, און אין אייערע ביטערע שטונדען ווענדעם איהר זיך צו פרעמדע.

עס איז דאריבער פון גרעסטער וויכטיגקייט פאר מיידלאך צו וויסען און געדענקען, אז וואס פיר א צרה, עס זאל מיט אייך ניט פאסירען, וואס פיר א טראבעל איהר זאלט ניט האבען א מאל, זאלט איהר נור געהען און אויסגיסען אייער הארץ פאר אייער מאמע. זאל זיך אייך קיינמאהל ניט אויסווייזען אז אייער מאמע וועט אייך ניט פערשטעהען, זי ווייסט א סך מעהר און קוקט א סך טיעפער, ווי איהר שטעלט זיך פאר אין אייערע יונגע מחות, זייט מיט איהר אפענהערציג, דערצעהלט איהר דעם גאנצען אמת. לאזט פון איהר קיין זאך ניט פערבארגען, און איהר וועט זעהן מיט וואס פאר א מסירת נפש זי וועט אייך ארויסשלעפען פון אלע אייערע צרות. און וויפיעל פערגעניגען זי וועט נאכהער דערפון האבען.

האט קיין מורא ניט דערפאר וואס אייך ווייזט זיך אויס, אז זי וועט ניט קענען אריבערטראגען דעם שרעק, אדער דעם עגמת נפש וואס זי וועט האבען, ווען זי וועט דערהערען פון אייער טראבעל. אויב איהר האט דערפאר מורא ווייסט איהר ניט וואס א מאמע׳ס הארץ איז. די שוואכסטע פרוי ווערט שטארק ווי א ריעז ווען עס האנדעלט זיך צו ראטעווען איהר קינד פון אן אונגליק. און ווי שלעכט זי זאל ניט פיהלען דאן ווען איהר וועט פאר איהר אייער הארץ אויפדעקען, וועט זי אין דער זעלבער צייט אויך פיהלען די אינערליכע צופרידענהייט דערפון וואס איהר האט זיך געוואגט איהר אלעס צו דערצעהלען און איהר האט פון איהר קיין זאך ניט פערבארגען.

שלעכט איז נעביך נור די מיידלעך וועלכע האבען קיין מאמעס ניט, און זיי מוזען אליין אין זייערע הערצער פערשטיקען אלע פערשיעדענע טראבעלס וואס זיי בעגעגענען אין זייער יונגעם לע־בען, אבער די גליקליכע קינדער וואס האבען מאמעס, די דארפען א מינוט ניט טראכטען, און ביים ערשטען סיגנאל פון אירגענד וועלכען טראבעל, דארפען זיי גלייך קומען צו דער מאמע, אלעס דערצעהלען, און דערמיט אליין וועלען זיי שוין ווערען האלב גע־האלפען.

זאל אייך גאר ניט אארען דאס וואס איהר וועט מיט אייער ווידוי פערארזאכען דער מאמע יסורים. מאמעס שרעקען זיך ניט פאר יסורים צוליעב קינדער. זעהט איהר פאר וואס מאמעס שרעקען זיך יא, זיי שרעקען זיך ווען זיי פערשטעהען, אדער זיי דערקענען, אז א קינד טראגט זיך עפעס ארום מיט אן אונגליק און וויל זיך מיט זיי ניט טהיילען די שמערצען.

קינדער האבען גאר קיין בעגריעף ניט וואס א מאמע איז! א מאמע נעהמט אויף זיך מיט שמחה און מיט פרייד אלע יסורים, אבי כאטש עטוואס פערלייכטערען די יסורים פון איהר קינד.

האט איהר שוין א מאל געוואטשט א מאמע, ווען א קינד ליעגט ביי איהר קראנק אויף סקארלעט פיבער!? האט איהר געזעהען ווי די מאמע ליעגט אין דער זעלבער בעט מיט׳ן קראנ־

קען קינד זעקס־זיבען וואכען, און טהוט זיך די שיך ניט אויס ? האָט איהר געזעהען ווי די מאַמע שלאָפט ניט, און עסט ניט, און טרינקט ניט, און וואַשט דאָס קינד מיט אַ מין איבערגעבענהייט וואָס מען קען ניט קויפען פאַר מיליאָנען דאָלערס ? און האָט איהר געמערקט די פרייד מיט וועלכער די מאַמע דערצעהלט עס נאכהער יאהרען און יאהרען לאַנג ?

וועלל, דאָס קען נור טהאָן אַ מאַמע, וועלכע איז די הייליגסטע זאַך אין דער וועלט. און נור צו דער מאַמען דאַרפט איהר קומען מיט אייער טראָבעל. שרעקט אייך ניט דערפון וואָס זיא וועט האָבען יסורים !

איהר קענט ניט מאַכען אייער מאַמע גליקליך מיט ברענגען איהר קענדי, אָדער מיט זאָגען איהר אַז זי איז גוט און פיין. דאָס אַלץ איז קינדערשע פערגעניעגען. דער מאַמעס פערגעניגען איז צו וויינען דאַמאָלס ווען איהר וויינט, צו געהן מיט אייך צוזאַמען ניט נור ווען די זונן שיינט, נור אויך אין גרעסטען שטורם און שלאַגס־רעגען !...

געהט צו דער מאַמע, מיט אייערע טראָבעלס, זאָגט איהר אַלעס, מעגליך אז איהר פערוואונדעט זי דאָן מיט שאַרפע שפּיזען, אָבער זי וויל עס. דאָס איז איהר חיות, דארויף איז זי אַ מאַמע. און עס מאַכט ניט אויס וואָס זי וועט אייך זאָגען, ביי איהר טיעף אין הארצען, וועט זיך אָנצינדען דאָס הייליגע פייער׳ל פון הייליגע מוטער־ליעבע און זי וועט האָבען די גרעסטע פערגעניגען דערפון, וואָס זי האָט געפונען דאָס הארץ פון איהר קינד. דערצעהלט אייער מאַמע אַלע אייערע טראָבעלס, ווען איהר טהוט עס ניט, בעגעהט איהר געגען איהר אַ פערברעכען.

נור דאָן ווען איהר זיינט אַ יתומה, אָהן אַ טאַטען און אָהן אַ מאַמען, נור דאָן זאָלט איהר געהן מיט אייערע טראָבעלס צו פרעמדע !

ארימע און רייכע מיידלאך

ווען מיר קוקען זיך גוט צו צום צושטאנד פון אידישע קינדער אין אמעריקא, צו די באים אזוי גוט ווי צו די מיידלעך, זעהען מיר, אז אין ארימען גראד, דארט וואו די עלטערען ארבייטען שווער, קוים וואס זיי מאכען א לעבען, דארט וואקסען די קינדער אויס א סך פיינער, לייטישער און פיעל בעסערע אידען ווי ביי די מעהרסטע וואהלהאבענדע עלטערען, וואו די קינדער באדען זיך אין אלע פערגעניגען.

דעם ארימאן'ס קינדער געהען אין תלמוד תורה און לערנען אלעס וואס א איד אלס איד דארף וויסען. מאנכע פון זיי וואס צייגען זיך ארויס צו האבען גוטע קעפ און חשק צו לערנען, געהן פון תלמוד תורה אין א ישיבה, און לערנען גמרא מיט תוספות און מהרש"א, ריכטיג ווי מען פלעגט לערנען אין דער אלטער היימאט. די זעלבע ארימע באיעס וועלכע מאטערען זיך און פלאגען זיך אין עלענד און נויט, וועלכע ליידען אפט הונגער, און געהען אין צוריסענע שיך און אלטע פערלאטעטע קליידער — זיי לערנען אויך גוט אין די אמעריקאנער סקולס און אין די קאַלעדזשעס, און ווערען נאכהער די בעסטע דאקטוירים, די שארפסטע לאיערס, וואס פערשאפען גאנץ אפט דעם אידישען פאלק זעהר פיעל כבוד.

די ארימע מיידלעך, ווידער, אזוי שנעל ווי זיי ענדיגען פאב־ליק סקול, געהען זיי ארבייטען, פערדיענען זייערע עקספענסעס, און שטיצען נאך זייערע ארימע עלטערען. פיעלע עפענען ניט אפילו זייערע פעי־ענוועלאפס, טראגען עס מיט גרויס שמחה יע־דער וואך צו דער מאמע, אדער צום טאטען, און טראץ דעם וואס

מאנכע ענגלישע ציימונגען מאכען זיך לוסטיג איבער די אידישע ארימע מיידלעך, און טרייען צו ווארפען א שאטען, אז די אר־מוטה טרייבט זיי צו כל הצרות, און אז מאסען פון זיי ווערען איבער זייער ארמוטה אראבגעפיהרט פון דרך הישר, בין איך א קנאפער מאמין אין די אלע "קאזאלעס". ס'איז מעהר ניט ווי בבא מעשיות. די ארימע מיידלעך, קיין אונטערשיעד ווי שווער זיי ארבייטען, זיינען זיי עהרליך, און בלייבען עהרליכע, שטילע און אנשטענדיגע קינדער, ביז זיי האבען חתונה, און דאן זיינען זיי אלס א כלל אויך גוטע, עהרליכע און טרייע פרויען צו זייערע מענער, איבערגעבענע מוטערס צו זייערע קינדער, און אויסגעצייכענטע הויז־ווירטהינס אין זייער היים.

ווייסט איהר וועלכע אידישע קינדער עס געפינען זיך זעהר אין א שלעכטען צושטאנד?

דוקא די רייכערע! גראדע די זיהן און טעכטער פון די מעהרסטע וואהלהאבענדע עלטערען, גראדע זיי, טויגען אם מיינסטען אויף כפרות.

דעם רייכען באי שטעהט ניט אן צו געהן אין א תלמוד תורה צוזאמען מיט ארימע אבגעריסענע קינדער. נעהמען א רבי'ן אין שטוב אריין איז עס אין אלגעמיין ניט אזא לייכטע זאך ווי מען שטעלט זיך פאר. פיעלע טרייען עס און דער רבי געהט אב אכט־טאג, אדער צוויי וואכען און דערמיט ענדיגט זיך די אידישקייט פון דעם וואהלהאבענדען בחור.

איך ווייס פון פעלע, וואו מען האט אריינגענומען רביים אין הייזער צו לערנען מיט באים אידיש, עס פלעגט אוועקגעהן די האלבע שטונדע אדער די שטונדע מיט „פאן", מיט לאכען און שפאסען און רייסען די בארד ביים רבי'ן, ביז די מאמע האט אין גאנצען געהייסען דעם רבי'ן ער זאל מעהר ניט קומען, און אפילו דארט וואו א רבי געהט שוין א לענגערע צייט, קען דאס לערנען אויך קיין קיום ניט האבען, ווען דער באי זעהט אז ער איז דער איינציגער וועמען מען מאטערט עפעס מיט אזעלכע זאכען, וואס ניט דער טאטע טהוט און ניט די מאמע טהוט, און אזא

לערנען מוז בטל ווערען. עס קען קיין ממשות ניט האבען און עס האט קיין ממשות ניט! עס נעהמט א יאהר און א האלב ביז מען לערענט איהם אוים אויף אויסוועניג זיין בר־מצוה־דרשה, ווי מען לעהרענט אוים א בער טאנצען. און ווען גאט העלפט דער בחור האט א מאל חתונה, מוז ער גוט שוויצען איידער ער קען נאכזאגען דעם מסדר קדושין דעם „הרי את מקודשת”.

די מעהרסטע פון אזעלכע וואהלהאבענדע קינדער לערנען אויך ניט גוט אין סקול און קוים, קוים וואס זיי מאכען דורך א האי סקוהל מיט עטליכע לעפט בעקס; ארבייטען שווער פוילען זיי זיך, און ווען די עלטערען האבען ניט אזא ביזנעס וואו מען קען זיי אריינגעהמען, וואקסען זיי אוים ווילדע ברואים, אזעל־כע זיינען געוועהנליך פריהער שלעכטע באים, נאכהער שלעכטע מענער, שלעכטע טאטעס און אזוי ווייטער ביז שלעכטע מענשען.

דאס זעלבע איז מיט די מיידלעך פון די וואהלהאבענדע על־טערען.

לערנען קענען זיי ניט, ארבייטען געהן פאסט זיי ניט, העלפען אין הויז ווילען זיי ניט, און ווען אזעלכע מיידלעך האבען חתונה און זייער מזל דרעהט זיך אוים מיט דער פוטער אראב, זייער מאן קען קיין לעבען ניט מאכען, אדער ער איז א שלעכטער, אדער ער שטארבט, אויף דער וועלט קען דאך אלעס פאסירען, זיינען זיי דאן די אונגליקליכסטע פרויען אין דער וועלט; זיי בלייבען ווי אויף'ן וואסער און קענען זיך קיין עצה ניט געבען וואס צו טהאן אום ווי עס איז אויפצוהאלטען זייער עקזיסטענץ.

אט פון אזעלכע „קוקלעס”, וואס טויגען צו קיין זאך ניט, קענען א מאל ארויסקומען די אלע סקאנדאלען, וואס מען טרייט רק ארויפצו־ווארפען אויף די מיידלעך פון די ארימע קווארטאלען.

עס איז דאריבער פון גרוים וויכטיגקייט, אז ווי רייך על־טערען זאלען ניט זיין, זאלען זיי לערנען זייערע מיידלעך א גו־טען טרייד, אדער א גוטע פראפעסיאן, אז אין פאל ווען עס פא־סירט אז דאס רעדעלע טהוט זיך א דרעה, זאלען זיי זיך פיהלען זיכער אז זיי קענען פערדיענען זייער לעבענסמיטעל וואס זיי דאר־

פען האבען. די מאמע און דער טאטע מוזען זייער טאכטער ער־קלעהרען איינמאל און צוויי מאל און הונדערט מאל, אז ארומגעהן אין די דעפארטמענט סטארס האנדלען בארגיינס, דאס קען טהאן יעדער נאר, דאס איז נים קיין קונסט, די קונסט איז צו זיין פארבערייטעט אין לעבען אז אין פאל מען טרעפט אן א שלעכטען מאן, אין פאל חלילה עס פאסירט אן אונגליק מיט'ן מאן, און די עלטערען שטארבען אדער זיי ווערען ארים, זאל די פרוי דאן נים בלייבען פערצווייפעלט, און מוזען איהר גאנצע ווירדע פער־ליערען קלאפענדיג אין די טהירען פון די יונייטעד היברו טשא־ריטיס, אדער צו זיין געצוואונגען צו טהאן נאך ערגערע זאכען, נור זי זאל פיהלען זיכער אז זי האט א גוטען טרייד אין האנד אדער א גוטע פראפעסיאן, וואס קען זי שפייזען בכבוד און זי פערהיטען פון הונגער און פון שאנדע.

לערענט אייער טאכטער זי זאל זיך קענען זעלבסט סופארטען, ווען זי זיך אויך קענען זעלבסט רעספעקטירען.

א טרייד אדער א פראפעסיאן פאר א מיידעל איז ווי א קראטשע זיך אנצושפארען אין פאל ווען מען לינקט זיך אויס א פוס, מאלע וואס אין לעבען קען א מאל פאסירען. דאס איז א זיכערע אינשורענס וואס פערזיכערט א פרוי פון ערנידערונג, פון שאנדע, פון הונגער, און מאכט זי צו האלטען איהר קאפ אימער גלייך, צו קענען קוקען יעדען אין פנים מיט אפענע אויגען.

איך בעדויער פון טיעפען הארצען די פרוי וואס האט א שלעכטען מאן. ער איז קייטען צו איהרע פיס, הענד־קאפס צו איהרע הענד, א לאסט אויף איהרע פלייצעס, ארויך אין איהרע אויגען, עסיג צו איהרע צייהן, א דארן צו איהר זייט, און א שווערד צו איהר הארץ.

וויקטאריא.

א בלבול אויף אײגענע קינדער

כמעט אין יעדער הויז, וואו עס געפינען זיך עלטערע מײדלאך, הערט מען די זעלבע קינות. די זעלבע קלאגען פון די מאמעס, אז זײ קענען ניט קאנטראלירען זײערע טעכטער.

פון אלע מאמעס וועט איהר הערען דעם זעלבען ארגומענט:

— ווען איך בין געווען א מײדעל, האב איך קײן זאך ניט געטהאן אהן דער מאמע׳ס ערלויבנים. איך האב געפאלגט די מאמע און געטהאן אלעס וואס זי האט מיר געהײסען. און הײנט איז אן אונגליק. די מײדלעך פאדערען צופיעל פרײהײט, און די מאמעס מוזען זײ אלעס נאכגעבען, און דער פועל יוצא איז, אז לאנגזאם אבער דײטליך גליטשען זיך די מײדלעך ארויס פון דער מאמעס קאנטראל, און קײן מוטער ווײסט ניט יעצט ריכטיג, אויף ווי ווײט פײן אדער ניט פײן איהר טאכטער איז, ווען זי איז ניט אין הויז.

איך האף אז די מוטערס וועלען מיר פערצײהען ווען איך וועל זײ דא זאגען גאנץ אפען, אז דאס איז אן אמת׳ער בלבול, אויס־געטראכט פון אײגענע מאמעס אויף אײגענע קינדער.

און עס איז א מערקווירדיגע זאך. כמעט אלע מאמעס זאגען עס, און אלע גלויבען טאקע באמונה שלמה, אז ס׳איז ריכטיג ווי זײ זאגען.

פון דער ארט און ווײזע ווי מאמעס רעדען פון דער צײט ווען זײ זײנען געווען טעכטער און פון יעצטיגער צײט, וואלט מען געקענט מײנען, אז צוריק מיט צוואנציג יאהר האבען מיר געלעבט אין א צײט ווען אלע זײנען געווען מלאכים, און אז יעצט לעבען מיר אין א צײט ווען אלע זײנען טײוואלים.

אבער דער אמת איז, אז דער טייוועל איז ניט אזוי שרעקליך ווי מען מאָלט איהם. און קיין זאַך איז יעצט ניט אנדערש ווי עס איז געווען מיט צוואנציג יאהר צוריק. די יעצטיגע מאַמעס ווען זיי זיינען געווען טעכטער, האבען זיי געפאָדערט פון זייערע מאַמעס ריכטיג דאָס זעלבע, וואָס זייערע טעכטער פאָדערען יעצט פון זיי. און זייערע מאַמעס האבען דאן אויך געזונגען דאָס זעלבע ליעדעל, אז „ווען זי איז געווען א מיידעל האָט זי געפאָלגט די מאַמע און איז געווען גוט און פרום, און היינט איז אַן אונגליק!"

וואָס אנבעלאַנגט צו דער טענה, אז די מיידלעך פאָדערען יעצט פון זייערע מאַמעס מעהר פרייהייט, מוז מען פריהער גוט ווימען וואָס עס ווערט פערשטאַנען אונטערן וואָרט „פרייהייט". עס איז א צו ברייטער וואָרט, וואָס קען זיך אוועקציהען מיילען וועיט, ווען די מאַמע זאָל ניט אכטונג געבען.

יונייטעד סטייטס איז א לאַנד פון פרייהייט, יעדער איי־נער קען טהאָן וואָס ער וויל, פון דעסטוועגען ווען איינער טהוט ניט וואָס מען דאַרף, ארעסטירט מען איהם און מען נעהמט ביי איהם באַלד אוועק זיין פרייהייט.

דאָס וואָרט פרייהייט האָט נור דאַן א זינן ווען עס געהט צו־זאַמען מיט טהון גוטעס, זאָנסט הייסט עס שוין ניט „פרייהייט", נור „הפקר־וועלט". און דאָס איז געווען אזוי שלעכט מיט צוואנציג יאהר צוריק, ווי עס איז יעצט.

נאַטירליך דער אמת פון א מוטער איז זעהר א פעראַנט־וואָרטליכער. זי קריגט אפילו ניט בעצאָהלט פאַר איהר שווערע ארבייט, דאַך ווען זי האָט ערוואַקסענע טעכטער, מוז זיא אימער שטעהען אויף דער וואַך און אכטונג געבען, אויף יעדען שריט וואָס זיי מאַכען אין לעבען.

א גרויסער פילאָזאָף האָט אמאָל געזאָגט, אז א מוטער וועל־כע האָט א טאָכטער צו ערציהען, איז גליך ווי א נוירס וועלכער מען גיט איבער די שווערע פעראַנטוואָרטליכע ארבייט צו אַטענ־דען צו א טיפוס־קראַנקען. די נוירס טהאָר קיין אויג ניט צומאַ־כען און דאַרף וואַטשען דעם קראַנקען, ער זאָל אין א צופאַל פון

היץ ניט ארויסשפּרינגען דורך'ן פענסטער און זיך אליין א מיתה אנטהון...

נאטירליך קענען מאמעס קיין גוטעס ניט ערווארטען, ווען זיי געהען רעגעלמעסיג שלאפען צעהן, אדער צוועלף אזייגער ביי נאכט, און ערלויבען זייערע טעכטער קומען אהיים האלבע נאכט אהן א בעגלייטער. אין אזעלכע פעלע זיינען די מאמעס אליין שולדיג אין דעם וואס זיי פערליערען דעם קאנטראל פון זייערע טעכטער.

ביי אזעלכע מאמעס פּאסירט אויך אפט, ווי עס האט אמאל פּאַ־סירט א פאל, מיט א מיידעל פון אכטצעהן יאהר, צו וועלכער עס איז געקומען א יונגער מאן צו גאסט. די מוטער האט געפיהלט מיעד און איז צעהן אזייגער געגאנגען שלאפען. צוויי אזייגער פארטאג, האט זיך די טאכטער ארויסגע'גנב'עט פון הויז שטילערהייד, און האט גענומען א ראיד מיט'ן יונגען מאן אין זיין אטאמאביל. און ערשט פינף אזייגער אין דער פריה איז די מאמע געווואר־געווארען פון איהר טאכטער'ס „דזשאי־ראיד". ווען א פּאליסמאן איז איהר געקומען זאגען א בשורה אז איהר טאכטער איז אין אן אטאמא־ביל צוזאמענשטויס שווער פערוואונדעט געווארען, און אז זי געפינט זיך יעצט אין האספּיטאל.

דאס איז ניט געווען „פרייהייט"! דאס איז דער ריכטיגער סארט „הפקר־וועלט" פון וועלכער א מאמע דארף פערהיטען איהר טאכ־טער! א יונגע אכצעהן יעהריגע מיידעל דארף ניט האבען די געלעגענהייט צו קענען נעהמען אזא פרייהייט.

אין אזא פאל דארף מען וואס ווייניגער בלאמירען די מיידעל. יוגענד וועט בעוואוסטלאז זיך שפּיעלען מיט פייער. אבער וואו איז די מאמע, די נוירם וואס מוז וואטשען אזעלכע פעלע זאלען ניט קענען פּאסירען? און די זעלבע מאמעס זיינען נאך גראדע די יעניגע וואס בעקלאגען זיך אז זיי פערליערען דעם קאנטראל איבער זייערע טעכטער. און טריען ארויפצולעגען די שולד אויף היינטיגע צייטען, עס איז שוין צייט איינמאל פאר אלע מאל, אז מאמעס זאלען וויסען, אז די אנגענומענע מאראל פון אנשטענדיג־

קיים בייט זיך ניט מיט די צייטען. וואָס איז יעצט פיין און עהרליך וועט אויך זיין אַזוי פיין און עהרליך מיט צוואַנציג יאָהר שפּעטער, און איז געווען אַזוי מיט צוואַנציג יאָהר פריהער. ווען אַ טאָכטער נעהמט זיך מעהר פרייהייט ווי מען דאַרף, קומט עס ניט דערפון וואָס די צייטען האָבען זיך געענדערט, נור איבער דעם וואָס די מאַמע האָט ניט ריכטיג אַטענדעט צו איהרע פליכטען. זי איז ניט געווען קיין ריכטיגע נוירס, האָט זיך ערלויבט צו דרעמלען און לאָזען דעם קראַנקען אויף הפקר...

די ווירטהין וואָס רואינירט זיך און איהר פאַמיליע

עס זיינען דאָ זעהר אַ גרויסע צאָהל פרויען, וואָס פערשטע־רען דאָס לעבען, ניט נור זייער מאַן און זייערע קינדער, נור זאָגאָר זיך אַליין; זיי נעהמען מיט זייערע אייגענע הענד, און מאַכען אַ חורבן פון זייער פאַמיליען־טעמפּעל.

זיי ווייסען ניט דיעזע נאַרישע פרויען, אַז דאָס לעבען איז זעהר קורץ, און אַז יעדע סעקונדע וואָס ווערט פערביטערט דורך נאַרישע זאַכען, וואָס ברענגען קריעג און צאַנקעריי, איז אַ שאַ־דען וואָס וועט קיינמאָל ניט צוריקגעקעהרט ווערען.

עס איז זעהר פיין צו האַלטען אַ הויז ריין. עס וועט זיך ניט געפינען קיין איינציגער מענש וועלכער זאָל ניט שעצען זיין פרוי דערפאַר וואָס זי איז אַ ווירטהין און פיהרט די הויז אין אָרדנונג. אָבער פיעלע פרויען כאַפּען שוין איבער די מאָס אין זייער ווירטהשאַפט — און וואָס צו איז אימער איבעריג.

עס זיינען דא אזעלכע ווייבער וואס האלטען טאג און נאכט אין איין ראמען, און ווערען קיינמאל ניט פערטיג. דאס ראמען ווערט ביי זיי א סארט משוגעת, אהן וועלכען זיי קענען קיין מינוט ניט עקזיסטירען, און ראמענדיג לאזען זיי קיינעם ניט לעבען. וועהרענד זיי זיינען בעשעפטיגט מיט'ן ראמען און פוצען שטענדיג, טאג איין — טאג אויס פון גאנץ פריה ביז שפעט אין דער נאכט, איז דער מאן מיט די קינדער איינפאך נע־ונד; דא טהאר מען ניט שטעהען, דא טהאר מען ניט געהן, דארט טהאר מען ניט זיצען, ריכטיג ווי פארצייטען ווען מען פלעגט ראמען די הויז אויף פסח, און מורא האבען לאזען די קינדער זיך ארומצודרעהען איבער די רומס, טאמער, חלילה, אל תפתח פה לשטן, וועלען זיי ערגעץ אראבלאזען א שטיקעל חמץ.

אזוי ווי קיין הונדערט פערשיעדענע ארבייטען קען מען ניט טהון מיט אמאל, איז דער פועל יוצא פון דער שטענדיגער ראמעניש, אז די קיך, אדער בעסער געזאגט, דער טיש, ווערט פערנאכלעסיגט; אנשטאט צו קאכען יעדען טאג א לעפעל געקעכטס פאר'ן מאן מיט די קינדער, פאנגט זי זיי אן האדעווען מיט דעליקאטעסענס, קאכען האט זי דאך קיין צייט ניט — זי ראמט... און דאס פיהרט אם ענדע דערצו, אז דער מאן און די עלטערע קינדער ווערען פערפרעמדט פון דער היים, הויבען אן עסען אין רעסטאראנט, און דאס מאכט א תל פון'ם פאמיליען־לעבען. עס מאכט די היים וואכעדיג, עס נעהמט פון איהר אוועק די גאנצע פאעזיע; די גאנצע זיסקייט פון דער היים ווערט פערשוואונדען, און די פאמיליע נעהמט אן א מין פארמע פון א מיסעס מיט בארדערס. עס פיהלט זיך ניט מעהר דאס צוגעבונדענקייט און דאס ליעבשאפט וואס עקזיסטירען געוועהנליך צווישען אלע מיטגליעדער פון א פאמיליע, וואו זיי קומען יעדען טאג צוזאמען און עסען אלע בהרחבה ארום איין טיש מיט טאטע־מאמע, און מיט דער זיכערהייט, אז זיי עסען היימישע גוטע געקעכטס, וואס וועט זיי ניט שאדען, געקעכטס וואס מען קריגט נור ביי דער מאמע. די צו־גרויסע באלעבאסטעס

ווייסען ניט און פיהלען ניט דעם גרויסען אונגליק, וואס זיי אליין ברענגען אויף זיך.

ווען דער מאן קען ניט לאדען קיין געזעלשאפט צו זיך, ווייל די פרוי וויל קיינעם ניט האבען, אוים מורא טאמער וועט מען „אנמאכען" אין הויז, פאנגט ער אן זוכען קאמפאני ערגעץ אנדערש. מאנכע געפינען בעסערע, מאנכע געפינען ערגערע געזעלשאפט, און אזוי לאנגזאם אבער דייטליך ווערט דער מאן פערפרעמדט פון הויז, פון דער פרוי און פון די קינדער, און שפעטער ווען די פרוי קוקט זיך ארום און וואלט שוין אפילו וועלען צוריקכאפען און פערריכטען אלעס וואס זי האט פריהער קאליע געמאכט, איז שוין אפט צו שפעט. אנדערע מענער ווערען דורך דעם געמבלערס. מאנכע ווערען שיכורים, מאנכע געפינען אין דער יאגעניש נאך געזעלשאפט, אנדערע געליעבטע, און אזוי ווערט צושטערט א פאמיליען־טעמפעל פון גליק און ווערט פערוואנדעלט אין א יאמערטהאל דורך דער פרוי'ס אייגענע שולד.

און ניט נור איהר לעבען און דאס לעבען פון איהר מאן ווערט חרוב דורך איהר צו־גרויסע באלעבאסטעריי, נור אויך פון די קינדער ווערט א תל עולם.

וועהרענד די קינדער קענען ניט ברענגען זייערע חברים צו זיך אין הויז פון צייט צו צייט, צו זינגען, שפיעלען און שטיפען אביסעל, הויבען זיי אן צו געהן אין פרעמדע הייזער. אדער זיי באמען ארום אויף די קארנערס, שליעסען בעקאנטשאפט מיט פערשיעדענע גענגס, און זיי ווערען רואינירטע מענשען פאר אימער.

דער סוף פון אזעלכע פרויען איז אם מעהרסטען זעהר א טרויעריגער. פון צופיעל אנשטרענגונג, זייענדיג אימער אין איין סארט ארבייט, ניט האבענדיג אליין קיין לוסטיגע מינוט, ניט הערענדיג אין הויז קיין געלעכטער, קיין געזאנג, זעהענדיג זעלטען פאר די אויגען א לעבעדיגען מענשען, האבענדיג אלס דעם איינציגען קאמפאניאן איהרען דעם בעזים, אדער די שמאטע, ניט שלאפענדיג און ניט עסענדיג אין צייט, און אימער רק האר־

בענדיג עגמת נפש אַט אַט װעט מען אַנמאַכען אין הױז, װערט די פרױ אין מעהרסטע פעלע שרעקליך נערוועז. זי װערט אַ צו־בראָכענער שאַרבען, און איהר גאַנצער לעבען איז גאָר ניט װערטה. עס קומט אַלזאָ אױס, אַז אײן מענש האָט געמאַכט אַ חורבן פון אַ גאַנצע פאַמיליע און פון זיך אַלײן, און האָט דאָמיט קײן אײנציגען מענשען אין דער װעלט קײן טובה ניט געטהון.

צו װאָס האָט זי עס גערארפט ?

יעדע זאַך איז גוט מיט אַ מאָס און מיט אַ װאָג. אַזױ װי עס איז ניט גוט צו זײן אַ סלאַב און צו האַלטען אומרײן די הױז, אַז קײן מענש זאָל ניט קענען אַרײנקומען, אַזױ איז נאָך טױזענד מאָל ערגער צו זײן אַ צו־גרױסע באַלעבאָסטע, און קײנעם אין הױז ניט אַרײנלאָזען ; װאָס קומט אַרױס אַז עס איז רײן, אַז קײנער האָט דערפון קײן הנאה ניט, און עס ברענגט נור אַ רואינײשאָן פאַר דער גאַנצער פאַמיליע ?

די פרוי אין געזעלשאַפט

װען איך אַ זעה אַ פרוי װעלכע בעלאַנגט ניט צו קײן סאָסײעטי און נעהמט קײן אינטערעסע ניט אין געזעלשאַפטליכען לעבען, בעדױער איך זי שרעקליך.

מיר װײזט זיך אױס, אַז די פרוי איז אַ גזלן׳טע אױף זיך אַלײן. זי רױבט בײ זיך זעלבסט אַװעק הונדערטע זיסע שטונדען, װעלכע ס׳איז אונמעגליך צו קױפען פאַר געלד, קײן אונטערשיעד װי רײך, און װי פראָמינענט די פרוי זאָל ניט זײן.

צו בעלאַנגען צו אַ סאָסײעטי, בעזאָנדערס צו אַ װאָהלטהאָט אינסטיטושאָן איז אײנע פון די װיכטיגסטע זאַכען אין מענשען׳ס

לעבען, און פאַר פרויען איז עס נאָך מעהר וויכטיג ווי פאַר מענער.

ווען מען איז ביי אַ מיטינג און מען געפינט זיך ארומגערינגעלט פון אַ געזעלשאַפט וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון פרעמדע פער־שיעדענע מענשען, וועלכע רופען איינע די אַנדערע „ברידער" און „שוועסטער". פיהלט מען דאַן דעם טעם פון דעם הויכען נאָבעלען צוועק אין מענשען׳ס לעבען צו זיין פעראייניגט אונטער דער שעהנער פאָהן פון שלום און אחדות.

נעווער־מיינד וואָס אָפט מאָל קריגט מען זיך ארום אין אַ סאָסייעטי, און מאַנכעס מאָל קומען זאָגאַר פאָר סקאַנדאַלען; ס׳איז ניט געפעהרליך! דאָס זיינען אַלץ אַזעלכע זאַכען, וואָס קומען פאָר אין פאַמיליע, אין משפחה. אָט קריעגט מען זיך און אָט בעט מען זיך איבער. און אפילו אין דער צייט פון דער גרעסטער צאַנקעריי, איז מען צווישען זיך נאָך אַלץ בעסערע פריינד ווי פרעמדע וואָס האָבען קיין אינטערעסע און קיין פערבינדונג איינער מיט׳ן אַנדערען.

די פרוי וועלכע בעלאַנגט צו אַ וואָהלטהעטיגען אַנשטאַלט האָט אימער די געלעגענהייט צו טהאָן עטוואָס גוטעס פאַר איהרע מיט־מענשען, און צו פיהלען אַז זי לעבט ניט אומזיסט אויף דער וועלט, דאָס וואָס זי קען ניט טהאָן אַליין, קען זי אויפטהאָן דורך די פעראייניגטע קרעפטע פון איהרע מיט־שוועסטער.

ביי יעדער פרוי, טיעף אין איהר נשמה, ברענט אַ פייערעל פון רחמנות און מיטלייד צו איהרע מיטמענשען, וואָס ליידען און קענען זיך אַליין ניט העלפען.

יעדע פרוי האָט אַ מילדע האַרץ און אַ גוטע נשמה, און וואָלט גערן טהאָן עטוואָס גוטעס ביי אַ געלעגענהייט. ליידער איז אָבער ניט יעדע פרוי אין שטאַנד צו טהאָן גוטעס. אַ סך זיינען אַליין אַרים און קענען דעם אונגליקליכען מעהר ניט העלפען ווי מיט אַ קרעכץ, וועהרענד אין דער סאָסייעטי אַלס אַ מיט־גליעד פון אַ געזעלשאַפט, קען יעדע פרוי עטוואָס נוצען ברענגען, און דאָמיט צופריעדענשטעלען איהר נאָבעלען געפיהל פון רחמנות, דורך העלפען אַז די סאָייעטי וואו זי בעלאַנגט זאָל טהאָן אַ סך גוטעס.

װאָס עס איז שװער פאַר אײן מענשען צו טהאָן איז גאַנץ לײכט פאַר אַ רבים.

עס פּאַסירט אַמאָל אַ גרױס אונגליק צו כלל ישראל (װי דער יעצטיגער פאַל מיט דער מלחמה אין אײראָפּאַ). עס װערט דאַן געפאָדערט שנעלע הילפע. און די הילף מוז קומען ניט נור שנעל, נור אױך אין אַ גרױסען מאַסשטאַב. יעדע פרױ איז דאַ־מאָלס גרײט מיט לײב און לעבען צו צײגען איהר סימפּאַטיע צו די לײדענדע, אָבער „אײנע איז קײנע". װעהרענד אין אַ סאָ־סײעטי, װערט באַלד „אומר ועושה". גערעדט און געטהאָן. און יעדע פרױ פיהלט זיך גליקליך װאָס „זיא". דאָס הײסט איהר סאָסײעטי, האָט זיך שנעל און נאָבעל אָבגערופען אױפ׳ן הילפס־געשרײ פון איהרע לײדענדע ברידער און שװעסטער.

צו בעלאָנגען אין סאָסײעטי איז אױך זעהר װיכטיג פון׳ם שטאַנדפּונקט פון בילדונג און אױפקלעהרונג. די סאָסײעטי איז אַ סאָרט אוניװערזיטעט, פאַר פרױען װעלכע פערברענגען דיא מעהרסטע צײט זײערע אין הױז און אין קיטשען און האָבען קײן געלעגענהײט ניט צו זײן אָפט אין געזעלשאַפט. קומענדיג צו די מיטינגס האָבען זײ די מעגליכקײט צו שטודירען פערשיעדענע כאַראַקטערע און פערשיעדענע זײטען פון פערשיעדענע קלאַסען מענשען, מיט װעמען זײ קומען זיך צוזאַמען. מען זעהט אױסער־געװעהנליכע אנשטענדיגקײט און עהרליכקײט, מערקװירדיג גרױ־סען פערשטאַנד און געלאַסענהײט, פון מאַנכע "שװעסטער", װעל־כעס מען קען נעהמען אַלס מוסטער װי צו לעבען און װי זיך צו אױפפיהרען אױף דער װעלט. מען בעגעגענט זיך אױך מיט מאַנכע שלעכטע מענשען, הײסע טעמפּעראַמענטען, װעלכע קענען רוהיג ניט רײדען, מענשען בײ װעמען עס געהט שװעבל און פעך פון מױל, און װען מען נעהמט זײ אַלס בײשפּיעל, זעהט מען װי העסליך עס איז אַזאַ אױפפיהרונג. און פיעלע װערען פון אַזעלכע סאַמפּעלס אױסגעבעסערט, אױסגעאײדעלט, און װאַרפען אַװעק די שלעכטע מדות װאָס זײ האָבען מיט זיך מיטגעבראַכט פון שלעכ־טע ערציהונג, און פון ניט זעהן קײן פײנערעס פאַר די אױגען.

וואס זאל אזא פרוי טהאן?

א פרוי פון נוארק, ניו דזש., איז געקומען צו מיר אין אפיס, און האט מיך געבעטען איך זאל איהר שענקען 10 מינוט צייט און זי אויסהערען, נאכהער זאל איך איהר געבען אן עצה, וואס זי זאל טהאן.

אלס א פאררעדע איידער זי האט מיר אנגעפאנגען דער־צעהלען איהר געשיכטע, האט זי אויסגעבראכען מיט א הערצ־רייסענדען געוויין, און מיט אזא ריהרענדע יללה, אז ס'איז אויף מיר א פחד געפאלען. אזא געוויין קען מען נור הערען פון א מאמע, ווען עס שטארבט ביי איהר אן איין־און־איינציג קינד.

— איך בין געגאנגען צו אייך מיט דער מחשבה איך זאל אייך אלעס דערצעהלען, איך זאל פאר אייך אויסגיעסען מיין גאנצע הארץ, האט זי געשטאמעלט און די טרערען האבען זי אין האלדז געשטיקט אזוי אז זי האט זיך אלע מאל געמוזט אבשטעלען און אנווענדען גרויס אנשטרענגונג זי זאל קענען וויי־טער רעדען.

„איך האב אייך געוואלט דערצעהלען אלעס, אבער איך קען ניט. עס איז מיר איינפאך א שאנדע און זעהר א גרויסער וועה־טאג די ווערטער פון מיין מויל ארויסצולאזען. אבער איך מוז, מיין גאל ווערט אין מיר צופלאצט, איך קען שוין מעהר פון מיין מאן ניט ליידען. זאגט מיר איך בעט אייך, איז עס פאסענד פאר א פרוי פון פופציג יאהר, זיך צו שיידען מיט איהר מאן, וועהרענד זי האט שוין מיט איהם פינף דערוואקסענע קינדער ?...

איך האב געזעהן אז איך האב פאר זיך א שרעקליך פערבי־טערטע נשמה. און נאכדעם ווי איך האב אנגעווענדעט אלע מעג־ליכקייטען זי עטוואס צו בערוהיגען, האב איך פון איהרע אבגע־האקטע פראזען און פון איהרע טרעהרען אויסגעפונען פאלגענדעס:

מיט דרייסיג יאהר צוריק האט זי אין רוסלאנד אין א קליינע שטעדטעל חתונה געהאט מיט איהר מאן אוים ליעבע. איהר פא־טער וועלכער איז געווען א איד וואס האט געקענט אביסעל לערנען, און ניט קיין נאר, האט איהר אין דעם שידוך געשטערט.

— טאכטער מיינע, האט ער געזאגט, איך קען זיין טאטען און קען זיין זיידען. איך ווייס ווי אזוי זיי פיהרען זיך מיט זייערע ווייבער, און אזוי ווי דאס עפעלע פאלט ניט ווייט פון׳ם בוים, זאג איך דיר אז דו וועסט פאר איהם האבען א פינסטערען לעבען.

זי האט אבער דעם מאן שטערבליך געליעבט, האט זי דעם טאטען ניט געפאלגט און האט מיט דעם מאן חתונה געהאט.

א פאאר יאהר נאך דער חתונה זיינען זיי אוועקגעפאהרען קיין אמעריקא. די ערשטע יאהרען האבען זיי זיך שרעקליך געפלאגט, אבער אזוי ווי זי איז א גרויסע ווירטהין, האט זי געהאלטען א פולע הויז מיט באָרדערס, און האט געארבייט שווער און ביטער, און אויף אזא ארט און וו׳ייזע האט זי ווי עס איז צוזאמענגעשטוקעוועט דאס ארימע לעבען אזוי אז דער דלות האט זיך ניט ארויסגעזעהען.

שפעטער ווען דער מאן אליין האט אויך אנגעהויבען ארביי־טען סטעדי און מאכען בעסערע וויידזשעס, האט זי געטראכט, אז ס׳איז קיין פלאן ניט א מאן זאל אימער ארבייטען און שקלא־פען פאר יענעם, און זי האט גענומען שפארען א פעני צו א פעני, אום דער מאן זאל קענען עפענען א שטיקעל ביזנעס פאר זיך אליין, און זאל ניט דארפען טראגען אויף זיך דעם יאך פון א באס זיין גאנצען לעבען.

און איהר צוועק איז ווירקליך ערדייכט געווארען. איהר מאן איז אריין אין ביזנעס פאר זיך אליין, און עס געהט איהם גאנץ גוט. ער איז געווארען א איד א נגיד.

אַבער וואָס איהם איז געוואָרען בעסער, איז איהר אַלץ ערגער און ערגער געוואָרען. אַלס אַ איד אַ נגיד, פּאַסט איהם שוין ניט צו האָבען די פריהערדיגע ווייב. זאָגען, זאָגט ער איהר דאָס ניט. אָבער ער לאָזט עס זי פיהלען אויף יעדען שריט און טריט. וואו ערגעץ אַ קאַבאַרע און אַ לוסטיגע וואָדעוויל שאָו, געהט ער און פערברענגט דאָרט גאַנצענע נעכט. און מיט איהר — מיט זיין אַרימע פרוי, פיהרט ער שטענדיג אַ ברוגז קאָמעדי. עס קען אַוועקגעהן אַ יאָהר ער זאָל צו איהר ניט רעדען אַ וואָרט, און דעם דרייצעהנטען מאָנאַט ווען ער רעדט שוין יאָ צו איהר, רעדט ער נור זידעל ווערטער. עס איז ניטאָ אַזאַ שימפּף־וואָרט מיט וועלכען ער זאָל זי ניט בעליידיגען אין די עטליכע טעג וואָס ער רעדט צו איהר.

ניט לאַנג צוריק איז זי געווען קראַנק און האָט געהאַט אַ שווערע אָפּעריישאָן. און די גאַנצע צייט וואָס זי איז קראַנק געלעגען, איז ער קיין איינציגען מאָל ניט צוגעקומען פרעגען ביי איהר: ווי פיהלסט דו מיין ווייב?

זי קען חלש'ען פאַר זיינע אויגען צעהן מאָל, וועט עס איהם אַרען ווי די וואַנד. און ער וועט זיך קיין ריהר ניט טהאָן, צו לויפען נאָך אַ גלאָז קאַלטע וואַסער זי אָבצומינטערען.

זיי וואָהנען אין אַ פיינע אייגענע הויז, מיט אַ טעלעפאָן און עלעקטרי, מיט אַלע אימפּרואוומענטס. ער גיט איהר אויף דער הוצאה דרייסיג דאָלער אַ וואָך דאַרף זי זיך קליידען און שוכען, בעצאָהלען פאַר'ן טעלעפאָן, פאַר דער עלעקטרי, און אויסהאַלטען די גאַנצע הויז הוצאה פאַר זיבען פּערזאָן. נאַטירליך קען זי קיין דיענסט ניט האַלטען, און זי מוז אַליין וואַשען און ראַמען און קאָכען און באַקען, און ווען זי האָט לעצטענס געטרייעט צו בעטען ביי איהם אַ פּאָאַר סענט מעהר, און האָט פּראָבירט בעטען ביי איהם עטליכע דאָלער זי זאָל קענען פאָהרען אין קאַנטרי זיך אויסרוהען אַ פּאָאַר וואָכען, האָט ער זי איינפאַך מכבד געווען מיט שעהנע עטליכע פּעטש; דיעזע פּעטש האָבען אויף איהר געמאַכט אַ שרעקליכע ווירקונג, אויב דאָס איז אַלעס וואָס זי

האט פערדיענט פאר איהרע דרייסיג יאהר שווערע ארבייט. האט זי אויסגערופען מיט א געוויין אז עס האט זאגאר א שטיין געקענט ריהרען. קען זי מעהר מיט אזא מאן ניט לעבען אויף דער וועלט. זי וואלט זיך א מיתה אנגעטהאן. האט זי אבער ניט דעם מוטה און דעם קוראזש וואס מען דארף דערצו האבען. צווייטענס מהועו איהר באנג די קינדער און זי וויל זיי ניט אנטהאן אזא בזיון. איהר מוטער־הארץ דערלאזט זי אויך ניט זי זאל זיי אזוי פיעל עגמת נפש פערשאפען.

צו דער זעלבער צייט, זאגט זי, איז ער אויך זעהר שלעכט צו די קינדער. מען זעהט ניט פון איהם קיין סימן פון פאטער־ליעבע. דער כרחם אב על בנים איז ניט פאר איהם געזאגט גע־ווארען. און ווען א קינד דארף ביי איהם ארויסקריגען א פאאר סענט, קומט עס אן א סך שווערער ווי צו שפאלטען דעם ים.

און די אונגליקליכע פרוי איז געקומען צו מיר פרעגען אן עצה. אויב עס פאסט פאר א פרוי פון פופציג יאהר אלט, א מוטער פון פינף ערוואקסענע קינדער, צווישען וועלכע עס געפינט זיך שוין א טאכטער פון א יאהר זעקס און צוואנציג, אויב פאר אזא פרוי פאסט ביי די יאהרען צו שיידען זיך מיט'ן מאן? זי וויל וויסען וואס וועט דארויף די וועלט זאגען? און אויב צו שיידען זיך פאסט ניט, וויל זי וויסען וואס דען זאל זי טהאן? זי האט זיך שוין גענוג געמאטערט, צו פיהרען ווייטער אזא פינסטערען, אזא געמאטערטען לעבען, קען זי ניט מעהר. זי איז שוין אזוי אויך א צובראכענער שארבען. און ווען עס איז שוין געקומען אזוי ווייט, אז ער האט שוין אנגעפאנגען הויבען א האנד אויף איהר, וואס קען זי דערווארטען פון איהם שפעטער — ווען ער וועט זיך דערצו אויך איינגעוואהנען. און עס וועט ביי איהם ווערען א וואכעדיגער גאנג ווי זיין זידלען מיט'ן מויל?...

אזוי ווי עס איז ווירקליך זעהר אן ערנסטע פראגע; וואס זאל אזא פרוי טהאן אונטער אזעלכע אומשטענדען? האב איך דיעזע פראגע איבערגעגעבען צו א רעפערענדום. פרויען זא'ען אורטהיילען, וואס דיעזע אונגליקליכע פרוי דארף יעצט טהאן.

שוועסטער זאלען געבען אן עצה צו א שוועסטער, וואס פיר א וועג עס איז דער בעסטער, זי זאל די לעצטע עטליכע יאהר פון איהר לעבען ניט דארפען פערברענגען אין יאמער און אין טרעהרען.

פון שוועסטער צו א שוועסטער

איך האב ערהאלטען הונדערטע בריעף מיט פערשיעדענע מיי־נונגען פון פרויען פון פערשיעדענע טהיילען פון לאנד. אלע בריעף זיינען געשריעבען מיט הארץ, מיט געפיהל און מיט נשמה, ווי פון שוועסטער צו א שוועסטער. אבער עס איז אונמעגליך צו דרוק־קען אלע בריעף, עס וואלט זיין אן ארבייט אויף א יאהר, און איך האב דאריבער נור אויסגעקליעבען די וויכטיגסטע און וועל פון זיי בלויז ארויסנעהמען דעם תמצית, אין איינינע שורות:

מרס. ב. רובין, פון 60 וועסט 119טע סטריט, דענקט, אז די פרוי זאל זיך ניט שיידען מיט איהר מאן, זי זאל דאס גאר ניט אריינגעהמען אין דער מחשבה. זי זאל בעסער טרייען מיט גוטען און אימער דענקען גוטעס פון איהם. א פאר גוטע ווערטער קענען דעם ערגסטען מאן גוט מאכען. א מאן וואס גיט א פרוי א שעהנע היים מיט אלע בעקוועהמליכקייטען, און 30 דאלאר א וואך, איז ניט אזוי שלעכט. זי זאל נאר טרייען מיט גוטען— זי מוז עס טהאן צוליעב די דערוואקסענע קינדער.

ליבה עמילטאן, פון מילוואקי וויסקאנסין, דענקט אז דער בעסטער וועג פאר דער פרוי איז, אז מיט דער צושטימונג פון איהרע קינדער זאל זי הייסען דעם מאן ארויסגעהן פון הויז און

זי זאל בלייבען מיט די קינדער. די עלטערע קינדער וועלען פאר איהר אימער קענען מאכען א לעבען.

רבקה טייבער, פון מיניאפאליס, מינ., רעכענט אז עס וועט זיין בעסער די פרוי זאל זיך שיידען מיט איהר מאן, פאר איהר איז עס גאר קיין שאנדע ניט. אלע וועלען וויסען, אז ווען א פרוי אין די יאהרען שיידט זיך מיט א מאן, מסתמא האט זי זיך גענוג אנגעליטען און דער בעכער איז שוין פול.

אסנה רחל ליוואי, פון סט. פאול, מינ., איז מיט דער מיינונג אז די פרוי זאל זיך ניט שיידען, ווייל עס איז שוין צו שפעט, נור מען דארף איהם אנלעהרנען, און ווען ער וועט זיך וואגען נאך אמאל צו הויבען א האנד אויף איהר, זאל זי גאר לאנג ניט טראכטען און וואס נאר עס וועט איהר אין האנד קומען זאל זי איהםווארפען אין פנים אריין, ער זאל זיך נאכהער שעהמען אין סטריט ארויסצוגעהן אם ווענינגסטען דריי חדשים — אבער זי מוז זעהן מאכען א גוטען דזשאב.

גיטעל ראבינסאן, פון ניו הייווען, דענקט אז דער בעסטער וועג איז, אז די פרוי זאל צונעהמען פון איהם די קינדער און איהם לאזען אליין. אבער זי זאל זיך ניט שיידען מיט איהם. ווען ער וועט בלייבען אליין וועט ער ערשט דאן אנפאנגען בעגרייפען די ווערדע פון א געטרייע פרוי, און וועט חרטה האבען אויף דעם גרויסען פערברעכען וואס ער האט געגען דער פרוי בעגאנגען.

מרס. דזש. ראבינאוויץ, פון 602 וועסט 157טע סטריט, איז אויך מיט דער מיינונג, אז די פרוי זאל זיך מיט'ן מאן ניט גט'ען, נור זי זאל איהם לאזען די שעהנע הויז מיט די עלעקטרי און מיט'ן טעלעפאן. זי זאל נעהמען א פיינע וואהנונג און נעהמען אלע קינדער מיט זיך, און זיי וועלען ארבייטען און מאכען א לעבען. דאן זאל זי איהם פערקלאגען פאר סופארט. דער דזשאדזש וועט איהם געבען א גוטען לעקטשור, און ווען זי וועט זיין פון איהם דערווייטערט א צוויי דריי יאהר, וועט ער גאר אן אנדער מענש ווערען, און וועט זיך שוין מעהר קיינמאל ניט וואגען צו הויבען א האנד אויף זיין פרוי.

מיסס. הענדלין פון באלטימאר, איז מיט דער מיינונג, אז די פרוי מיט די קינדער דארפען איהם אנטלויפען ווי פון א גיפ־טיגען שלאנג. מען זאל איהם לאזען די גאנצע הויז. ער זאל זיך דארט אליין ארומדרעהען ווי א משוגע'נער — ביז ער וועט בעסער ווערען.

מרס. זלאטע פערל פון 929 גלענמאר סט. ברוקלין, גלויבט אז די גלייכסטע זאך איז אז די פרוי זאל זיך שיידען מיט איהר מאן. ווען ער איז ביז יעצט אזוי שלעכט וועט ער שוין קיינמאל בעסער ניט ווערען, אויף דער עלטער וועט ער נאך ווערען ערגער.

מרס. נ. שטארק, פון 136 סאמערסעט סט. נוארק, נ. דזש. זאגט אז די פרוי דארף צייגען איהר מאן, אז פרויען האבען יעצט גלייכע רעכטע ווי די מענער, אז זיי טהוען יעצט אלע ארבייט גלייך ווי די מענער, און ווען עס קומט צו הויבען א האנד, קען זי עס טהון ריכטיג ווי ער.

מרס. ס. שטארקמאן, פון 331 איסט 81טע סטריט, זאגט אז איין צד זאל מען קיינמאל ניט אויסהערען. מעגליך אז דער מאן איז גאר ניט אזוי שלעכט און די פרוי איז גאר ניט אזוי גוט, ווי מען מיינט. ווען א מאן ארבייט זיך ארויף, האט ער רעכט בעסער און פיינער צו לעבען. און עס זיינען דא פיעלע פרויען וואס האלטען אן זייער ארימקייט און זייער זלידנישע אויפפיה־רונג אפילו ווען דער מאן ווערט א גביר. דערפון נעהמען זיך אלע קריעג און מחלוקת אין א הויז. א קלוגע פרוי קען מאכען פון איהר מאן וואס זי וויל, נור עס זיינען ליידער דא פיעלע פרויען וואס גלייכען אימער צו פערשטערען די יאהרען זיך און זייער גאנצער פאמיליע. ווען דער מאן איז גוט אב און קיין פרנסה פעהלט ניט אין הויז, דארף די פרוי זעהן, אז די גאנצע הויז געזינד זאל לעבען בעסער, און מען זאל הנאה האבען פון לעבען. „דאנט טראבעל טראבעל, טיל טראבעל טראבעלס יו".

מרס. קיידי ווערביצקי פון מאטעפען, מאס. גלויבט גאר ניט אז היינטיגע צייטען זאל זא וואס קענען פאסירען, אבער זאגט זי, אויב עס איז ריכטיג ווי די פרוי דערצעהלט, איז דער בעס־

מער װעג זײ זאָלען זיך ניט שײדען. זי און די קינדער זאָלען עסען און טרינקען און לעבען א גוטען טאָג. און זאָלען אפילו ניט קוקען אויף איהם.

מרס. דזשעני מיללער פון פילאדעלפיא, דענקט אז די פרוי װעלכע האָט געהאַט געדולד דרײסיג יאָהר, זאָל אויך װײטער האָבען געדולד, און ניט יעצט איז שפּעטער. סוף כל סוף, װעט זיך דער מאַן מוזען ארומזעהן. אז ער האָט גענען זײן פרוי פיעל געזינדיגט און ער װעט בעסער װערען.

מרס. סערע פּאסטעל, פון 753 זיבעטע עװעניו, איז מיט דער מײנונג אז טראָטץ דעם, װאָס די פרוי איז שױן אַלט פופציג יאָהר, מאַכט גאָר ניט אוים זי זאָל זיך מיט איהר מאַן שײדען. עס קומט איהר אַזױ אויך גענוג קרעדיט דערפאַר װאָס זי האָט אַזױ העלדיש געליטען און אַלעס אריבערגעטראָגען דרײסיג יאָהר כסדר, ביז זי האָט איהרע קינדער ערצױגען. יעצט, װען זי האָט שױן אַלע קינדער ערװאַקסענע, מוז זי מעהר ניט לײדען. זי דאַרף איהם זאַפאַרט פערלאָזען און מעהר מיט איהם א מינוט ניט פערבלײבען.

מרס. פּאולינע מײקעלסאָן, איז מיט דער מײנונג אַז יעצט איז שױן צו שפּעט בײ די יאָהרען צו רעדען פון א שײדונג. מעגליך אז דער מאַן װיל עס, און קוקט דארויף ארוים, זי דאַרף איהם גאָר די ליעבע ניט אַנטהאָן, צו װאָס זאָל זי איהם בעפרײען, ער זאָל מעגען אַלעס טהאָן װי א פרײער פױגעל? די בעסטע זאַך איז צו טהון װי אַ עהרליכע אנשטענדיגע אידישע מאַכטער דאַרף טהאָן. צו טרײען װי װײט מעגליך צו זײן פײן, שטיל, און אױסצומײדען קריעג. דעם מאַן ניט אױפצורײצען. נעװער מײנד, װאָס ער איז ברוגז און בלאָזט זיך. זאָל די פרוי לאָזען איהר כבוד איבערגעהן. עס איז פײנער פאַר די קינדער זײ צו צײגען א בײשפּיעל װי אַזױ א מאַמע לײדט און טראָגט אַלעס אריבער אום ניט צו מאַכען די קינדער פאַר לעבעדיגע יתומים, און מיט דער צײט, װען דער מאַן װעט זעהן װי װײט זײן פרוי איז פײן און װי װײט זי װיל אױסמײדען סקאַנדאַלען,

וועט ער אליין חרטה האבען אויף זיין שלעכטע אויפפיהרונג און וועט לאנגזאם אבער זיכער זוכען צו פערגיטיגען אלעס וואס ער האט געגען איהר שלעכטעס געטהאן אין זיין לעבען.

מרס. ה. ג. ר. איז מיט דער מיינונג, אז קויטיגע וועש דארף מען נים וואשען אז יעדער איינער זאל זעהן. מען קען עס טהאן פערבארגען, אז נור די בני בית זאלען עס וויסען, אדער בלויז איינינע פון די גאנצע אייגענע מענשען און מעהר קיינער נים. יעדע פרוי קען זיך אנפערטרויען צו א קרוב אדער צו א נאהענטען לאנדסמאן, און איהם אלעס דערצעהלען, און אפט מאל קען אויף אזא ארט און וויזע דער גרעסטער סכסוך געסעטעלט ווערען אויף א שטילען באלעבאטישען אופן, אהן לייטישע געלעכטער.

מרס. סערע רייטער פון דאלאס, טעקסעס, איז מיט דער מיינונג אז די פרוי זאל זיך מיט איהר מאן נים גט'ען, אבער וואה־נען מיט איהם זאל זי אויך נים. ווייל א גט וועט נור זיין איהם א טובה, אבער נים איהר. דער מאן וועט נים קוקען דארויף וואס ער האט ערוואקסענע קינדער און ער וועט באלד קריגען אן אנדערע, א אינגערע. וועהרענד זי וועט בלייבען ווי אן אבגע־שלאגענע הושענא. זי זאל בעסער זעהן קריגען א סעפערייישאן און ער וועט איהר געבען סופארט, ווייל דאס פערמעגען פון א מאן בעלאנגט צוביידע גלייך, מיט דער צייט, קען זיין, אז ער וועט אנערקענען זיינע פעהלערען.

מענער זאלען האלטען זייערע אויגען ברייט אפען פאר דער חתונה, און האלב צוגעמאכט נאך דער חתונה.

סאראה בערנהארדט.

א סך מענשען הויבען אן היטען זייער געלד ווען עס האלט ביי ענדע, דאס זעלבע טהוען פיעלע מיט זייער צייט.

געטהע.

דער בעסטער וועג געגען ערגסטען מאן

נאך די אלע בריעף וואס איך האב געקראגען וועגען דער פרוי פון נוארק, ניו־דזשוירזי, וועלכע האט געפרעגט ביי דער וועלט אן עצה, אויב עס פאסט פאר א פרוי פון פופציג יאהר, וועלכע האט שוין ערוואקסענע קינדער, צו מאכען לייטישע געלעכטער, און זיך שיידען מיט'ן מאן, נאכדעם ווי זי האט שוין מעהר קיין קרעפטען ניט צו ליידען פון זיינע שלעכטע קאפריזען, — נאך די פיעלע בריעף וואס איך האב וועגען דיעזער אנגעלעגענהייט אריינגעקראגען פון ארבע פנות אמעריקא, מיט פערשיעדענע עצות און פערשיעדענע מייגונגען, וועל איך יעצט טרייען צו זאגען מיין אייגענע מיינונג.

קודם וועל איך זאגען צו דער פרוי פון נוארק, ניו דזשוירזי, אז זי איז ניט די איינציגע, וועלכע ליידעט פון א שלעכטען מאן, און וואס קען זיך קיין עצה ניט געבען וואס זי זאל טהאן. עס זיינען דא א סך אזעלכע — און צרות רבים — זאגט די וועלט — איז חצי נחמה.

מאסען פרויען קומען צו מיר פונקט מיט אזעלכע קלא־געז ווי זי האט געגען איהר מאן, און כמעט איבעראל איז די קיים א פערלארענע.

עס זיינען דא געוויסע קראנקהייטען צו וועלכע אן אפעריישאן קען העלפען. אבער ווען קען די אפעריישאן העלפען, — ווען מען פערכאפט עס גלייך ביי די ערשטע סימפטאמען ; קוים אבער פערלאזט מען עס אין דער לאנגער באנק, און מען האט רק מו־רא צו געהן אונטער'ן מעסער, ווערט די קראנקהייט אלע מאל ער־גער און ערגער, ביז עס קומט צו אזא מדרגה, ווען אן אפעריישאן

קען שוין אויך ניט העלפען, ווייל אַן אָפּעריישאַן מיינט דאָן אַ זיכערער טוידט. און דאַמאָלס האָט שוין קיין זינן ניט צו געהן אונטער׳ן מעסער. ווייל דאָס לעבען האָט אין זיך אַ גרויסע צו־ציהונגס קראַפט, און ווי דאָס לעבען זאָל ניט זיין פול מיט מאַטערנים, יסורים און עגמת נפש, איז עס אַלץ בעסער ווי געשטאָרבען. ווייל כל זמן מען לעבט האָפט מען, פּיעלייכט וועט עפּעס דאָך אַ נס געשעהען, און אַזוי ווי מען ווייסט ניט פון וואַנען די קראַנקהייט איז געקומען, אַזוי וועט מען ניט וויסען ווי די קראַנקהייט וועט אַהינקומען.

אַבוואָהל עס פּאַסירען זעהר זעלטען אַזעלכע נסים, דאָך פּאַ־סירט עס אַמאָל יאָ, אַז איינער ווערט געהאָלפען דורך אַ גאַנץ אונערוואַרטעטען צופאַל; עס האָט שוין זאָגאַר אַמאָל פּאַסירט אַז דער וואָס איז געווען בלינד זיין גאַנצען לעבען איז פּלוצים פון דער העלער הויט זעהענדיג געוואָרען, אָדער שטומע האָבען דורך אַן אונערוואַרטעטען צופאַל אָנגעהויבען רעדען.

עס פּאַסירט טאַקי זעלטען, אָבער אַמאָל פּאַסירט עס.

ריכטיג דאָס זעלבע איז מיט אַזעלכע פרויען, ווי די פרוי פון נוארק, ניו־דזשוירזי, עס איז אַ פערנאַכלעסיגטע קראַנקהייט, אַ פערלאָזענע קראַנקהייט. אַן אָפּעריישאַן, אָדער אַ סעפּעריישאַן, איז געווען אַם פּלאַץ מיט יאָהרען צוריק, ביי די ערשטע סימפּ־טאָמען, ווען זי איז נאָך געווען יונג געזונד און קרעפטיג און האָט געקענט געהן אונטער׳ן מעסער אָהן אַ טוידט־געפאַהר; אָבער יעצט איז שוין צו שפּעט. די אָפּעריישאַן יעצט איז פאַר איהר אַ זיכערער טוידט, און איידער אַ געוויסער טוידט, איז בעסער אַ געמוטשעטער לעבען, וואו עס זיינען דאָ פערשיעדענע שטראַהלען פון האָפנונג.

יעצט וועלען מיר נעהמען די זאַך אַ ביסעל מעהר פילאָזאָפיש.

פאַר קיין מענשען אין דער וועלט איז דאָס לעבען ניט אויס־געשפּרייט דורכאויס מיט בלומען. יעדע פרוי האָט זיך איהר

פעקעל צרות. האט זי ניט קיין צרות פון מאן, האט זי צרות פון קינדער, האט זי צרות פון טאטע־מאמע, פון שוועסטער און ברידער, אדער פון קראנקהייט. דער רבונו של עולם האט א סך פעקלעך צרות, און ווען עס קומט ראש השנה צוטהיילט ער יעדען איינעם זיין פעקעל. זעהר, זעהר זעלטען פערגעסט ער יעמאנדען צו בעזארגען מיט א פעקיל. און דער מענש מיט שכל, ווייסט אז אזוי איז דאס לעבען, און אז מען קען דערצו גאר ניט העלפען. מען מוז נעהמען אלעס ווי עס געהט, און אליין זוכען און געפינען פערשיעדענע וועגען און מיטעל ווי צו מאכען דעם פעקעל צרות לייכטער צו טראגען.

ניט מיט זארגען, ניט מיט וויינען וועט אייער פעקעל גרינגער ווערען.

ווען איך וואלט זיין אויף דער פרוי'ס פלאץ, וואלט איך פון די דרייסיג דאלאר א וואך פערברויכט דאס מעהרסטע פיר מיינע אייגענע פערגעניגען. איך וואלט געגעסען און געטרונקען און געפאהרען איבעראל, איך וואלט געלעבט און געלאכט, איך וואלט אזוי לאנג געלאכט, ביז ער וואלט אנגעהויבען וויינען, דאן וואלטען מיר זיך אויסגעגלייכט.

עס איז אן אונזין! אזא פרוי קען זיך קיינמאל מעהר ניט שיידען מיט איהר מאן, ווייל אזוי ווי זי האט איהר מאן אלס פריינד פערלארען, אזוי האט זי מיט איהם צוזאמען אויך איהרע קינדער פערלארען. קינדער קענען ניט אויסוואקסען נארמאל, מיט הערצער וואס זאלען קלאפען ווארעם פיר זייער מוטער. ווען צווישען מאן און פרוי הערשט אימער קנאה, שנאה און זידלעריי. די קינדער פערליערען זייער רעספעקט פארביידע, אי פאר'ן פאטער אי פאר דער מוטער, און ווען אזא פרוי שיידעם זיך מיט איהר מאן, קען זי קיין גוטעס אויך פון איהרע קינדער ניט ערווארטען, ווען זי וועט וואהנען מיט זיי.

דאס איז דאך דער אונגליק מיט א שלעכטען מאן, ער פערזעעט א זריעה פון שלעכטע מענשען אויף דער וועלט.

אזא פרוי קען זיך דאריבער ניט שיידען מיט איהר מאן און זי דארף עס ניט טהאן, ווייל דאס הייסט צו געהן אונטער'ן מעסער צו א זיכערען טוידט. זי מוז לעבען און האפען אויף א נס. זי דארף איהר קויטיגע וועש ניט וואשען אין דער עפענטליכקייט, קיינער דארף ביי איהר ניט וויסען פון די יסורים וואס זי ליידט, זי דארף עס קיינעם ניט דערצעהלען. אפילו זי אליין דארף דער־פון ניט וויסען צופיעל, זי דארף זיך מאכען ניט וויסענדיג. ווען ער זידעלט זי, זאל זי זיך אויסלאכען, און איהם זאגען אז יעצט האט זי קיין צייט ניט צו הערען אלע זיינע קללות, זי פאהרט אין א טהעאטער, אדער אין קוני איילאנד, ער זאל זיין אזוי גוט און צו־ווארטען מיט זיין צעטעל קללות ביז זי וועט צוריק קומען.

איין כלל איז דא אין דער וועלט, אז אויף'ן געפאלענעם טרעט יעדער מיט די פיס; דעם שוואכען טרייעט יעדער איינער צו שלאגען, און ווען איינער וויינט בלייבט ער אימער עלענד און אליין, און קיינער וויל אין זיין געזעלשאפט ניט קומען. אבער טרייעט נור צו לאכען וועט די גאנצע וועלט מיט אייך מיט־לאכען.

זאל די נוארקער פרוי איהר מאן ניט טשעפען, זאל זי נור אין זינען האבען זיך, זאל ער זיך געהן זיין וועג, און ווען עס וועט פאראיבער א שטיק צייט און ער וועט דערזעהן אז ער האט א שעהנע, א געזונדע, א לוסטיגע ווייב, וועט ער דאן גאר אן אנדער מענש ווערען.

עס זיינען דא מענער וואס זיינען זיך גאר מחיה, ווען זיי זעהען אז זייערע ווייבער ערגערען זיך, און ווערען צובראכענע שארבענס; זיי מיינען, אז באלד וועלען זייערע ווייבער אב־שטארבען, און זיי וועלען קריגען רייכע אינשורענס און נייע יונגע ווייבער א צוגאב! איבער דעם אליין דארפען די פרויען שכל האבען און טרייען צו לעבען א גוטען טאג, די מענער אויף להכעיס. פאר שלעכטע מענער איז דאס די גרעסטע נקמה.

מיין מיינונג איז דאריבער, אז גראדע דאן ווען אייער מאן וויל אייך טרייבען אין קבר, זאלט איהר ערשט דאן אנפאנגען ריכ־

טיג צו לעבען, ווי גאט אין פראנקרייך, מאכט נור פון זיך א שעהנע, א געזונדע, א לוסטיגע פרוי, וועט איהר זעהען וויא דער זעלבער שלעכטער מאן וועט ווערען אזוי גוט כאטש נעהמט און לעגט איהם צו צו א וואונד.

א בריוועלע דער מאמען

איך האב נאכגעזוכט אלע גוטע טהאטען וואס ווערען אויף דער וועלט אויפגעטהאן; איך האב אין מיינע געדאנקען געטרייעט מיר פארצושטעלען פאר די אויגען אלע שעהנע נאבעלע זאכען, וואס ווערען געטהאן פון פערשיעדענע מענשען און פערשיעדענע צייטען און ביי פערשיעדענע פעלקער; איך האב נאכגעזוכט אלע בריליאנטענע מאמענטען פון מענשליכען לעבען, יענע איינצעלנע מאמענטען וואס ערהויבען דעם מענשען פון זיין שטויב, און מאכען פון איהם א טהייל פון דער גרויסער גאטהייט; איך האב געטרייעט צו אנאליזירען אלעס וואס מיר האבען גוטעס און שעהנעס אויף דיעזער וועלט; אלעס צוליעב וועלכען עס איז כדאי צו לעבען און צו ליידען — און איך קען ניט געפינען א זאך וואס זאל זיין אזוי הויך און אזוי נאבעל, אזוי ריין, אזוי שעהן און אזוי הימליש געטליך ווי מוטערליכע טרייהייט צו קינדער, אדער ווי מו־טער־ליעבע.

דאס מענשליכע לעבען איז אזוי פול מיט פראזע, מיט איינ־פאכקייט, מיט נארישקייטען, מיט יאגעניש נאך קערפערליכע פערגעניגענס אז די איינציגע ליכטיגע שעהנע מאמענטען ווערען

פערנאַכלעסיגט. מען קוקט זיך גאַר ניט צו צו זיי, און מען ווייס גאַר ניט ווי זיי צו שעצען.

מען בויעט מאָנומענטען צו גרויסע געלעהרענטע, וואָס האָבען געגעבען דער וועלט גייסטיגע שפּייז, ביכער און געלעהרזאַמקייט צו ליטערען דעם מענשען'ס נשמה; מען בויעט מאָנומענטען צו גרויסע קינסטלער ארטיסטען, וואָס מאָהלען שעהנע בילדער צו בעגייסטערען דעם מענשען און איהם צו ערהויבען אין העכערע ספערען; מען בויעט אייביגע מאָנומענטען צו גרויסע קינסטלער, וואָס ערפינדען פערשיעדענע גרויסע ערפינדונגען צו מאַכען דעם מענשען'ס לעבען זיסער, בעקוועמער, זיכערער און לייכטער; אָבער דיעזע אַלע גרויסע מענשען צוזאַמענגענומען, פערדיענען ניט אַזוי אמת און עהרליך זייערע מאָנומענטען, ווי דאָס פערדיענט אַ איינפאַכע פּשוט'ע מאַמע מיט דעם סאַמפּעל וואָס זי צייגט דער וועלט אין דער העכסטער מדרגה פון ליעבע.

און זי טהוט עס שטיל; קיינער ווייס עס גאַר ניט, קיינער זעהט עס גאַר ניט; זי מאַכט דערפון ניט קיין וועזען, זי פערלאַנגט דערפאַר גאַר ניט פון דער וועלט; זי זאָגט ניט, אַז די וועלט איז איהר עפּעס שולדיג דערפאַר, און דאָך איז איהר די וועלט שולדיג אַלעס. עס זיינען ניטאָ אַזוי פיעל מעדאַלען צו בעציערען די ברוסט פון אַ מאַמע, וואָס צייגט דורך איהר אונענדליכע ליעבע אויף דער ערד דעםביישפּיעל פון מלאכים אין הימעל.

אויב מלאכים אין הימעל בעזיצען אַזוי פיעל ליעבשאַפט און טרייהייט ווי מאַמעס דאָ אויף דער ערד, זיינען זיי ווערטה דעם הויכען פּלאַץ וואָס זיי פערנעהמען אַרום דעם כסא הכבוד.

איך האָב בייגעוואָהנט ניט לאַנג צוריק אַ בילד, וואָס איך קען ניט פערגעסען, און וועל עס ניט פערגעסען מיין גאַנצען לעבען.

ביי אַ מוטער איז אומגעקומען געוואָרען אַ זוהן אין דער אַרמעע. דער זוהן איז ביי איהר געוועזען איהר חיות, איהר נשמה, איהר לעבען.

איידער ער האט געדארפט אוועקגעהען אין קעמפ, ווען ער איז ניט געווען אין הויז האט זי געוויינט, געיאמערט, זיך געשלאגען קאפ אן וואנד, מען האט געמיינט, אז די אונגליקליכע מוטער ווערט משוגע פון עגמת נפש.

אבער אזוי שנעל ווי זי האט דערזעהן דעם זוהן אריינקומען אין הויז, האט זי מיט דער שנעליגקייט פון א בליץ אויסגעווישט די אויגען, דעם גאנצען שטורם פון איהר הארץ בעהאלטען אינווייניג טיעף אין איהר נשמה, און זיך געזעגענענדיג מיט איהם, האט זי מיט אן איבערנאטירליכען העלדענמוטה, וואס האט ניט קיין גלייכען אין דער וועלט פון העלדען און העלדענטהום, מיט א רוהיגען געלאסענעם טאן געזאגט צו איהם:

— געה, מיין זוהן, געה געזונטערהייד, איך וועל דא ניט וויינען, ווייל איך וויים, אז ווען איך וועל דא וויינען, וועט דיר דארט ציהען דיין הארץ, און דו וועסט זיין אונרוהיג!...

און די מאמע, דער גרויסער סאמפעל פון ליעבע און טרייהייט, האט זיך צוריקגעהאלטען פון וויינען, און האט נאך געשמייכעלט צו איהר זוהן, ביז ער איז ארוים פון הויז מיט'ן געדאנק, אז די מאמע וועט זיך ניט זארגען, זי וועט אלעס אריבערטראגען געהעריג.

אבער אזוי שנעל ווי ער איז נור ארוים פון הויז איז די מוטער געפאלען אין אונמאכט, און עס האט גענומען א שטונדע ביז מען האט זי צו זיך געבראכט.

אבער דאס אליין איז נאך גאר ניט! ערשט אבענד האט זיך די מוטער־ליעבע ארויסגעזעהען אין פולען הימלישען פראכט: קודם האט זי געזעהען אז אלע קינדער זאלען איינשלאפען רוהיג, זיי זאלען ניט זעהן ווי איהר גרוים בענקשאפט לאזט זי ניט לעבען, און זאלען זיך ניט ערגערען, און ערשט ווען אלע זיינען איינגעשלאפען איז זי שטילערהייד צוגעגאנגען צו דער בעט וואו דער זוהן פלעגט שלאפען איידער ער איז אוועק אין דער ארמעע, און האט זיך די גאנצע נאכט ארומגעדרעהט ארום זיין בעט און האט געמורמעלט צו זיך אליין: וועד וויים וואו מיין זוהן שלאפט

יעצט ? ווער ווייס אויב עס איז איהם דארט ווייך צו שלאפען ? גאט, בעשיץ מיין קינד מיט דיינע פליגעל עס זאל מיט איהם קיין בייזעס געשעהן. און אזוי האט זי שטילערהייד ווי א מלאך ארומגעשוועבט איבער זיין ליידיג געלעגער ביז די זונן איז אויפגעגאנגען, און אזוי האט זי געטהאן יעדען אבענד ביז זי האט געקראגען דעם ערשטען בריעף פון איהם, אז ער שלאפט ריכטיג, און עסט ריכטיג, און אז אנקעל סעם זארגט פאר זיינע קינדער ריכטיג ווי די מאמעס זארגען פאר זיי אין דער היים.

איהר וואלט געדארפט זעהען דעם יום טוב, די שמחה, די פרייד וואס די מוטער האט געהאט פון איהר זוהן'ס בריעף. זי האט איהם צום הארצען געטוליעט, ווי דאס וואלט זיין ער אליין, און ביי יעדעס מאל וואס זי האט זיך פערגעסען און געוואלט אנהויבען וויינען, האט זי פלוצים געסטאפט. זי האט זיך מיט אמאל דערמאהנט, אז יעדעס מאל וואס זי וויינט דא, פיהלט איהר זוהן שלעכט דארט...

איך ווייס ניט, ווי אנדערע דענקען, ביי מיר איז עס אזוי גוט ווי זיכער, אז קיין שעהנערע פאעטישע מאמענטען אין מענשליכען לעבען, זיינען ניטא ווי דיעזע הייליגע מאמענטען ווען מאמעס צייגען אזוי נאבעל ארויס זייער אונבעגרענעצטע טרייהייט, זייער הויכע הימלישע ליעבע צו זייערע קינדער.

וויפיעל כבוד, וויפיעל מעדאלען, וויפיעל מאנומענטען מען זאל ניט מאכען פאר דיעזע מלאכים, וועלען זיי אלץ ווערטה זיין מעהר. זיי זיינען דער באלזאם, דער טהוי, די בלומען פון אונזער וועלט.

און צו די סאלדאטען וואס דיענען זייער לאנד און ערפילען די העכסטע מענשליכע פליכט אין זייער לעבען, וויל איך זאגען: ערפילט אויך אייער צווייטע פליכט טריי — שרייבט א בריוועלע דער מאמען, אזוי אפט ווי איהר קענט נור; איהר קענט גאר

קיין בעגריף ניט האבען, וואס פאר א גוטער לעבענס רעצעפט אייער בריעף איז פאר אייער מינזער. דעם טאג וואס אייער מאמע ערהאלט דעם בריעף, איז עס א יום טוב ניט נור ביי איהר, נור אין דער גאנצער סטרים.

אין סאמע רעכטען קאמפף פאר אייער פאטער־לאנד זאלט איהר אויך געדענקען, אז איהר האט א מאמע וואס ווארט אויף אייער בריעף אזוי גוט ווי אייער לאנד ווארט אויף אייער זיעג.

זשאלעוועט ניט א בריוועלע דער מאמען!

די חסרונות וואס מענער געפינען אין פרויען

פיעלע מענער זיינען שרעקליך בייז אויף מיר וואס איך האלט אימער אין איין לויבען די פרויען.

אזא נאטור האבען שוין די מענער צו זיין אין כעס ווען מען זאגט דעם אמת.

יעדער קיסר יעדער דעספאט, יעדער לארד און יעדער יונ־קער, וואס גלייבט צו הערשעווען און צו קאמאנדעווען איבער יענעם, איז שטארק אין כעס און וויל זעהר ניט ליידען, ווען מען זאגט איהם אז די פערשקלאפטע מענשהייט איז פונקט ווי ער בערעכטיגט צו פרייהייט, אז אלע מענשען זיינען בעשאפען גלייך, און אז ביי דער מוטער נאטור זיינען אלע קינדער גלייכע מיוחסים. זיי ווילען דערפון ניט וויסען.

און טויזענדע און טויזענדע פון די וואס האבען זיך געוואגט דאס צו זאגען זיינען געפיהרט געווארען צו דער תליה, און מען האט זיי געהאנגען, אדער געשאסען, אדער געקעפט, אלס די גרעסטע פערברעכער.

עפעס א קלייניגקייט! ווי וואגט מען זיך גאר צו זאגען אזא זאך? ווי האט מען עס גאר די חוצפה צו דענקען אפילו אז א פראסטער מענש איז גלייך צו א קיסר, אז א קיסר איז ניט בעסער ווי א פראסטער בשר ודם?!...

ריכטיג מיט אזעלכע אויגען קוקען די מעהרסטע מענער אויף פרויען.

די פרוי איז גאר קיין מענש ניט און זיי — די מענער — זיינען איבער־מענשען.

די פרוי ווייסט גאר ניט, די פרוי פערשטעהט גאר ניט, און מען טהאר גאר פאר איהר קיין גוט ווארט ניט זאגען. ווער עס טהוט עס איז א מורד במלכות...

ווער נור עס האט גאט אין הארצען, דער נעהמט זיך די פריי־הייט אפצולאכען און אפצושפעטען פון א פרוי, מעג זי זיין צעהן מאל קליגער און צעהן מאל פיינער פון א געוועהנליכען מאנס־פערזאן. דאס גלייבען די מענער. זיי זיינען זיך גאר מחיה ווען זיי הערען עפעס א שלעכטע זאך, אדער א נארישען וויץ וועגען פרויען. דאס זעצט אין זיי אריין א נייע נשמה.

די בעסטע זאך וואס פרויען טהוען טרייען די מענער דאס צו פערשווייגען, און ווען זיי קענען זיך ניט העלפען און מוזען דערפון רעדען, וועלען זיי אויפגראבען פון אונטער דער ערד אייניגע חסרונות צו פערדונקלען, צו פערקלענערען און אבצור־שוואכען די גרויסקייט פון זייער ארבייט, אום די וועלט זאל זיי ניט געבען דעם ריכטיגען כבוד וואס זיי קומט.

איך קען קײנמאָל ניט פֿערגעסען אַ פֿאַקט, װאָס האָט זיך אײנגעקריצט טיעף אין מײן מח, און װאָס שפּיעגעלט אין זיך אָב דעם תמצית פֿון אַלעם װאָס איך האָב ביז יעצט געשריעבען פֿאַר פֿרױען און פֿון דעם װאָס איך װעל נאָך שרײבען.

די געשיכטע האָט פּאַסירט אין אָקטאָבער 1917. איך בין געגאַנגען זעהען דעם פּאַראַד פֿון רעד קראָס נױרסעס, אײדער זײ זײנען אָבגעפֿאָהרען נאָך פֿראַנקרײך, װעלכע האָבען געמאַרטשט איבער פֿינפֿטע עװעניו צוזאַמען מיט אַלע װיכטיגע רעד קראָס אַר־בײטערינס פֿון ניו יאָרק.

ס׳איז געװען אַ גרױסע ערהאַבענע אײנדרוקספֿאָלע פּראָצעסיאָן, עס האָט אױסגעזעהען װי מחנות מלאכים מיט װײסע פֿליגעל זײנען אַרונטער פֿון הימעל צו דער זינדיגער שװאַרצער ערד צו פֿערריכטען דאָס װאָס מענשען מאַכען קאַליע. מען האָט געזעהען אױף יעדער נױרס׳עס געזיכט אַ הײליגע ערנסטקײט פֿון אַ פֿרױ װאָס האָט אַ גרױסע פֿפֿליכט צו טהון און װעלכע טהוט עס בראַװ און מוטהיג.

אין פּאַראַד זײנען געװען נױרסעס אַנגעטהון אין די בלױע ראָזע דרעסעס װאָס זײ האָבען געדאַרפֿט טראָגען אױף׳ן שיף װאָס װעט זײ פֿיהרען דורך די פֿינסטערע כװאַליעס פֿון׳ם רױשענדען ים, װאו די אונ׳ברחמנות׳דיגע דײטשע סאָבמאַרין מזיקים ליגען בע־האַלטען װי די טײװאָלים און װאַרטען צו פֿערניכטען די שיף מיט זײערע יונגע לעבענס צוזאַמען.

עס האָבען אױך מאַרשירט אין פּאַראַד נױרסעס אין די קלאָהר װײסע קעפּס, קאָלערס און אײפּראָנס, װאָס זײ האָבען געדאַרפֿט טראָגען װען זײ װעלען שױן קומען בשלום קײן פֿראַנקרײך און װעלען שױן שטעהן דאָרט בײ זײער הײליגער אַרבײט צו פֿער־לײכטערען די שמערצען פֿון פֿערװאונדעטע און פֿערקריפּעלטע זיהן פֿון מאַמעס, טאַטעס פֿון קינדער, חתנים פֿון כלות.

עס האָבען אױך מאַרשירט אין די רײהען נױרסעס אין זײערע רעגענמאַנטלען און שטורם־העטס, װאָס זײ מוזען טראָגען אין די פֿעלד־האָספּיטעלער, װען עס איז קאַלט און נאַס, װען עס איז

שנעע און בליזאַרד, און ווען עס מישען זיך צוזאַמען די יאָמער־געשרעהען פון די פערוואונדעטע און פערקריפּעלטע מיט׳ן רויש און מיט די קולות פון די שטורם־ווינטען, וועהרענד אַלעס אַרום קוקט אויס ווי אַ מורא׳דיגער גיהנום, און זיי, דיעזע מלאכים אין מענשענגעשטאַלט, מוזען זיין אימער אם פּלאַץ צו טהון זייער היילינגע ארביים פון רחמנות.

עס איז געווען אן ערהאבענעס בילד צו קוקען אויף דיעזע מארשירענדע פרויען, אַ בילד מיט וועלכען אַ נאַציאָן דאַרף ווירק־ליך שטאַלצירען.

ס׳איז געווען אַ בילד וואָס האָט געצייגט ווי די פרויען פאַרבע־רייטען זיך צו טהוען בראוו און ריכטיג די זעלבע זאַכען וואָס זייערע ברידער און חתנים אין דער אַרמעע טהוען.

ווען איך האָב געקוקט אויף דיעזען פּאַראַד פון מלאכים האַ־בען זיך מיר די טרעהרען אין די אויגען געשטעלט. יעדער איינער וואָס האָט געזעהען דיעזען מארטש פערבייגעהן האָט געפיהלט צו וויינען און צו בעטען פאַר דיעזע בראווע פרויען, אַז דער גוטער גאָט זאָל זיי בעשיצען פון טוידט און זאָל זיי אריבערפיהרען בשלום אהין, און ברענגען בשלום צוריק אַהיים.

יעצט מאַלט זיך אויס ווי איך האָב געפיהלט אויף׳ן צווייטען טאָג, ווען איך האָב דערזעהען אין אַ צייטונג דעם בעריכט פון דיעזען גרויסען פּאַראַד, בעשריעבען פון אַ מאַן, וועלכער האָט קיין אַנדער זאַך אין דיעזען מארטש ניט געזעהען ווי דאָס וואָס די פרויען טראָגען הויכע הילס.

די גאַנצע בעשרייבונג איז געווען פול מיט די הויכע הילס. די הויכע הילס זיינען ניט געזונד, די הויכע הילס זיינען ניט שעהן, די הויכע הילס זיינען ניט גוט. אנשטאַט צו רעדען פון די הויכע נשמות האָט ער די גאַנצע בעשרייבונג געמאַכט פון די הויכע הילס. עס איז עפּעס אויסגעקומען ריכטיג ווי דער גאַנ־צער פּאַראַד איז געמאַכט געוואָרען אום צו צייגען דעם נייעם סטייל פון טראָגען שיך מיט הויכע הילס.

און איך בין אזוי גוט ווי זיכער, אז דאס איז געטהון געוואָרען מיט דער אבזיכט צו פערדונקלען, צו פערקלענערען און אבצושוואכען די אמת'ע גרויסקייט און וויכטיגקייט פון די פרויען וואס האבען געמארטשט, אום די וועלט זאל זיי ניט געבען דעם ריכטיגען כבוד וואס זיי קומט.

וואס איז ליעבע

איך האב ערהאלטען א בריעף פון א לעזערין, וועלכע בעט מיך איך זאל איהר ענטפערען אויב עס עקסיסט־רט אזא זאך ווי א ליעבע. זי הויבט ניט אן צו פערשטעהן, שרייבט זי, וואס איז ליעבע.

ימים מיט טינט זיינען שוין אויסגעשריעבען געוואָרען וועגען ליעבע און עס איז נאך אימער דאס זעלבע געהיימניס ווי געוועזען. געווים איז דא ליעבע — נור אום צו בעגרייפען וואס ליעבע איז, מוז מען אליין ליעבען. ביי די ריכטיגע געלעגענהייט וועט עס די לעזערין ערפאהרען. מסתמא האט זי נאך קיינמאל ניט געליעבט, און ליעבט נאך יעצט אויך ניט.

איך וועל דא ברענגען אייניגע מיינונגען פון פערשיעדענע דענקער און פילאזאפען וועגען ליעבע, אום די לעזערין זאל זיך קענען שאפען א בעגריעף וואס ליעבע איז.

ראבערט בוירמאן זאגט, אז קיין שטריק קען ניט ציהען מיט אזא קראפט און קען ניט צובינדען אזוי פעסט ווי דער דינער זיידענער פאדים פון ליעבע. שעקספיער זאגט אז ליעבע רעכענט שטונדען פאר מאנאטען און טעג פאר יאהרען און יעדע קליי־

נע אבוועזענהייט איז אַן אייביגקייט. באַראָן פאָן לייבניטץ זאָגט, אַז פון אַלע סאָרטען מוזיק וואָס איז דאָ אויף דער וועלט איז די זיסטע דאָס קלאַפּען פון אַ טרייע ליעבענדע האַרץ. מאַדאַם דע דזשיאַרדין זאָגט, אַז צו ליעבען איינעם וועלכער ליעבט אייך צו פערגעטערען איינעם וועלכער פערגעטערט אייך, איז דער גרענעץ פון מענשען׳ס פערגעניעגען, גע׳גנב׳עטער פייער פון הימעל. לאָרד בייראָן זאָגט אַז ליעבע איז שוין אַזוי אַלט ווי די וועלט, אָבער ניט אָבגעשוואַכט. זי ווערט ניי־געבאָרען מיט יעדע בע־שעפעניש. עדיסאָן זאָגט, אַז די פּאָעטען, מאָראַליסטען, מאַ־לערס, האָבען אין זייערע שילדערונגען, אַלעגאָריען און בילדער פּאָרגעשטעלט די ליעבע אַלס אַ ביטערע זיסקייט, אַ פערגעניגענדען שמערץ, אָדער אַן אַנגענעהמער אונגליק. גראַף טאָלסטאָי זאָגט, אַז דאָרט וואו עס איז דאָ ליעבע אין האַרצען זיינען דאָ רעגענ־בויגענס אין די אויגען, וואָס פערדעקען יעדען שוואַרצען וואָל־קען מיט בריליאַנטענע קאָלירען. שילער זאָגט: „איך האָב גע־נאָסען דאָס גליק פון דער וועלט: איך האָב געלעבט און געליעבט״.

עס איז נאַטירליך אונמעגליך אויסצושרייבען אין איין קורצע אָבהאַנדלונג אַלעס וואָס איז ביז יעצט געזאָגט געוואָרען וועגען ליעבע. אָבער די עטליכע אויבענדערמאַהנטע מיינונגען זיינען גענוג צו צייגען די געהיימע קראַפט פון ליעבע, וועלכע מאַכט שוואַכע קליינע מענשעלעך פאַר די גרעסטע העלדען און די גרעסטע חכמים, און די גרעסטע העלדען פערליערען זיך און ווערען שוואַך ווי אַ פליעג, ווען זיי ווערען פערפלאָנטערט אין דער נעץ פון ליעבע.

די בעריהמטע ענגלישע שריפטשטעלערין דאָראָטהי דיקס זאָגט, פאָלגענדעס וועגע ליעבע:

„עס זיינען דאָ אין לעבען געוויסע פיינע פערגעניעגען, וועל־כע מיר קענען געניסען נור דורך אונזער פאָרשטעלונגס קראַפט, און דורך ווערען אַ פּאַרטנער אין אַ ביזנעס פון נאַרעריי. מען נאַרט זיך אַליין אָב, און דאָס שאַפט די גאַנצע פערגעניעגען. נעהמט

אוועק די פאנטאזיע און די אילוזיאן פון די זאכען און די שעהנהייט און די ערהאבענהייט דערפון ווערט פערשוואונדען".

ווען איהר נעהמט א שעהנע פיקטשור, מעג עס זיין געמאלען פון דעם גרעסטען מאהלער און הויבט עס אן אנאליזירען און גוט בעטראכטען פון דער נאהענט, וועט איהר קומען צום בעשלוס אז עס איז א פערפאטשקעטע שטיק קענוועס מיט פיינט, דאס אלעס. די בעסטע פלעי וואס איהר זעהט אין א טהעאטער איז מעהר ניט ווי מענער און פרויען וואס דרעהען זיך ארום צווישען בוימער וואס זיינען קיין בוימער ניט און אין הייזער וואס זיינען קיין הייזער ניט. בלויז אונזער פארשטעלונגס קראפט העלפט אונז מיר זאלען פון די אלע זאכען האבען פערגעניעגען.

ליעבע איז ריכטיג די זעלבע זאך. נעהמט אוועק דערפון די ראמאנטישע זייט; פליקט עס ארום פון די זעלבסט־נארעריי, און אלעס וועט בלייבען אזוי ארים, אזוי געמיין, אזוי גארנישט׳דיג, אז קיינער וואלט דערפון אפילו ניט געוואלט וויסען.

אין דעם מאמענט וואס א יונגער מאן הויבט אן ביי זיך אליין צו פרעגען אויב זיין מערי׳ס נאז איז ווירקליך אזוי שעהן ווי ער האט גערענקט און אויב זי איז ווירקליך אזוי קלוג ווי ער האט גערעכענט, אין דעם מאמענט פאנגט ער אן צו ערוואכען פון ליעבע׳ס היהנער־פלעט, אין וועלכען ער האט זיך אליין פערשלעפערט, און די איינציגע רעטונג וואס ער האט איז ווידער צומאכען די אויגען און צוריקפאלען אין א צושטאנד פון ראמאנטישע טרוימען.

און אויב דאס איז אמת מיט מענער, איז עס טויזענד מאל אזוי פיעל אמת מיט פרויען. א פרוי׳ס גליק איז אבהענגיג אין דער אמונה וואס זי האט אז איהר מאן איז דאס בעסטע און דאס פיינסטע וואס ס׳איז דא אויף דער וועלט. זאל די פרוי אנפאנגען צווייפלען וועט זיך באלד אנהויבען פאר זיי ביידע א וועלט פון צרות און אונגליק.

און אזוי ווי ליעבע איז אין גאנצען אבהענגיג אין פארשטעלונגס קראפט און אין דער פעהיגקייט פון א מאן צו דענקען אויף א געוועהנליכע פרוי אז זי איז א מלאך, אדער אין דער פעהיגקייט

פון אַ פרוי, צו שעצען איהר געוועהנליכען מאַן און דענקען וועגען איהם אַזוי הויך ווי ער וואָלט זיין דער גרעסטער דיפּלאָמאַט און וועלט־דענקער, איז דאַריבער דער גרעסטער פערברעכען אויפצו־וועקען פערליעבטע פון זייער שלאָף און עפענען זייערע אויגען צו זעהען וואָס זייערע געליעבטע זיינען אין דער ווירקליכקייט.

דאָס איז נאָך מיין מיינונג די אורזאַכע וואָרום די גאַנצע וועלט האַסט אַזוי אַ שלעכטע שוויגער, וועלכע מאַכט אויפמערקזאַם איהר זוהן, אָדער איהר טאָכטער אויף די פעהלערען פון איהר שנור אָדער איידים, ווייל דאָס רואינירט און הרג'עט אַוועק צוויי מענ־שען אויף אַמאָל. עס צובּרעכט די הערצער פון צוויי נפשות וואָס האָבען זיך פערבונדען אויף אייביג; דאַמיט וואָס זי עפענט זיי די אויגען צו זעהן דאָס פּליינע פּראָסטע לעבען אַרומגעפּליקט פון די שעהנע ראָמאַנטישע פעדערען וואָס האָט געמאַכט זייער לעבען זיס און הימליש שעהן, קוילעט זי מיט איהרע אייגענע הענד איהרע אייגענע קינדער.

קיינער פון אונז נים דער מאַן און ניט די פרוי, איז אין דער אמת אַזוי גוט און אַזוי פיין צו קענען דערמיט אָנהאַלטען אייביגע בעגייסטערונג איינס ביים אַנדערען — עס איז בלויז די זעלבסטס היפּנאָטיזירונג, אונזער פאַנטאַזיע און פאָרשטעלונגס קראַפט וואָס שאַפט און האַלט אָן די ליעבע, וועלכע איז דאָס בעסטע, שעהנסטע און ערהאַבענסטע וואָס דער מענש קען האָ־בען אין לעבען.

אַזוי ווי יעדע ברעקעלע גאָלד האָט אַ ווערדע אַזוי איז יעדע מינוט פון צייט. און אַזוי ווי עס וואָלט זיין אַ גרויסע נאַרישקייט צו קאָווען פערד מיט גאָלדענע פּאָדקאָוועס, אַזוי איז עס נאַריש צו פערברענגען צייט אויף קליינליכקייטען.

מאַרקוס אַרעליוס.

פאר דער חתונה און נאך דער חתונה

איך האב ערהאלטען זעהר אן אינטערעסאנטען בריעף פון פי־לאדעלפיא, פון א ווייבעל וועלכע בעקלאגט זיך, אז דעם מאן'ס ליעבע צו איהר איז שרעקליך אבגעקיהלט געווארען, און זי האט מורא, אז זי וועט פאר איהם האבען א ביטערען לעבען.

„פאר דער חתונה איז ער געוועזן א בריליאנט,” שרייבט זיא אין איהר בריעף. זיין פריינדשאפט און זיין ליעבליכקייט וואס ער פלעגט מיר צייגען ווען ער פלעגט קומען מיך נעהמען אין א טהעאטער פון צייט צו צייט, איז גאר ניט צו בעשרייבען. עס איז ניט אוועקגעגאנגען א וואך ער זאל מיר ניט ברענגען א באנטש בלומען, אדער א גוטע באקס קענדי, און מיט וואס פאר א ליעבליכקייט ער פלעגט מיר די קענדי דערלאנגען און אנקוועלען פון יעדער קענדי וואס איך האב אין מויל גענומען! איהר קענט מיר גלויבען, אז איך קער ניט פאר קענדי, איך בין ניט קיין בייבי, אבער דער צויבער פון זיין ליעבע פלעגט מיך בעגייסטערען, איך האב געפיהלט אז זיין נשמה איז צוגעבונדען צו מיר, און איך פלעג ניט שלאפען גאנצע נעכט און טרוימען פון מיין גליק וואס איך וועל האבען נאך דער חתונה, נאכדעם ווי איך וועל האבען אזא טהייערען, אזא פריינדליכען און אזא ליעבליכען מאן.

„ער פלעגט אריינקומען צו מיר כמעט יעדען אבענד; ווען ער האט אמאל ניט געקענט קומען, פלעגט ער מיך אברופען פער טעלעפאן, מיך בערוהיגען, איך זאל חלילה ניט איבערטראכטען אז ער איז ניט געזונד, און האט מיך אפשר צעהן מאל איבערגע־פרעגט וואס איך טהו און ווי איך פיהל. און דיעזע טעג זיינען ווירקליך געוועזן די בעסטע טעג פון מיין לעבען, וועלכע איך

וועל ניט פערגעסען ווען איך וועל אפילו דערלעבען אַלט צו זיין נײַנציג יאָהר.

יעצט איז ערשט קוים אַ יאָהר נאָך אונזער חתונה, און איך טראַכט זיך: איז דאָס דער זעלביגער מאַן? עס איז אַן אונטערשיעד ווי פון טאָג צו נאַכט, ווי פון ליכטיג ביז פינסטער, אָדער ווי פון קענדי צו זאַלץ. עס איז גאָר ניט דער מאררים. ווערהענד פאַר דער חתונה פלעגט ער אָבשטעהן מיט מיר ביי מיינע עלטערען׳ס הויז און רעדען שטונדען לאַנג ס׳איז רעכט געווען ביי איהם צו שטעהן און רעדען מיט מיר ביז איינס אַ זייגער ביינאַכט, איז ער יעצט פון מיר אַזוי דערווייטערט, אַז עס קען אוועקגעהן טאָג און ער זאָל מיט מיר ניט רעדען, אויסער די זאַכען וואָס מען דאַרף אין באַלעבאַטישקייט, אָבער קיין וואָרט פון צערטליכקייט, קיין זילבע פון ליעבע אָדער פון יענער פריינדשאַפט וואָס האָט ווי מיט אַ צויבער צוזאַמענגעבונדען אונזערע נשמות. דאַכט זיך אַז די בלומען סטאָרס און די קענדי סטאָרס אין פילאַדעלפיא זיינען נאָך יעצט אויך דאָ אויף די זעלבע פּלעצער וואו זיי זיינען געווען איי־דער מיר האָבען חתונה געהאַט, פאַר וואָס זאָל ער מיר אויך יעצט ניט ברענגען אַמאָל אַ בלום אָדער אַ באָקס קענדי? פאַר וואָס זאָל ער מיך יעצט אויך ניט אָברופען אַמאָל פער טעלעפאָן און פרעגען, ווי פיהלסט דו, סיידי? אָדער מאַך זיך גרייט, מיין ווייב, מיר וועלען היינט געהן זעהן אַ שאָו?

„נאַטירליך האַלט איך דאָס אַלעס ביי זיך און זאָג עס איהם ניט, אָבער עס ערגערט מיך שרעקליך. ווען ער איז אַזוי אומגע־ביטען געוואָרען אין אַ יאָהר, וואָס וועט שוין זיין מיט צעהן יאָהר שפּעטער, דאַמאָלס, דענק איך, וועט ער שוין גאָר פערגע־סען ווי מען רופט מיך אפילו — און ווען איך נעהם קלעהרען און טראַכטען דערפון, פיהל איך זעהר ניעדערגעשלאָגען איך זעה אַז מיך ערוואַרטעט אַ ביטערע, פינסטערע וועלט. און איך האָב בעשלאָסען פאַר אייך אויסצוגיסען מיין האַרץ, פיעלייכט קענט איהר מיך געבען אַן עצה וואָס איך זאָל טהון אום מיין מאַן זאָל

זיין צו מיר יעצט אזוי אפענהערציג פריינדליך און אזוי טריי ליעבליך ווי ער אז געווען צו מיר איידער מיר האבען חתונה געהאט".

דיעזער בריעף איז אינטערעסאנט, ווייל דאס זעלבע וואס פאסירט מיט איהר פאסירט מיט טויזענדע אנדערע פרויען. זי איז ניט די איינציגע וואס וואונדערט זיך און קען ניט פערשטעהן די גרויסע ענדערונג אין איהר מאן. די פרוי אלס א כלל בעזיצט מעהר הארץ, מעהר נשמה און מעהר געפיהל ווי דער מאן. דאס באקסעל קענדי, די בלומען וואס ער ברענגט איהר בלייבען ביי איהר איינגעקריצט טיעף אין איהר נשמה אויף עביג. זי קען עס איהר גאנצען לעבען ניט פערגעסען. דער מאן וויעדער נעהמט אלעס אלס א ביזנעס ענטערפרייז.

דא האבען מיר פאר זיך די גאנצע פסיכאלאגיע פון פערהייראטהען לעבען. און מיר זעהען ווארום פיעלע פאמיליען־לעבענס ווערען צושטערט דורך קלייניגקייטען, דורך נארישקייטען, וואס וואלטען גאנץ לייכט געקענט אויסגעמיידט ווערען, ווען דער מאן וואלט נור האבען אביסעל הארץ און געפיהל.

איך בין פאזיטיוו זיכער, אז דער מאן מיינט קיין שלעכטעס, נור ער בעגרייפט ניט וואס פיר א גרויסע ראלע קליינע זאכען שפיעלען אין א פרוי'ס לעבען.

דיעזע פרוי, וועלכע האט מיר דעם בריעף געשיקט, איז ניט קיין איינצעלנע, וואס ליידעט פון דעם זעלבען טראבעל, עס זיינען דא טויזענדע אזעלכע ליידענדע פרויען, וועלכע ווערען ביטער פערצווייפעלט דורך פערשיעדענע קלייניגקייטען, וואס פיהרט זיי צו דענקען אז דער מאן ליעבט זיי ניט מעהר.

די פרוי איז זעהר סענטימענטאל. זי ווערט בעצויבערט פון דער ראמאנטישער זייט פון לעבען. די ליעבע איז ביי איהר א פלאם וואס ווערט ניעמאלס פערלאשען. די קליינע אויפמערקזאמקייטען וואס איהר געליעבטער האט איהר געשיינקט, די קליינע פערגעניעגען וואס ער האט איהר פערשאפט, די באקס קענדי, די בלום און דער טעלעפאן מעססעדזש וואס איהר געליעבטער האט

איהר געשיקט איידער ער האט מיט איהר חתונה געהאט. דיעזע אלע קלייניגקייטען, האט זי געדענקט. וועלען אויך אנהאלטען נאך דער חתונה. און זי וועט זיך אימער געפינען אין גרויסען פא־ראדיז פון ליעבע און פערגעניגען.

די מענער אבער זיינען א גאנץ אנדער אומה. מענער זיי־נען ניט סענטימענטאל. דער מאן איז געגאנגען טהון ביזנעס. פאר דער חתונה האט עס זיך ביי איהם געהאנדעלט אום צו קריגען די פרוי וואס ער גלייכט. דאן האט ער אנגעווענדעט אלע מעגליכע מיטעל זי צו קריעגען. אבער קוים האט ער זי שוין געקראגען, האט זיך דערמיט געענדיגט זיין מיסיאן. וואס דארף ער נאכלוי־פען נאך דער קאר ווען ער האט זי שוין געכאפט.

דער מאן טראכט זיך ווארום זאל ער זיך באדערען צו זא־גען א פרוי יעדען טאג, אז ער האט זי ליעב, ווען ער האט דאס שוין איהר גוט איבערצייגט דערמיט וואס ער האט מיט איהר געהייראט? ווארום זאל ער ברענגען בלומען אדער קענדי, ווען ער גיט איהר גענוג געלד אויף דער הוצאה אז זי קען געהן און זיך קויפען כאטש פינף פונט טשאקאלאד אויף אמאל, און קען קויפען פיעל בלומען זי וויל נור האבען באלד ביים קארנער פון זייער וואהנונג? און ווארום זאל ער זי רופען צום טעלעפאן ווען זי ווייסט גאנץ גוט, אז ער זיצט און ארבייט, און נאך דער ארבייט וועט ער געהן גלייך אהיים און וועט זי זעהן פערזענליך?

דאס איז דער רעכענונג פון יעדען מאן. עס איז זעהר זעלטען צו געפינען א מאן וואס זאל בעגרייפען, אז אט דיעזע קלייניגקיי־טען קענען מאכען זיין פרוי גליקליך און זיין פאמיליע לעבען אלס א סאמפעל פון ליעבע און צופריעדענהייט.

און עס איז דאריבער בעסער און געזונדטער פאר יעדע יונגע ווייבעל צו פערגעסען די אלע קלייניגקייטען, אדער אם וויינעגסטען זיך מאכען פערגעסענדיג. און אין זינען האבען איין זאך — אז זי איז יעצט א פרוי פון א מאן, ניט פון א געליעבטען. אז דער ראמאן איז געענדיגט און עס פאנגט אן דאס פליינע ווירקליכע לעבען, וועלכעס מיינט ארבייט, זעלבסט־אויפאפפערונג, און

בראווו צו ערפילען אַלע גרעסערע און קלענערע פפליכטען פון איהר הײם. קײנע בלומען מעהר און קײנע באַקסעס קענדי פיר אַ פרוי וואָס דאַרף בערעכענען אַז זי האָט אַ גרויסע און אַ שווערע פער־אַנטוואָרטליכקײט אויף זיך צו זײן די פיהרערין פון אַ הײם, די קעניגין פון אַ קלײנע רעגיערונג, וואָס ווערט אָנגערופען פאַמיליע.

זי טאָר אויף אַ מינוט ניט פערגעסען אַז זי דאַרף ברענגען אַ דור אויף דער וועלט און יעדער קינד וואָס זיא וועט האָבען קען אויפוואַקסען דער גרעסטער מענש אויף דער וועלט, אָדער פערקעהרט, קען זײן חלילה אַ קללה פאַר דער מענשהײט.

ווען זי וועט אין זינען האָבען די גרויסע ראָליע וואָס די פרוי האָט דורכצופיהרען אין איהר פאַמיליע, וועט זי דאַן במילא פער־געסען אין אַלע קלײניגקײטען און זי וועט פיהלען אַז זי לעבט פיר גרויסע, זעהר גרויסע זאַכען, וואָס האָבען אַ אינטערעסע ניט בלויז פאַר איהר און פאַר איהר פאַמיליע, נור אויך פאַר דער גאַנצער מענשהײט.

צוזאַמען דערמיט וועט דער מאַן זעהן, אַז די זעלבע פרוי, וועלכע ווען ער האָט זי געליעבט און איז נאָך איהר נאָכגעלאָפען איז זי דאַן בלויז געווען אַ גוטע, אַ ליעבליכע קינד, איז זי יעצט נאָך דער חתונה אַ וויכטיגער ערנסטער מענש, וועלכע פערשטעהט די גרויסע פעראַנטוואָרטליכקײטען פון לעבען, און דאָס וועט לאַנג־זאַם אָבער דײטליך ברענגען גליק און פריעדען אין זײער הײם.

לאַנג לעבען מײנט ניט אַ סך יאָהרען צו לעבען. עס מײנט גוטע יאָהרען. טעג אין וועלכע מיר טהוען קײן גוטעס ניט פאַר זיך און ניט פאַר אַנדערע, זײנען פאַלשטענדיג פערלאָרענע טעג, און מען האָט זײ ניט וואָס צו רעכענען אין חשבון.

ביקאָנספיעלד.

מיידלאך וואס שטעהען אין שידוכים

עס איז אמת, אז ווען עס איז בעשערט אז אונגליק קומט עס אין שטוב אריין און מען זיך גאר ניט בעווארענען; עס איז אמת, אז מען קען גאר קיין קלוגער ניט זיין און וויסען ווי זיך אויס־צובעהאלטען פון א צרה, ווען זי דארף קומען — פון דעסטוועגען זיינען דא אייניגען רעגלען אין לעבען, וואס ווירקען אין פיעלע פעלע צו פיהרען דעם מענשען צו ערפאלג. אויב דיזע רעגלען העלפען ניט אלעמען גלייך, העלפען זיי אבער אזא גרויסע צאהל מענשען, אז ס'איז כדאי פאר יעדען איינעם זיי צו פראבירען. קאליע מאכען וועלען זיי געוויס ניט.

איך וויל אין דיזען ארטיקעל געבען אייניגע כללים צו מייד־לאך וועלכע שטעהען אין שידוכים, און דענקען ריכטיג וועגען הייראטען. איך האף אז מיינע ווערטער וועלען פיעל נוצען ברענ־גען צו די מיידלאך וואס וועלען דעם קאפיטעל לעזען און גוט נאכדענקען וועגען דעם וואס איך זאג:

איהר זאלט קיינמאל ניט הייראטען מיט א מאן נור דערפאר וואס איהר האט איהם ליעב.

דאס וואס איהר האט איהם ליעב איז גאר ניט. די וויכ־טיגסטע זאך איז, אז ער זאל איך ליעב האבען.

א פרוי וועלכע ליעבט איהר מאן שטארקער און בעסער ווי ער ליעבט זי, וועט אם ענדע האבען זעהר א שלעכטען לעבען. ער וועט אויף איהר טרעטען מיט די פיס, ווי מען טרעט אויף א שטיקעל קארפעט וואס ליעגט ביי דער טהיר.

ווען ער ליעבט אייך בעסער ווי איהר ליעבט איהם, קענט איהר מיט איהם חתונה האבען, און עס איז גאר קיין געפאהר

ניטא, ניט פאר איהם און ניט פאר אײך. איהר װעט בײ איהם זײן די געטין פון ליעבע, ער װעט פאר אײך לױפען אין פײער און אין װאסער. ער װעט אײך פארגעטערען און עס װעט ניט זײן א זאך װאס זאל פאר איהם זײן צו שװער פאר אײך צו טהאן, אבי נור אײך צופריעדען צו שטעלען.

אלס א כלל איז דער מאן אזא סארט בעשעפעניש, אז װען די פרױ ליעבט איהם צו שטארק, און צײגט איהם איהר ליעבע ארױס, מאכט זי זיך שנעל נמאס בײ איהם אין די אױגען. די פרױ װיעדער בעזיצט אם מעהרסטען אזא װארימע נשמה, אז װיפיעל ליעבע דער מאן זאל איהר ניט צײגען, װעט זי עס אלץ שעצען מעהר און מעהר, און װאס מעהר ליעבע און איבערגעבענהײט זי װעט פון איהם זעהן אלץ חשוב׳ער און טהײערער װעט ער בײ איהר װערען.

װען א מײדעל פיהלט ניט קײן צו שטארקע ליעבע צו דעם מאן מיט װעמען זי דארף געהן הײראטען, איז עס אבסאליוט ניט קײן שום געפאהר צו זײער צוקונפטיגען לעבען. נאך דער חתונה זײנען דא טױזענדע פערשיעדענע זאכען, װאס ציהען צו די פרױ צו איהר מאן, און אױב ער איז נור א גוטער מענש, װעט זי איהם געװיס ליעב האבען. דאריבער איז עס זעהר װיכטיג פאר א מײדעל בעסער צו חתונה האבען מיט דעם מאן װעלכער האט זי ליעב, װי מיט דעם מאן װעלכען זי האט ליעב בעסער װי ער האט זי ליעב.

נאטירליך װען עס פאסירט א גליקליכער צופאל װאו בײדע האבען זיך שטארק ליעב, איז עס געװיס בעסער. אבער װען מאכט זיך אזא זאך? זעהר זעלטען.

איהר זאלט זיך דערװײטערן װי װײט איהר קענט פון א צו גרױסען פילאזאף װאס קריגט איבעראל דעם אױבען־אן, און פון אײנעם װאס האט אמבישאן צו זײן א פאליטישען, אדער אזו־צו זײן א שטאדטישער קאך־לעפעל.

אזעלכע מענשען זײנען ניט קײן הײם־זיצערס, און די פרױ פון אזא מאן מוז סוף כל סוף זעהר פיעל לײדען פון אײפערזוכט.

אויסער דעם זיינען די מעהרסטע פאפולערע מענשען שטארק נערוועז, סענטימענטאל און עהרע־גייציג; וואס מעהר די וועלט האלט פון א מאן און וואס מעהר רעספעקט ער האט אין געזעל־שאפט, אלץ אן ערגערער מענש איז ער פאר דער ווייב וואס דארף מיט איהם אבלעבען אלע איהרע יאהרען צוזאמען.

די פרוי וועלכע וויל דוקא האבען אזא מאן וועמען די וועלט גלייכט, מוז וויסען אין פאראויס, אז דאס וואס ער האט אזא נאמען געקראגען, אז די פאפולאריטעט וואס ער האט עררייכט, האט איהם געקאסט זעהר פיעל צייט און ארבייט און כחות. פאר דעם סוקסעס וואס ער האט פאר זיך געקויפט אין לעבען האט ער בעצאהלט א הויכען פרייז, און די וואס וויל זיין פרוי ווערען מוז אויך זיין פארבערייטעט צו צאהלען א גרויסע טהייל פון'ם פרייז; וועהרענד זי וועט פון צייט צו צייט קריגען א טהייל פון זיין כבוד, וועט זי דערפאר אבער מוזען בעצאהלען דערמיט וואס גאנץ אפט וועט זי דארפען זיצען אליין אין הויז און טראגען אלע שווערע יאכען פון פיהרען די גאנצע באלעבאטישקייט, און אין דער צייט ווען איהר מאן וועט זיין אויף באנקעטען ארומגערינגעלט פון צעהנדליגע פערהערער פון ביידע געשלעכטער, וועט זי אפט מוזען זיצען אליין אין הויז און שטילערהייד זיך גאנץ גוט אויסוויינען, און וועט עס מוזען געדולדיג אריבערטראגען און אננעהמען אלעס פאר ליעב.

אויב איהר ווילט האבען אז אייער מאן זאל זיין א מאן פאר אייך אליין. ער זאל זיצען מיט אייך יעדען אבענד, שמועסען, באלאקען, העלפען פערוויגען די בייבי, העלפען פיהרען דעם בייבי קערעדזש ווען איהר געהט ערגיץ ביידע, ווען איהר ווילט האבען א מאן, וואס זאל אייך קיינמאל ניט קענען מאכען אייפערזיכטיג, — דאן דארפט איהר חתונה האבען מיט א פליינעם ניט קיין איבער־שפיצטען בחור, וועלכען א סך אנדערע מיידלאך האבען ניט גע־וואלט.

קלייבענדיג א חתן זאלט איהר קיינמאל ניט קוקען אויף זיין פנים. פרובירט בעסער אויסצוגעפינען זיין הארץ. זאל ער

ליעבערשט אימער בעוואונדערן אייער שעהנקייט, און דאס וועט אייך ברענגען א סך א בעסערען לעבען, ווי איהר זאלט בעוואונדערן זיין שעהנקייט. קלייבט אויס א זעלכען וואס זאל אייך נאכלויפען, נים אזא פארשוין נאך וועלכען איהר זאלט זיך דארפען נאכיאגען. ווייל דאס זעלבע וועט זיין נאך דער חתונה, איידער איהר זאלט אייערע יאהרען דארפען לויפען נאך איהם זאל ער בעסער לויפען נאך אייך. בעסער זאלט איהר אויסקלייבען א מאן וואס זאל שטענדיג טרייען ווי אייך צו געפעלען, איידער א מאן, וואס זאל אייך אימער האלטען ביזי מיט זוכען מיטלען ווי איהם צו געפעלען.

איהר זאלט זיך אויך קיינמאל נים יאגען צו הייראטהען אן אלל־רייטניק. נאטירליך איהר דארפט זעהן נעהמען א מאן וואס זאל פאר אייך קענען מאכען אן אנשטענדיגען לעבען, אבער דאס איז א כלל, אז וואס ווייניגער רייך אייער מאן וועט זיין, וואס וועניגער געלד ער וועט האבען אין די בייננק, אלץ מעהר ליעבע וועט ער פאר אייך האבען אין הארצען.

איבערהויפט מוז א מיידעל זיין זעהר אויפמערקזאם נים צו הייראטהען א מאן וואס האט נים קיין סימפאטיע, קיין ווייכע הארץ, קיין נשמה, קיין געפיהל פון רחמנות און מיטלייד.

יעדע פרוי האט אין איהר לעבען צייטען פון יסורים, זארג עגמת נפש, קראנקהייט, און אז וועה איז צו דער פרוי וועלכע פיהלט זיך דאן אזוי עלענד אז זי קען פאר איהר אייגענעם מאן איהר הארץ נים אויסגיסען, ווייל ער האט נים קיין מיטגעפיהל מיט איהר, און ווייסט נים וואס סימפאטי איז אזעלכעס.

ווען א מאן האט די גרויסע מעלה פון מיטגעפיהל מיט זיין פרוי אין דער צייט פון איהר טראבעל, קען מען איהם אלע אנדערע חסרונות פערצייהען. אבער אויב דאס פעהלט איהם, מעג ער האבען וועד ווייסט וואס פיר מעלות זיינען זיי גאר נים ווערט און זיין פרוי קען זיין די אונגליקליכסטע פרוי אין דער וועלט, טראטץ דעם וואס אנדערע וועלען מיינען אז זי האט א גליקליכען לעבען און אז איהר פעהלט קיין זאך נים.

אלע מענער זיינען גלייך

ווען א פרוי וויל לעבען גליקליך איז עס ניט געווענדט אזוי פיעל אין דעם מאן ווי אין איהר אליין. איבערהויפט איז זעהר ניט גוט פאר דער פרוי ווען זי רעדט זיך איין, אז איהר מאן איז ערגער פון אלע, ווייל דער אמת איז אז אלע מענער זיינען גלייך.

א ווייבעל וועלכע האט ערשט עטליכע חדשים צוריק חתונה געהאט, האט מיר צוגעשיקט א לאנגען בריעף, אין וועלכען זי האט זיך בעקלאגט, אז איהר מאן איז זעהר „סעלפיש", ער האט נור ליעב זיך, און וויל גאר ניט אריינגעהן אין איהר לאגע צו בערע־כענען אז זי איז אויך א מענש, מיט געוויסע רעכטע ווי ער, און זי פיהלט זיך דאריבער שרעקליך געערגערט.

אום איך זאל וויסען אום וואס עס האנדעלט זיך, רעכענט זי אויס אין איהר בריעף דעם גאנצען צעטעל חטאים, וואס איהר מאן בעגעהט געגען איהר, און ענדיגט דעם בריעף מיט די ווערטער: „וואס מיך קריינקט אם מעהרסטען, איז דאס וואס איך בין זיכער, אז נור מיין מאן איז אזוי, און וועהרענד איך האב געהאט די בעסטע געלעגענהייט צו הייראטהען די פיינסטע יונגע לייט, האב איך מיר דיעזען זיווג אליין אויסגעקליבען, און ווי עס צייגט סאמע דעם ערגסטען, פאר וועלכען איך וועל האבען זעהר אן אונגליקלי־כען לעבען".

איך האב מיט גרויס אויפמערקזאמקייט דורכגעלעזען דעם צע־טעל חטאים, און אויף ווי ווייט איך זעה, האט די בעטרעפענדע יונגע ווייבעל ניט קיין ערגערען און ניט קיין בעסערען מאן, ווי

אלע דורכשניטליכע פרויען האבען. איהר מאן איז ווי אלע מענער. און שולדיג איז שולדיג די ווייבעל א סך מעהר ווי דער מאן.

איך וויל דא ניט ברענגען דעם בריעף ווייל ער איז צו לאנג. נור איז מיין ענטפער וועט איהר שוין פערשטעהן אלע איהרע טענות. איך וועל רעדען דירעקט צום ווייבעל, און אלע אנדערע פרויען וואס האבען עהנליכע טענות צו זייערע מענער מעגען זיך בענוצען מיט'ן זעלבען ענטפער און זיי קענען זיין זיכער, אז דער מלאך השלום וועט באלד פערשפרייטען זיינע פליגעל איבער זייער היים און זיי וועלען מיר דאנקען פאר דער ריכטיגער עצה וואס איך גיב זיי אין דיעזען ארטיקעל:

פאר דער חתונה קענט איהר זיך איינרעדען וואס איהר ווילט אליין. איהר קענט פליהען גלייך אין הימעל אריין מיט אייערע געדאנקען, איהר קענט זיך פארשטעלען אז אייער מאן איז א מלאך, אז ער האלט פאר אייך אנגעגרייט א גאלדענע שטוהל אויף וועל־כער איהר וועט זיצען ווי א קעניגין, און אז די זון, די לבנה און די שטערען וועלען זיך פאר אייך בוקען, און אלעס וואס איהר וועט נור פון מויל ארויסברענגען, וועט גלייך בעשאפען ווערען פאר אייערע אויגען און פיר אייער פערגעניגען. אזעלכע זיסע חלומות קענט איהר זיך נור איינרעדען פאר דער חתונה. אבער נאך דער חתונה טארט איהר פון אזעלכע איבערנאטירליכע זאכען ניט טרוי־מען מעהר.

נאך דער חתונה געהט די גאנצע פאעזיע אוועק מיט'ן רויך און עס קומט די פראזאאישע ווירקליכקייט, דאס איינפאכע, פשוט'ע לעבען ווי עס איז, און דאן מוזט איהר אין זינען האבען איין זאך, אז די הייראט איז א ביזנעס, א שטרענגע ביזנעס, וואס מוז געפיהרט ווערען מיט חשבון.

די פליכטען פון פערהייראטען לעבען ווערען איינגעטהיילט אויף צוויי חלקים. איין טהייל דארף טהאן דער מאן, די צווייטע טהייל — די פרוי. ווען איינער פאלשוועט אביסעל אין זיין טהייל, דאן מוז קומען אונצופריעדענהייט.

איהר גלייכט זעהר אייער מאַן דערפאַר וואָס ער ארבייט טריי און מאַכט אַ לעבען. איהר אַנערקענט אַז זיין פעהיגקייט און זיין ארבייט שאַפט דאָס געלד, וואָס האַלט אויס אייער היים. וואָס וואָלט איהר געזאָגט, ווען אייער מאַן זאָל זיין אַ פוילער, זאָל ניט וועלען ארבייטען, און עס זאָל אייך פעהלען ברויט מיט פוטער? איהר וואָלט עס געוויס ניט געוואָלט ליידען! אָבער איהר דענקט גאָר ניט וועגען אַזעלכע זאַכען. איהר ווייסט, אַז אַזוי דאַרף עס זיין, אַ מאַן דאַרף ארבייטען און מאַכען אַ לעבען; דאָס זעלבע נעהמט ער זיך אויך ניט איבער דערמיט און טהוט זיין טהייל שטענדיג, און דיסאַפּאינטעד אייך קיינמאָל ניט. שטעלט זיך נור פאָר פאַר אַ מינוט, וויפיעל שטעד־ווערטלאַך איהר וואָלט איהם געגעבען, ווען ער זאָל ניט וועלען ארבייטען, אָדער ער זאָל אייך אַלע ווייל געבען אַנצוהערען(אַז ער מאַכט אייך גליקליך דערמיט וואָס ער ארבייט פאַר אייך!...

און וואָס וואָלט איהר געזאָגט, ווען ער וואָלט טהאָן ביזנעס און זיין נאָבלעסיג און אַלע מאָל מאַכען אַן אַנדער מיסטייק, אָדער ער זאָל ערוואַרטען פון אייך אַ קניפּ אין בעקעל פאַר יעדע קליי־ניגקייט וואָס ער טהוט ריכטיג, וואָלט עס אייך געשמעקט?

און וואָס וואָלט איהר געדענקט וועגען אייער מאַן, ווען ער זאָל אייך אַלע מאָל באַדערען מיט זיינע ביזנעס, אָדער מיט זיין ארבייט, וואָס ער האָט אין פעקטאָרי, זאַכען וואָס האָבען אַבסאָ־ליוט ניט צו טהאָן מיט אייך, ווי וואָלט איהר עס געגליכען? וואָלט איהר ניט גערעכענט אַז ער איז אַ גרויסער שלומיאל, וואָס האָט קיין שכל ניט פון דאַנען אַהין? געוויס, וואָלט איהר אַזוי געדענקט און וואָלט עס איהם געזאָגט אויך.

און עס וואָלט אויך קיין וואונדער ניט זיין. ווייל איהר ווייסט אַז דאַרויף איז ער אַ מאַן, וואָס מוז פערשטעהן אַליין זיינע פליכ־טען און אַלעס וואָס האָט צו טהאָן מיט זיין טהייל, צו מאַכען אַ לעבען.

פונקט דאָס זעלבע איז מיט די פליכטען וואָס די פרוי האָט צו ערפיהלען אין דער היים. אַזוי ווי די פרוי איז זיכער אַז דער

מאן קען ערפיהלען זיינע פליכטען, אזוי איז דער מאן זיכער אז די פרוי קען ערפיהלען איהרע פליכטען. זיין טרוים איז אז די היים ווערט געפיהרט גוט, שעהן, פיין און ריכטיג, און אזוי דארף עס זיין. עס איז אזוי נאטירליך ער זאל פערלאנגען צו האבען א גוטע היים ווי פון איהר זייט צו פערלאנגען זיך צו טהיילען מיט איהם מיט דער פרוכט פון זיין עהרליכע טרייע ארבייט צו סופארטען די היים.

פאר וואס זאל ער ניט האבען קיין רעכט זיין ברוגז ווען זי טהוט ניט איהר פליכט אין הויז, ריכטיג ווי זי וואלט זיין ברוגז ווען ער זאל ניט טהאן ריכטיג זיין פליכט אין שאפ, אדער אין זיין ביזנעס ?

דער חסרון מיט דער ווייבעל איז מיט פיעלע אנדערע איז, וואס זיי רעדען זיך איין, אז זיי טהוען א ספעציעלע טובה דעם מאן דערמיט וואס זיי פיהרען א פיינע היים. דאס איז ניט קיין טובה, דאס איז אייער פליכט, אלס א פרוי, איהר טהוט דערמיט קיינעם קיין טובה ניט . אייער זעלבסט רעספעקט אלס א פרוי פאדערט עס פון אייך !

פאר וואס זאל ער זיין צופריעדען מיט שלעכטע געקעכטסען, מיט אונארדנונג אין הויז, מיט צו גרויסע בילס און מיט שלעכטע הויז מענעדזשמענט, ווען איהר וואלט געווען זעהר אונצופריעדען ווען ער זאל זיין טהייל ארבייט ניט טהון ריכטיג?

אלעס וואס די ווייבעל האט אויסגערעכענט וועגען איהר מאן'ס חסרונות, צייגט אז זי פעהלט אין איהרע פליכטען וואס זי האט צו ערפילען אין איהר היים. און די עצה איז איינפאך: זייט א באלעבאסטע. פיהרט אייער הויז ריכטיג. וואס איהר ווייסט ניט אליין, פרעגט ביי עלטערע פרויען, וואס האבען מעהר עקספיריענס. ווען איהר קאכט עפעס אפ, זעהט עס זאל זיין גוט, עס זאל ווערטה זיין מעהר ווי עס איז ווערטה געווען רויהערהייד, מען זאל עס ניט דארפען ארויסווארפען. און ווען איהר דערלאנגט עפעס צום טיש, זאלט איהר פיהלען אליין אז ס'איז גוט, ניט

שטעהן און וואטשען צו הערען וואס ער וועט זאגען. דאס ציינט אז איהר אליין זיינט ניט זיכער, אויב עס איז גוט אדער שלעכט.

דערצעהלט ניט אייער מאן אלע אייערע טראבעלס וואס איהר האט געהאט איידער איהר האט איינגעקויפט אלעס. איידער איהר האט געמאכט די טשיקען, איידער איהר האט אבגעשיילט די פאַ־טייטאס, איידער איהר האט צושניטען די ציבעלעס, איידער איהר האט אויפגעראמט, איידער איהר האט פערבעט, און אלע אנדערע הונדערט קליינינגקייטען וואס מיט אייך פאסירט דורך׳ן טאג, און ערוואַרטעט ניט אז פאר יעדע זאך וואס איהר האט געטהאן ריכ־טיג ווי עס דארף צו זיין, זאל אייך דער מאן א קניפ טהאן אין בעקעל, אדער קויפען דערפאר א פאר דיימאנדס, ווייל וואס איהר טהוט, ערפילט איהר בלויז אייער פליכט, אלס א פרוי פון א מאן.

טרייעט דיעזען וועג וועט איהר זעהן אז איהר וועט מעהר ניט האבען וואס צו קאמפליינען, און איהר וועט מאכען גליקליך אייער מאן, אייער היים און זיך אליין פיר אימער און עביג.

א שטיעף מוטער

מיר לעבען אין א מאדנע וועלט, וואו דער מענש איז קיינמאל ניט צופריעדען מיט דעם וואס ער האט, און זוכט זיך אליין צו מאכען שטערונגען, אבי ניט צו געניסען די זיסע פרוכט פון לעבען מיט פערגעניגען.

דער נארישער מענש וואס קען אפילו ניט וויסען וואס מארגען וועט מיט איהם פאסירען, וויל רק בעווארענען וואס וועט זיין איבער־א־יאהר, וואס וועט זיין איבער צעהן יאהר, וואס וועט זיין

אויב עס וועט זיין אזוי, און וואס וועט זיין אויב עס וועט זיך אויסדרעהען אנדערש. מיט איין ווארט דער מענש שטופט פון זיך אליין אוועק זיין אייגען גליק איבער מורא פאר זאכען וואס זיינען ניט געשטויגען און ניט געפלויגען, און בעטראכט גאר ניט אז דאס לעבען איז אזוי קורץ, אז עס איז א שאדע יעדע מינוט וואס מען לאזט פערבייגעהן אין נארישע פילאזאפיען, וועהרענד מען וואלט אין דער צייט בעסער געקענט לעבען און געניסען פון לעבען וואס איז אין אלגעמיין ווי א בלינדער אתרוג, און ווי מען זאל זיך ניט וועלען היטען און פערהיטען און בעווארענען פון צרות, וועט עס רק זיין ארויסגעווארפענע ארבייט, ווייל קיינער קען ניט וויסען פריהער וואס שפעטער וועט זיין, און דערווייל האט נאך ביז יעצט קיינער ניט ארויסגעקראגען קיין גאראנטי פיר א גליקליכען לעבען. דער מענש מוז נעהמען אלעס ווי עס קומט און זיך צופאסען צו די אומשטענדען. מען טאר ניט זיין צופיעל פריטיקלי און פערביילאזען גוטע געלעגענהייטען, טאמער וועלען שפעטער קומען בעסערע. קיין סך גוטעס איז אין אלגעמיין אויף דער וועלט ניטא, און די נאטור טהיילט עס זעהר שפארזאם, טראפענווייז, ווי א טהייערען מעדיצין.

איך האב דיעזע ווערטער געשריבען אלס אן ענטפער אויף א בריעף וואס איך האב ערהאלטען פון א מיידעל וועלכע איז געווען פערפלאנטערט אין א ליעבע און האט זיך קיין עצה ניט געקענט געבען וואס זי זאל טהאן.

דאס איז דער בריעף:

„ווערטהער הערר חיים מאליץ: —

„איך בין געווען זעהר צופריעדען צו לעזען אין מארגען זשורנאל פון זונטאג, 26טען אגוסט 1918, אז איהר וועט מיט צופריעדענהייט געבען עצות אויף פראגען וואס האבען א שייכות מיט'ן לעבען און שטרעבען פון דער פרוי, און דערפאר וויל איך אייך עפעס פרעגען און בעטען איהר זאלט אזוי גוט זיין און מיר באלד ענטפערען

איך בין א מיידעל פינף און צוואנציג יאהר אלט. געזונד, שעהן, ארבייטספעהיג. איך פערדיען פיין געלד און פערמאג

היבשע עטליכע דאָלאַר. אין מיר האָט זיך פאַרליעבט אַ יונגער מאַן פון אַ יאהר דרייסיג, אַן אַלמן מיט דריי קינדער. ער איז אַן אנשטענדיגער ביזנעסמאַן, איך קען איהם זעהר גוט. איך ווייס אַז ער האָט מיך אמת ליעב. ער שעצט זיך גליקליך שוין דערמיט אַליין, וואָס איך געה מיט איהם אַלס קאָמפּאַני און אָהן מיר פיהלט ער זיך דער אונגליקליכסטער מענש אין דער וועלט.

„ער האָט זיך מיר שוין איינִיגע מאָל ערקלעהרט אין ליעבע, און איך זעה אַז ס'איז ניט בלויז געזאָגט, נור אַז יעדער וואָרט קומט פון זיין טיעפער נשמה און עס קאָסט מיך אַ סך געזונד, אַבער איך קען ביי זיך ניט בעשליסען איהם צו זאָגען „יא" ווייל איך האָב מורא פאַר'ן וואָרט „שטיעף מאַמע", און „ניין" קען איך איהם אויך ניט זאָגען מיט'ן פולען הארצען.

„דערפאַר וואָלט איך וועלען הערען אייער מיינונג, זאָל אַ מיידעל ווי איך מאַכען אַזא שריט, אָדער ניט? קען זי אַמאָל זיין גליקליך, אָדער קיינמאָל ניט? איך וואַרט מיט אונגעדולד אויף אייער ענטפער.

אַכטונגספאָל, שרה . . . . "

עס איז קייז פראַגע ניט, ווערטהע פריילין, אַז איהר דאַרפט ניט מורא האָבען פאַר'ן וואָרט שטיעף מאַמע און חתונה האָבען מיט'ן יונגען מאַן, נאָך דעם ווי איהר אַליין גיט צו אַז ער ליעבט אייך מיט זיין גאַנצער נשמה, און פון אייער בריעף פערשטעהט מען גאַנץ גוט, אַז איהר ליעבט איהם אויך ניט ווענִיגער ווי ער אייך. צו וואָס זאָלט איהר אַליין זוכען שטערונגען און צוריק האַלטען אייער גליק? אין געגענטהייל, די קינדער וועלען נאָך פיהרען דערצו אַז אויסער זיין ליעבע צו אייך, וועט ער נאָך פיהלען אייביגע דאַנקבאַרשאַפט צו אייך אַלס צו אַזעלכער וואָס איז אין איין און דער זעלבער צייט געוואָרען צו איהם אַ פרוי און צו זיינע ליעבע קינדער אַ מאַמע. זיין טרייהייט און איבערגעבענהייט צו אייך וועט זיין גערֶאבעלט און איהר אַליין, ווידער, וועט פיהלען, אַז מיט אייער היראַטהען, טרעט איהר אריין אין אַ נאָבעלע אַר־בייט פון ערציהען דריי יתומים און זיי אויפבריינגען אַלס וויכ־

טיגע מיטגליעדער אין געזעלשאפט. נעוועו־מיינד וואס איהר וועט הייסען שטיעף־מאמע, דאס איז א נאמען וואס מען גיט נור צו שלעכטע פרויען, אבער א געבילדעטע פרוי, א פרוי וואס בע־זיצט הארץ און נשמה און גיט א זעלכע קינדער א גוטע און א גליקליכע היים, די פערדיענט נאך מעהר ליוב און מעהר האנאר ווי אז אייגענע מוטער, און קיינער וועט איהר קיינמאל ניט פאר־ווארפען אז זי איז א שטיעף־מאמע.

איבערהויפט וויל איך אויפמערקזאם מאכען דער שרייבערין פון דעם בריעף, אז אויב זי ליעבט נור דעם יונגען מאן ריכטיג, דאן מוז זי וויסען אז דארט וואו עס עקזיסטירט ליעבע דארט איז קיין זאך ניט שווער. ליעבע דענקט ניט און קלערט ניט פון טרא־בעל, ליעבע מאכט די שווערסטע ארבייט לייכט, און צו ליעבען איינעם וועלכער ליעבט אייך ערנסט און טריי, צו פערגעטערען איינעם וועלכער פערגעטערט אייך איז דאס גרעסטע און דאס העכסטע פון מענשליכען גליק, עס איז דער גע'גנב'עטער פייער פון הימעל און די ליכט פון דער זון וואס וועט פערוואנדלען אייער היים אין א פאראדיז.

טראכט ניט צופיעל, קלערט ניט צופיעל, איהר קענט די וועלט גאר ניט בעווארענען, און קיין גאראנטי פאר א גליקליכען לעבען קען אייך קיינער ניט ארויסגעבען, וואס זאל האבען מעהר ווערטה און מעהר חיזוק ווי די גאראנטי איינגעקריצט טיעף אין אייער הארץ מיט די פייערדיגע בוכשטאבען פון ליעבע...

אלטע בחורים זיינען ווי די זשאבעס, וואס גלייכען וואסער, נור זיי האבען מורא ארייננשפרונגען אין ברונען טאמער וועלען זיי שוין פון דארט קיינמאל ניט קענען ארויס.

דזשאהן סעלדאן.

אַ פרויען מעלה וואָס מענער האַל־טען פאַר אַ חסרון

צווישען די מאַסען אונגערעכטע טענות פון פיעלע מענער צו זייערע פרויען, איז אַז זיי זיינען קאַרג, אַז זיי זשאַלעווען אַ פעני, און אַז זיי פערגינען ניט דאָס לעבען ניט זיך און ניט דעם אַנ־דערען.

איהר וועט אפט הערען ווי מענער בעקלאַגען זיך, אַז ווען זיי ווילען טריטען אַ פריינד מיט אַ שנאַפּס, אָדער מיט אַ סיגאַר, אָדער באָרגען אַ פריינד אַ גמילות חסד, מוזען זיי עס טהאָן אַזוי, אַז די ווייב זאָל דערפון ניט וויסען, ווייל זי וויל עס ניט ליידען.

אַמאָל האָט זיך מיינער אַ בעקאַנטער פאַר מיר בעקלאַגט, אַז זיין פרוי איז אַזוי קאַרג, אַז ווען ער נעהמט זי אין טהעאַטער און קויפט דאָלאַר־טיקעטס, מוז ער איהר זאָגען, אַז ער האָט די טיקעטס געקויפט אַ מציאה און אַז ער האָט פאַר זיי נור בעצאָהלט צו פופציג סענט, אָדער אַז ער האָט זיי גאָר אין גאַנצען געקראָגען אומזיסט; דאָס זעלבע איז ווען ער געהט מיט איהר אין אַ רעס־טאָראַנט, אָדער ער קויפט עפּעס אַ זאַך פאַר דער היים, אימער מוז ער עס מיט איהר מאַכען „פיפטי־פיפטי“, ער מוז זי אָבנאַרען און איהר זאָגען, אַז עס קאָסט ווייניגער, ווען ניט האָט זי פון די פערגעניגען קיין הנאה ניט, און אַנשטאָט עס זאָל ביי איהר זיין אַנגעלייגט, קריגט ער נאָך דערפאַר פון איהר אַ שוואַרצען סוף, פאַר וואָס ער לעבט אָהן חשבון און וואַרפט אַרויס זיין געלד, וואו מען דאַרף ניט.

וועל, ס׳איז אמת, פרויען אַלס אַ כלל זיינען קאַרג און צוריק־געהאַלטען אין ספּענדען געלד. אָבער עס איז אַ גרויסע מעלה און קיין חסרון איז עס יערענפאַלס ניט.

פרויען זוכען מציאות אין אלעם וואס זיי מוזען האבען פאר זיך אדער אין הויז אריין, זיי טרייען ווי וויים מעגליך ארונטערצודינגען דעם פרייז פון זאכען וואס זיי קויפען, ווייל דער מאן זעהט נור ארויסצוצייגען זיין גאנצע גוטסקייט פאר יענעם, פאר פרעמדע, פאר דער וועלט, און וויל נור יוצא זיין פאר אנדערע, וועהרענד די פרוי קערט ניט פאר דער גאנצער וועלט און וויל נור יוצא זיין פאר איהר מאן און פאר איהר הוים. די פרוי מאכט זיך א קנאפען צימעס אויב דער סטאר־קיפער וועט פון איהר ניט האבען אזא גוטען מיינונג. אבי זי פיהלט אין הארצען די צופריעדענהייט, וואס זי האט געשפארט א פאר סענט פון איהר מאן'ס געלד אויף וועלכען ער ארבייט אזוי שווער און ביטער.

דאס קארגען און שפארעי איז געווארען ביי פרויען די צווייטע נאטור איינפאך דערפאר ווייל זיי האבען וועניגער געלד צו ספענדען ווי דער מאן.

די מענער, אלס א כלל, זיינען די פערדיענערס, די ברויט־געבערס. דער מאן טראגט ביי זיך דעם פאקעט־בוך. ער האלט ביי זיך דאס געלד און קען דער מיט טהאן וואס ער וויל. ער דארף קיין רעכנונג ניט געבען קיינעם וואס ער טהוט מיט זיין געלד, און ווען די פרוי פאדערט אפילו פון איהם אמאל א רעכנונג צייגט ער איהר אויף אזעלכע שניידערשע חשבונות, אז זי וועט אויף איהר לעבען קיין טאלק ניט דערגעהן, אויב ער האט איהר געזאגט אן אמת, אדער ניט. אבער די פרוי האט זעהר זעלטען געלד איבער וועלכען זי זאל האבען דעם פאלשטענדיגען קאנטראל. דאס געלד וואס זי קריגט ביים מאן אויף דער שטוב הוצאה, אויף קליידער און אלע אנדערע נויטיגע עקספענסעס, איז נאך אימער קארג אויף אלעם וואס מען דארף האבען אין א הויז. אין שטוב־הוצאה געפינען זיך אימער הונדערטע פערשיעדענע קלייניגקייטען וואס די פרוי קען קיינמאל ניט פאראויסזעהן, און זי מוז ווירקליך זיין זעהר עקאנאמיש און לעבען שפארזאם מיט תכלית און מיט רעכנונג, זי זאל קענען דורכקומען מיט'ן געלד וואס זי בעקומט פון איהר מאן. זי מוז קריגען די ווערדע פון יעדע פעני וואס זי ספענדט,

ווען ניט וועט איהר עפּעס אויספּעהלען אין הויז, אָדער זי וועט מוזען לייהען און באָרגען.

די פרוי קען ניט בעהויפּטען צו זיין ליבעראל און צו ספּענדען אהן תכלית געלד, בלויז דערפאר אום מען זאל וועגען איהר האבען א גוטע מיינונג.

ווען א פרוי וואלט ספּענדען לאמיר זאגען אזוי פיעל געלד ווי א מאן ספּענדט אויף סיגארעטס, אדער אויף סיגארען, וואלט זיך געטהאן חושך. מען וואלט געזאגט אז זי איז אן אויסברענגעריין, א שארלאטאנקע, א וואס־אין־דער־קארט.

פרויען האבען גאר א גאנץ אנדער בליק אויף געלד ווי מענער. עס איז א כלל, מיט זעהר ווייניג אויסנאהמען, אז מענער ספּענדען געלד פיעל פרייער, און מיט א פיעל לייכטערע הארץ ווי פרויען, טראכטענדיג דעם וואס זיי אליין ארבייטען אויף זייער געלד. א מאן געהט צו א מיטינג און ספּענדט געלד ביים מיטינג, און נאך'ן מי־טינג צו טריטען גוטע פריינד מיט טרינקס און מיט סיגארס, און עס קימערט איהם גאר ניט אויב עס איז שוין דער 15טער און ער האט נאך זיין רענט, וואס איז געווען פעליג דעם 1טען, ניט בעצאהלט. ער קימערט זיך אויך ניט אויב דער בוטשער ביל, אדער דער גראסערי ביל איז נאך ניט בעצאהלט. ער זעהט קודם כל צו האבען א פּנים פון א מענשען ווען ער קומט אין געזעלשאפט.

אויף אזא ארט און ווייזע קען ער זיך מאכען זיין א גאנץ פיינער מענש אין דרויסען, פאר דער וועלט, אבער זעהר א שלעכ־טער מאן פאר דער פרוי און זעהר אונגערעכט געגען זיין היים. ער גיט וואו מען דארף ניט און צאהלט ניט וואו מען דארף.

ביי א פרוי געהט ניט אזעלכע זאכען. ביי א פרוי קומט פריי־הער דאס צאהלען און נאכהער ערשט דאס געבען. ווען זי דארף צאהלען חובות, וועט זי ניט נעהמען און פערספּענדען דאס געלד אויף גוטע שוועסטער ווי דער מאן ספּענדט עס אויף גוטע ברידער, און עס איז ניטא קיין לאגישע אורזאכע צו האלטען

א פרוי פאר א קארגע דערפאר וואס זי לעבט מיט רעכנונג און וועט זעהן שפארען יעדע פעני וואס איז נור מעגליך צו שפארען.

פערזעסענע מיידלאך

אין קיין לאנד זעהען מיר ניט אזוי פיעל „פערזעסענע מייד־לאך" ווי דא אין אמעריקא. מען בעגעגענט דא מאסען בריליאנ־טענע מיידלאך, וועלכע וואלטען געקענט בויען א גליקליכע היים פאר זיך און פאר א מאן. און דאך האבען זיי ניט חתונה, טרוימען וועגען פערשיעדענע נעכטיגע טעג ביז זיי ווערען אלט, פערוועלקט, שוואך און נערוועז, און דרעהען זיך ארום אויף דער וועלט ווי אין עולם התוהו, אהן אירגענד וועלכען צוועק אין לעבען, און ווען זיי שטארבען איז אפילו ניטא ווער עס זאל א טרעהר פערגיסען אויף זייערע קברים.

דער אונגליק מיט די מעהרסטע מיידלאך אין אמעריקא איז דאס וואס זיי זיינען שרעקליך עגאאיסטיש, זייער לוסט צו א רייכע, רעש'יגען לעבען איז אהן א גרענעץ און זיי זוכען נור רייכע חתנים. דיימאנדס ווילען זיי האבען, אטאמאבילס, רייכע זילבער־געוועבטע דרעסעס, דריי גארענדיגע העמס מיט טהייערע פעדערען. וועגען אלעם טראכטען זיי ווען זיי דארפען חתונה האבען, בלויז איין זאך איז ביי זיי א קלייניגקייט, וועגען וועלכען עס לוינט זיך זיי ניט צו טראכטען, און דאס איז וועגען דעם מאן. דער מאן אליין, דאס איז דער לעצטער פונקט אין די תנאים. ער מעג זיין א משוגענער, א אידיאט, א גראבער יונג, א שלעכטער מענש, א באנדיט, א רויבער, דאס אלץ איז א נעבען זאך, אבי ער זאל זיין רייך.

דער אידעאל צו הייראטען א פיינעם מענשען איז כמעט אין גאנצען אבגעמעקט געווארען פון מיידעלשען ספר הזכרונות. איהר וועט זעלטען הערען א מיידעל זאל זיך באריהמען אז זי האט חתונה געהאט מיט א פיינעם מאן, אדער זי האט א פיינעם חתן. אלעס וואס איהר קענט פון איהר הערען איז אז זי האט חתונה געהאט מיט א „רייכען" מאן, אדער זי איז א כלה געווארען פאר א „רייכען" חתן. די לוסט צו לעבען און לוקסוס איז אזוי אומגעלומפערט אויסגעוואקסען אפילו ביי די ארימסטע מיידלאך, אז דער עיקר און דער הויפט צוועק פון חתונה האבען איז ביי זיי געווארען — די דיימאנדס, די רייכע דרעסעס, די אטאמאבילס, און זיי ווילען גאר ניט וויסען, די נאראנים, אז מען קען טראגען פאר הונדערט טויזענד דאלאר דיימאנדס אויף'ן הארצען און אין הארצען זאל זיין א וואונד און מען זאל זיין די אונגליקליכסטע פרוי אין דער וועלט, און מקנא זיין דער ארימער פרוי, וואס לעבט זיך מיט איהר מאן אין ארמוטה אבער רוהיג און צופריעדען.

איינע קוקט אויף דער אנדערער, און אלע זוכען זיי נור רייכע חתנים, פון א באי וואס מאכט 18 אדער 20 דאלער א וואך ווילען זיי אפילו ניט הערען, מעג ער זיין א מלאך, א זייד א מענש וואס וואלט געווען א סעמפעל פון א פאמיליען מאן און א פאמיליען פאטער. און מאסען מיידלאך האלטען אזוי לאנג אין זוכען דיזע רייכע חתנים, ביז די בליהענדע יאהרען זייערע געהען אוועק און פון אלע זייערע חלומות לאזט זיך אויס א נעבטיגער טאג. לויפענדיג צופוס נאך חתנים וואס פאהרען אין אטאמאבילס קענען זיי דעם אטאמאביל ניט דעריאגען, זיי מיעדען זיך בלויז איין און מוזען זיך אין מיטען וועג אוועקזעצען אברוהען, און אזוי בלייבען זיי „זיצען"...

איך האב אמאל געטראפען ביי מיינעם א פריינד א בעקאנטע מיידעל, זעהר א שעהנע און געבילדעטע קינד, וועלכע בעזיצט א גאלדענעם כאראקטער און אן אמת'ע אידישע הארץ. ארבייט זעהר פיעל פיר וויכטיגע טשאריטי אינסטיטושאנס, און איז א מיידעל

וואס וואלטווירקליך געקענט שאפען א גליקליכע היים פאר זיך און פאר א מאן.

אזוי שנעל ווי זי האט מיך דערזעהן איז זי צוגעלאפען צו מיר מיט א גדולה:

— גיט מיר אב מזל טוב! איך בין א כלה געווארען פאר א רייכען מאן! קוקט אן וואסערע דיימאנדס ער האט מיר געקויפט! ער האט אן אייגענעם אטאמאביל און...

— און ער אליין וואס איז? האב איך איהר אונטערבראכען, וואס טהוט ער? וואס איז ער?

— אה, ער האט א גרויסע ביזנעס פון מילך, פוטער און אייער, אה, ער איז זעהר רייך, זעהר רייך!...

— איז ער א גוטער מענש. פרעג איך ביי איהר.

— אה, רעדט זי ווייטער מיט א מערקווירדיגער התלהבות, און הערט גאר ניט וואס איך פרעג איהר, איהר זאלט זעהען ווי ער קומט נאך מיר מיט זיין אטאמאביל, עס איז שוין איינמאל אן אטאמאביל!

— איך וואלט איהם א בעלן געווען אנקוקען, זאג איך צו איהר, אלס פריינד און גוטער בעקאנטער.

— דעם אטאמאביל? פרעגט זי.

— ניין, זאג איך, איהם אליין וואלט איך וועלען זעהן, דעם חתן אייערען.

און זי האט א מאך געטהאן מיט דער האנד, ווי זי וואלט זאגען: וואס מאכט עס אויס ווי ער זעהט אויס, אבי דער אטאמאביל איז אלל־רייט.

אט אזוי זיינען דא פערניפטעטע געווארען די מעהרסטע מייד־לאך מיט דער געפעהרליכער לוסט צו לעבען רייך, און די וואס קענען עס ניט ערגרייכען האבען גאר ניט חתונה, ווייל די ערשטע יונגע יאהרען געהען אוועק אין זוכען דעם רייכען חתן, און נאכהער ווען זיי מאכען שוין אב זייער מיינונג צו הייראטען א מאן אהן דיימאנדס און אהן אן אטאמאביל, איז שוין צו שפעט.

די זעלבע מיידעל וועגען וועלכער איך האב אייך דא דער־צעהלט, אז זי איז געווען פול מיט פרייד, וואס גאט האט איהר צוגעשיקט דיימאנדס, און אן אטאמאביל, און א רייכען מילך־מאן, האט מיך ווידער געזעהן מיט א פאר חדשים שפעטער און האט מיר דערצעהלט, אז זי איז שוין אויס כלה געווארען.

— נו, פרעג איך ביי איהר, און וואס הערט זיך מיט די דיי־מאנדס, מיט'ן אטאמאביל, און מיט אלע אנדערע גוטע זאכען?

— פרעגט שוין ניט, האט זי געענטפערט מיט אן איכה ישבה ניגון. איך האב איהם מוחל געווען אלעס און וויל איהם מעהר ניט קענען. וואס קומט מיר ארויס פון זיין אטאמאביל, אז ער האט ניט קיין הארץ?

איך האב ניט געוואלט פרעגען ביי איהר וואס און ווען, ווייל נאך אלעמען, איז דאך ביי א מיידעל ניט זעהר קיין אנגענעהמענע זאך צו רעדען וועגען א צוגאנגענעם שידוך, דאך בין איך זיכער, אז כאטש זי האט זיך שוין איינמאל אבגעבריהט, וועט זי פון דעסטוועגען נאך אלץ זוכען א רייכען שידוך, און ווען זי וועט עס ניט געפינען איז זעהר מעגליך אז זי וועט זיך אויך ענליסטען אין דער ארמי פון די פערזעסענע מיידלאך און וועט אומזיסט און אומנישט איהר וועלט פערשפיעלען, ווערענד זי וואלט געקענט חתונה האבען און האבען א גליקליכען לעבען מיט א געוועהנליכען יונגען מאן, וואס ארבייט און פערדיענט זיינע צוואנציג דאלאר א וואך.

דער אונגליק מיט די מעהרסטע מיידלאך אין אמעריקא יעצט איז דאס וואס ביי זיי איז דער גאנצער אידעאל געווארען נור געלד, געלד און געלד! קיין זאך איז ניט הייליג מעהר, די אידעע פון פיהרען א שעהנעם פאמיליען לעבען פעהלט ביי די מיידלאך, זיי ווערען דאפיר ניט בעגייסטערט. דער צוועק צו לעבען און ברענ־גען קינדער אויף דער וועלט, צו האבען קינדער און זיי ערציהען פיין, איז היינטיגע יאהרען אין גאנצען פערשוואונדען געווארען; דער געדאנק פון האבען אן ארימע נור אן אייגענע היים און צו זיין אן אשת חיל ביי זיך אין הויז בעהערשט זיי ניט מעהר;

קיין רעליגיעזען געפיהל פיר הייראטה בעזיצען זיי אויך ניט — אלעז ווילען זיין פריי ווי די פייגעלאך אין וואלד, ארומפליהען, ארומשפרינגען, ארומלויפען, אבער זיי מוזען אם ענדע דערפאר זעהר טהייער בעצאהלען.

די ענדע איז, אז פאר וועלען צופיעל לעבען, לעבען זיי גאר ניט. זיי וועלקען ווי בלומען אין הערבסט, זיי ווערען צובראכענע שארבענס, און דרעהען זיך ארום ווי די שאטענס, און ברענגען קיינעם קיין נוצען מיט זייער לעבען, און קיין שאדען מיט זייער טויט.

עס איז בעסער צו לעבען ארים און פאר א צוועק, איידער צו לעבען אן עולם התוהו לעבען, אהן אירגענד וועלכען שטרעבען. אטאמאבילס און דיימאנדס זיינען גאר ניט דארט וואו עס פעהלט אידעאל און נשמה, זיי קענען דעם מענשען קיין גליק ניט ברענגען. דער עיקר איז אידעאל, גייסט, ליעבע, פליכט, קאמפף און רעלי־גיעזער געפיהל. אהן דעם איז דאס לעבען ניט ווערטה צו לעבען.

שלעכטע פרויען

צווישען די פיעלע בריעף, וואס איך האב לעצטענס ערהאל־טען אין בעצוג צו מיינע אידעען וועגען „די חיים און די פרוי", געפינט זיך איין בריעף פון א מאן, געשריעבען מיט גאל, ניט מיט קיין טינט. מען זעהט אין זיין שרייבען, אז ער האט זעהר א שלעכטע פרוי, און אז ער איז א דם שונא יעדען איינציגען וואס האט א גוטווארט צו זאגען וועגען א פרוי.

„איהר פערטהיידיגט אימער די פרויען, שרייבט ער צווישען אנדערעס, און ביי איך קומט אויס גלייך ווי קיין שלעכטע פרוי וואלט גאר אויף דער וועלט ניט געווען. וועהרענד איהר ווייסט אזוי גוט ווי אלע ווייסען, אז עס זיינען דא אזעלכע פרויען, וואס זיינען ניט ווערטה וואס זיי לעבען אויף דער וועלט. וואס בעסער איהר זיינט צו זיי, וואס מעהר איהר גיסט זיי גאלד אין האלדז, אלץ ערגער ווערען זיי. ניט אומזיסט האבען אונזערע אלטע פילאזאפען געשריעבען „אשה רע מר ממות“. א שלעכטע פרוי איז ערגער ווי דער טויט. און איהר ווייסט עס אליין גאנץ גוט. דאך קומט אויס לויט אייער מיינונג, אז די פרויען זיינען מלאכים און די מענער זיינען אלע אלס א כלל לויטער טייוואלים.

„איך וואלט געוואלט הערען וואס פאר א מיינונג איהר וואלט געגעבען ווען איהר זאלט לעבען מיט אזא פרוי ווי מיינע פינף און צוואנציג יאהר. א פרוי וועלכע האט געלד ווי וואסער, עטליכע טויזענד דאלער אויף איהר אייגענעם נאמען אין באנק, און קריגט גענוג געלד פון מיר, און איהר פעהלט חלילה ניט קיין זאך אין דער וועלט וואס א מענש דארף האבען צום לעבן, דאך האלט זי שטענדיג אין איין פייטען זיך. זי פערטרייבט איהרע אייגענע קינדער פון זיך, שוין גרויסע ערוואקסענע קינדער, וואס דארפען איהר לאסקע ניט האבען. זי פערטרייבט די באים פון הויז און פערגינט זיי איינפאך ניט דאס עסען און דאס לעבען זייערס. זי נעהמט פון זיי אוועק דעם קוראזש פון לערנען אין סקוהל און וויל נור אז אלע זאלען זיך בוקען צו איהר ווי אונטערטהאנען צו א דעספאטישער קייזערין. קיין מוטער־ליעבע האט זי קיינמאל צו קינדער ניט געצייגט. אלעס וואס זי ווייסט איז נור צו רעגיערען מיט'ן קולאק, צו הרג'ענען און שלאגען, ווי א ריכטיגער רוצח.

„ווען איך זאל איך וועלען אויסשרייבען אלעס וואס איך האב אויסגעליטען צייט איך בין פערהייראטה צו דער פרוי, וואלט איך געדארפט שרייבען זעקס מאנאטען לאנג. עס איז דאריבער קיין וואונדער ניט, מר. מאליץ, וואס אזוי ווי די פרויען ווינשען אייך

גוטעס פאר אייער שרייבען, אזוי זיינען אייך די מענער דם שונאים, און זיי האבען פאלשטענדיג רעכט.

„איהר וואלט א סך מעהר אויפגעטהאן ווען איהר וואלט פון צייט צו צייט אביסעל געלעקטשורט צו די שלעכטע פרויען, זיי זאגען בעסער ווערען, ווייל איין גאט ווייסט דעם אמת, ווי שווער און ווי ביטער עס איז אבצולעבען די יאהרען מיט א פרוי א מרשעת!...

עס איז קיין פראגע ביי קיינעם, אז עס זיינען דא שלעכטע פרויען, און עס איז געווים ניט צו מקנא זיין א מאן וועמען גאט בענשט מיט א ווייב א מרשעת.

שלמה המלך וועלכער האט געדארפט לויט זיין עקספיריענס זיין א גרויסער עקספערט אין דיעזער אנגעלעגענהייט, האט ער געזאגט, אז ס'איז בעסער צו וואהנען ערגעץ אויף'ן שפיץ פון א דאך איידער מיט א ווייב אן ארורה אין א גרויסען פאלאסט.

דער זעלבער פרויען עקספערט האט אויך געזאגט אז ס'איז בעסער צו וואהנען אין א מדבר איידער מיט א נערוועזע, בייזע און שלעכטע פרוי, און אז ס'איז בעסער צו זיין צוזאמען מיט א לייב און א קראקאדיל ווי מיט א ווייב א מרשעת. עס איז אויך דא א מדרש, אז דער וואס האט א שלעכטע ווייב איז זיכער אז ער וועט שוין אויף יענער וועלט מעהר ניט ליידען, ווייל ער האט זיין גיהנם אבגעקומען אויף דער וועלט.

עס פאלט גאר דאריבער קיינעם ניט איין צו דענקען, אז קיין שלעכטע פרויען זיינען אויף דער וועלט ניטא. עס זיינען געווים דא פרויען וואס זיינען ריכטיגע טייוואלים, אבער אין פערגלייך מיט מענער זיינען זייער צאהל זעהר קליין און אונבעדייטענד. און אין מיינע ארטיקלען נעהם איך אלס טערמאמעטער די מאיאריטעט פרויען, וועלכע זיינען אם מעהרסטען ליידענדע.

מאנכעס מאל, אין אויסערגעוועהנליכע צופעלע, ווען די פרויען זיינען געפעהרליך שלעכט, קען מען זיי אויך ניט צופיעל בעשולדיגען, ווי מען קען ניט בעשולדיגען א משוגענעם פאר וואס ער שלאגט פענסטער. אזא סארט פרוי, ווי עס ווערט אנגעדייטעט

אין אויבען דערמאַנטען בריעף, איז אַהן צווייפעל משוגע, דאַ אין אַמעריקאַ, אין אונזער ציוויליזירטער מדינה, רופט מען עס „נער־וועז", אָבער אויף פּראָסטען מאַמע־לשון הייסט עס „משוגע". און ווער עס האָט ביי זיך אין הויז אַ משוגענעם מענשען, דער מוז ליידען, און קען זיך ניט העלפען. אַ משוגענער ווייסט ניט וואָס ער טהוט און איז ניט פעראַנטוואָרטליך פאַר זיינע מעשים, קיין אונטערשיעד אויב עס איז אַ מאַן אָדער אַ פרוי, אָדער אַ קינד.

אבער אין פעלע וואו די משוגעת איז ניט אַזוי געפעהרליך, דאָרט וואו די פרוי איז נור בייז, ניט אַלדאַסבייז, דאָרט קען מען זי גאַנץ אָפּט גאָר ניט בעשולדיגען, סיידען דער מאַן קען קומען מיט אַ ריינעם געוויסען און צייגען אַז פון זיין זייט טהוט ער אַלעס וואָס איז נור מעגליך צו מאַכען זיין היים אַלס אַ טעמפּעל פון פריעדען און גליק.

איך האָב אַמאָל בייגעוואָהנט אין קאָורט אַ טראַיל פון איינעם וואָס האָט אַנגעקלאָגט אַ מאַן, אַז ער האָט איהם נאַכגעמאַכט אַ לעיבעל. עס האָט זיך געהאַנדעלט אום אַ בעקאַנטען סאָרט סיגאַרעט, די סיגאַרעטס האָבען געהאַט אַ געוויסען נאָמען, אַ געוויסען קאָליער באָקס, מיט אַ סאָרט לעיבעל פון אויבען, וואָס אַן אַנדערער האָט זיי נאַכגעמאַכט, אַז עס איז געווען אונמעגליך' צו דערקענען דעם אונטערשיעד, וועלכעס עס איז דער אָריגינעלער פּעקעדזש און וועלכעס עס איז דער נאַכגעמאַכטער.

עס איז קיין פראַגע ניט געווען ביי קיינעם, ניט ביי די דזשאַדזשעס און ניט ביי די לאַיערס, אַז דער נאַכמאַכער האָט בעגאַנגען אַ פערברעכען, דאָך האָבען די דזשאַדזשעס דעם פערברעכער בעפרייט. און ווייסט איהר וואָרום? ווייל דער מאַנופעקטשורער פון'ם ריכטיגען סיגאַרעט איז ניט געווען קיין עהרליכער מאַן. עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז אויף'ן אָריגינעלען פּעקעדזש איז געווען אַנגעשריעבען, אַז די סיגאַרעטס זיינען פון טערקישען טאַבאַק, און דאָס איז ניט געווען אמת. און ווען דער פּאַרזיצענדער פון די דזשאַדזשעס האָט פאַרגעלעזען זיין דעסיזשאַן פאַר וואָס ער באַפרייט דעם מאַן וואָס האָט פּאָזיטיוו בעגאַנגען אַ פערברע־

כען פעלשענדיג יענעם'ס לעיבעל, האט ער דערביי געגעבען פאל־
גענדע ערקלעהרונג:

„דער יעניגער וואס קומט אין א קאורט פאדערען עהרליכקייט
פון א צווייטען, מוז קודם אליין קומען מיט ריינע הענד און מיט
א ריינעם געוויסען אלס עהרליכער מאן. אבער דער וואס איז אליין
א ליגנער און א פעלשער, און געהט נארען א גאנצע וועלט דורך
רופען זיינע סיגארעטס „טערקישע“, וועהרענד עס איז אין זיי
ניטא קיין ברעקעל טערקישער טאבאק. אזא מענש האט קיין רעכט
ניט צו פאדערען פון אן אנדערען יענער זאל געגען איהם קיין עולה
ניט בעגעהן...“

מיט דעם זעלבען בליק וואס דער דזשאדזש האט געקוקט אויף
דער קיים וואס איז פארגעקומען פאר איהם, קוק איך אויף די
מעהרסטע קייסעס וואו די מענער בעקלאגען זיך אויף זייערע
פרויען אז זיי זיינען שלעכט. צו פאדערען גערעכטיגקייט פון א
צווייטען מוז מען קודם אליין קומען מיט ריינע הענד און מיט
א ריינעם געוויסען, און אין נייננציג פראצענט פון הונדערט אפילו
דארט וואו די פרויען זיינען שלעכט, מוזען די פרויען ערקלערט
ווערען אונשולדיג נור אויפ דעם גרונד אליין, וואס די מענער זיי־
נען ניט קיין צדיקים, זיי קומען געוועהנליך ניט מיט ריינע הענד
און א ריינעם געוויסען, און האבען קיין רעכט ניט צו פאדערען
אז זייערע פרויען זאלען זיין דורכאויס 18 קערעט זהב טהור,
וועהרענד זיי אליין זיינען אפילו ניט סילווער פלייטעד...

זייט אימער בעשעפטיגט ביי ריכטיגע ארבייט, אזוי אז ווען
דער שטן וועט צו אייך קומען זאל ער אייך שטענדיג געפינען ביזי.
סט. דזשעראם.

פרויען די פּאָעזיע פון לעבען

פרויען זיינען דער צויבער און די ליכט פון אונזער גאַנצען לעבענס־וועג. מעגען מיר לעבען אין די הייסע טראָפּישע לענדער, אָדער ביים קאַלטען נאָרד פּאָל, קוים איז דאָרט דאָ אַ פרוי, איז דאָרט אויך דאָ גליק און צופריעדענהייט.

דער אונגליק מיט אונז מענער, איז דאָס וואָס מיר ווייסען נים ווי צו שעצען די אוצרות וואָס מיר בעזיצען, און זוכען נור זאַכען וואָס מיר האָבען נים.

דער קלוגער מאַן מוז קיינמאָל נים פערגעסען, אַז אָהן דער פרוי וואָלט דער אָנפאַנג פון אונזער לעבען געווען הילפלאָז, אונזערע מיטעלע יאָהרען וואָלטען פאַריבער ווי אַ שאָטען, אָהן אירגענד וועלכע פערגעניגען, און די ענדע פון אונזער לעבען וואָלט אָוועק אָהן טרויסט, אָהן אַ גוט וואָרט, אָהן אַ פריינדליכען זיפץ, אָהן סימפּאַטי און מען וואָלט זיך געפיהלט עלענד און פריינדלאָז ווי די חיה וואָס לויפט אַרום אין די וועלדער. דאָס גאַנצע לעבען וואָלט געוואָרען ווי אַ שווערע לאַסט אויף׳ן מענשען און די צאָהל פון זעלבסט־מערדער וואָלט געווען פיעל גרעסער ווי די צאָהל פון די וואָס שטאַרבען מיט אַ נאַטירליכען טוים.

דער מענש מעג זיין רייך אין געלד און פערמאָגען מיליאָנען, פערמאָגט ער נים צו בעצאָהלען די ווערטה וואָס עס האָט דער שמייכעל פון אַ מיידעל מיט וועלכען זי בעגעגענט איהר געליעבטען, איידער זי געהט איהם צוט ערשטען מאָל ערקלעהרען אין ווערטער אַז זי האָט בעשלאָסען זיין ליעבע צו ענטפערען מיט „יא“, און איבערהויפּט ווער קען בעצאָהלען די ווערטה פון דעם שמייכעל פון אַ פרוי מיט וועלכען זי בעגעגענט איהר נור־וואָס געבאָרענע בייבי

א שמייכעל מיט וועלכע זי פערזיכערט די בייבי מיט מוטער־ליעבע?...

אויב עס איז דא א ליעבליכע בלום וואס בליהט אויף דער ערד, סאי זומער סאי ווינטער, איז דאס די גוטע פרוי. און דער מאן וואס האט מורא צו הייראטען איבער די פערשיעדענע אונ־אנגענעהמליכקייטען וואס קענען אמאל פאסירען אין לעבען, איז ריכטיג ווי דער וואס האט מורא צו מאכען א לוסט־רייזע טאמער וועט ערגעץ אויף'ן וועג די טריין ארונטער פון די טרעקס.

צעהן טויזענד מאל געהט די טריין און קומט זיכער, אן עקסידענט פאסירט בלויז איין מאל אין א יובל. די פרוי איז אן אוצר וואס דער אונפערהייראטהער מאן קען גאר ניט בעגרייפען די פולע ווערטה ביז דער חתונה.

ערשט דאן ווען עס פאסירען פינסטערע מאמענטען אין לעבען, ערשט דאמאלס פיהלט דער מאן, אז די טרייע פרויען־הערץ איז א פונק פון הימלישען פייער וואס צינדט אן די מנורה פון ליעבע און מאכט ליכטיג און ברענגט לעבען און האפנונג. דארט וואו אלע פריינד אנטלויפען פון דיר, און ווילען פון דיר מעהר ניט וויסען

עס איז דאריבער א פאקט וואס קיינער קען ניט אבלייקענען, אז דער וואס לעבט אב זיין וועלט אהן א פרוי, דער ווייסט ניט און האט זאגאר קיין בעגריף ניט וואס לעבען הייסט, ווייל ער האט גאר ניט געלעבט.

צו זיין בעקאנט מיט פרויען, צו קומען אפט אין פרויען־געזעלשאפט, דאס איז גאר ניט. די פרוי אלס מלאך קענט איהר נאר זעהען אין איהר היים. ווען איהר נעהמט א פרוי און איהר גיט איהר א היים, מעגט איהר וואהנען אין א קליינע רומקעלע און עסען א שטיקעל טרוקענעם ברויט, ווערט דאס קליינע רומ־קעלע פערוואנדעלט אין א גרויסען פאראדיז, עס ווערט ליכטיג אין אלע ווינקעלעך, אייער כאראקטער ווערט געליטערט און גע־שליפט, איהר בעקומט העכערע און נאבעלערע געדאנקען אלס מאן און אלס פאטער און איהר פאנגט אן פיהלען די הויכע אידעע פון

לא טוב היות האדם לבדו, ווי ניט גוט עס איז דער מענש זאל זיין אליין.

מען דארף ניט זיין קיין גרויסער פילאזאף צו פערשטעהן, אז דאס לעבען פון מענשען איז זעהר קורץ. פון וויעגעלע צום קבר איז בלויז א פאאר שפאן. און ווען איהר וועט אליין ניט טרייען צו מאכען די קורצע טעג פון אייער לעבען זיס, וועט עס פאר אייך קיינער ניט טהאן. אבער עס זיינען דא יונגע לייט וואס דענקען אז זיי וועלען לעבען טויזענד יאהר, און ווען איהר רעדט מיט זיי וועגען חתונה האבען, וועלען זיי אייך ענטפערען אז זיי האבען נאך צייט; זיי פערגעסען, די נאראנים, אז דאס לעבען איז אזוי קורץ, אז יעדע מינוט, יעדע סעקונדע צעהלט זיך. ווען עס קומט די מינוט פון שטארבען קענט איהר ניט פועל'ן ביים מלאך המות ער זאל אייך נאך לאזען אן איינציגע סעקונדע לעבען, — צום סוף נעהמען זיי אליין און בערויבען זיך פון אלע פערגעניגען וואס מען קען אין דיעזען קורצען לעבען האבען.

פיעלע יונגע לייט האבען אן אויסרייד אז זיי זוכען א פרוי וואס זאל ווערטה זיין און קענען זיין א ריכטיגע לעבענס-בעגלייטערין פון א מאן. דאס איז די אורזאכע פאר וואס זיי קלייבען אזוי לאנג און זיצען דערווייל און האבען ניט חתונה. אבער דאס איז זעהר א פאלשער רעכענונג. ערשטענס איז כמעט אזוי גוט ווי א כלל אז אלע די יעניגע וואס קלייבען לאנג, סאמע די פאלען אריין; מען קען ארומגעהען מיט א מיידעל פינף יאהר און זי ניט קענען אזוי פיעל ווי איהר וועט זי דערקענען באלד דעם ערשטען טאג נאך דער חתונה, און צווייטענס איז יעדע פרוי גוט, ווען דער מאן בעהאנדעלט זי נור גוט און ווייסט ווי זי צו שעצען.

די פרוי איז פון דער נאטור גוט, אבער מען קען זי נאטירליך מאכען שלעכט. עס מאכט ניט אויס ווען איהר זיינט פאר דער וועלט ניט אזא גוטער מענש, קוים נור וועט איהר זיין פאר דער פרוי א גוטער מאן, וועט איהר זיין א גליקליכער מענש, און אייער פרוי וועט אייך בעשיצען ווי א מלאך פון אלדאס בייז. ווען איהר האט צרות פון מסחור, אדער פון ארבייט, ווען יעמאנד

בעלײדיגט אײך אין סטריט, אדער װען איהר פערשפיעלט אײער געלד אין קארטען — װילט ניט אױסלאזען אײער הארץ צו אײער פרוי, טרײעט ניט ארױפצולעגען אױף איהר די גאנצע װעלט מיט צרות. װען איהר קומט אהײם װײסט אז דאס איז אײער טעמפעל פון גליק און פריעדען, בעגעגענט אײער פרוי מיט א שמײכעל, און איהר קענט זיכער זײן, אז זי װעט מיט איהר ליעבליכקײט אװעקנעהמען אײער מרה שחורה און װעט אײך מאכען אין אלע אײערע יסורים פערגעסען.

יעדען דאכט זיך, אז בײם צװײטען לאכט זיך

א יונגער מאן פון ברוקלין, עס פאסט ניט אנצוגעבען דא זײן נאמען און אדרעס, האט בײ מיר געפרעגט אן עצה װאס זאל ער טהאן, װען ער האט חרטה אױף'ן שידוך ? ער האט זיך ארומגעזעהן, זאגט ער, אז זײן לעבענס-בעגלײטעריןהאט איהם אבגענארט. װען ער איז מיט איהר ארומגעגאנגען אלס חתן כלה האט זי גערעדט שטיל, בנעימות, עס איז געװען א מחיה צו הערען, און יעצט, א יאהר נאך דער חתונה, עפענט זי אױף איהם א מױל, אז ער װאלט פון איהר אנטלאפען אין דער װעלט ארײן.

זי האט איהם אױך שטארק אבגענארט, זאגט ער, מיט איהרע װירטהשאפט מעלות. װען ער איז מיט איהר ארומגעגאנגען אלס בחור און מײדעל, איז ער אײנפאך געװען פערליעבט אין דער ארט און װײזע װי זי פלעגט זיך דרעסען. אלעס האט אױף איהר געשײנט. יעדער מלבוש איז אױף איהר געלעגען אױסגעגאסען װי פון װאקס, עס איז קײנמאל ניט געװען צו זעהן א שפרײנקעלע

אויף איהר ווייסט אָדער אויף איהר סקוירט, און יעצט, קוים אַ יאָהר נאָך דער חתונה, זי האָט נאָך ניט קיין קינד און קיין רינדר, און שוין וויינט אויף איהר אַלעס וואָס זי טהוט אַן. עס איז אַ שאַנדע צו זעהען מיט וואָס פיר אַ פערשמוצטע ווייסט זי געהט אין סטרים אַריין, און זי איז אין אַלגעמיין אַזוי נאַכלעסיג אין אַלעס וואָס האָט צו טהאָן מיט הויזווירטהשאַפט, אַז ער געהט אַפּט אַרוים פון געדולד און מוז מאַכען סקאַנדאַלען, ווייל נאָך אַלעמען איז דאָך אַ מענש ניט קיין מלאך, און איהם פערדריסט שרעקליך פאַר וואָס זי האָט איהם אַזוי ביטער אָבגענאַרט.

דער יונגער מאַן פון ברוקלין מאַכט אַ גרויסען מיסטייק ווען ער מיינט אַז זיין פרוי האָט איהם אָבגענאַרט. ער האָט זיך אַליין גענאַרט. ער האָט זיך גענאַרט אין איהר, ריכטיג ווי זי האָט זיך גענאַרט אין איהם. איך בין זיכער אַז אויך ער איז וואַיט-וואַיט ניט אַזוי גוט ווי זי האָט וועגען איהם געדענקט, ריכטיג ווי זי איז ניט אַזאַ מלאך ווי ער האָט זיך אין זיין פאַנטאַזיע פאָרגעשטעלט, איידער ער האָט מיט איהר חתונה געהאַט.

און אָט אין דעם ליעגט דער גאַנצער סוד פון ליעבע.

ליעבע איז אַ סאָרט היפּנאָטיזם, אָבער מען היפּנאָטיזירט ניט יענעם, נור זיך אַליין. קיינער פערליעבט זיך ניט אין אַ מיידעל פאַר די מעלות וואָס זי בעזיצט ווירקליך, און קיין מיידעל פערליעבט זיך ניט אין אַ באַי פאַר די מעלות וואָס ער בעזיצט ווירקליך. אַ באַי פערליעבט זיך אין אַ מיידעל איבער די מעלות וואָס ער "דענקט" אַז זי בעזיצט. דאָס זעלבע איז אויך דער פאַל מיט אַ מיידעל. זי שטעלט זיך פאָר אין די געדאַנקען דאָס פיינסטע וואָס מען קען געפינען אין אַ מאַנספּערזאָן, און דאָס דענקט זי איז איהר געליעבטער.

ווען איהר וועט רעדען מיט אַ געליעבטע פּאָרעל וועלען זיי עס אפילו טרייען אָבצולייקענען. מאָרים וועט אייך שווערען ביי אַלעס וואָס ביי אַ מענשען איז הייליג און טהייער, אַז ער האָט גוט אויסגעשטודירט דעם כאַראַקטער פון זיין סערע'ן, און אַז

ער קען זי שוין װי זײנע פינף פינגער, און װײסט אז זי איז א מלאך, אז זי איז א סאמפעל פון א װירטהין, און איז די גוטס־קײט אלײן. סערע װידער װעט אײך פערזיכערען אז איהר מאַרים איז א גאלד, אז ס'איז גאר אומעגליך זי זאל זיך אין איהם אב־נארען, װײל זי קען איהם שוין בעסער װי זי קען זיך אלײן, און זי װײסט אז ער איז דער פײנסטער, דער קלוגסטער און דער נאבעלסטער יונגער מאן װאס דרעהט זיך ארום אויף גאטעס ערד.

װען איהר זאלט אמאל פרובירען זאגען מאַרים'ען דאס װאס זײן מוטער אדער זײנע שװעסטער זאגען איהם, אז זײן כלה איז א געװעהנליכע מײדעל, גלײך װי אלע מײדלאך פון א גאנץ יאהר, און אז זי האט א ביסעל א צו־ראשיגען טעמפער, און איז ניט קײן צו־גרויסע באלעבאסטע, װעט ער אײך ניט גלויבען קײן אײנציגען װארט, און װעט מײנען אז מען פערגינט איהם ניט דאס גליק װאס איהם האט געטראפען.

דאס זעלבע װען איהר װעט דערצעהלען סערע'ן אז איהר מאַרים שפיעלט א גאנץ אונבעדײטענדע ראליע אין די ביזנעס װאו ער ארבײט, אז אלע זײנע קאלעגען מאכען פון איהם חוזק, האלטען איהם פאר א טיפּוש װאס װעט זיך זײן גאנצען לעבען ניט ארויפארבײטען, װײל ער טויג ניט א קאץ אן עק צו פער־בינדען, װעט זי אײך ניט גלויבען, און װעט געװיס אויך מײ־נען, אז מען איז איהר א שונא און מען פערגינט איהר ניט איהר גליק.

און דאך װאלט זײן אז אונזינן צו זאגען אז זײ האבען אײנער דעם אנדערען גענארט. מאַרים האט קײנמאל ניט געטרײעט בע־װאוסטזיניג אבצונארען סערען, און זי צו מאכען גלויבען אז ער איז דאס װאס ער איז ניט. ער האט זיך פאר איהר ניט פאר־געשטעלט אלס א גרויסער ראמאנען העלד מיט מעלות װעלכע ער בעזיצט ניט, אום איהר ליעבע צו געװינען.

דאס זעלבע האט אויך סערע ניט געטרײעט בעװאוסטזיניג צו נארען מאַרים'ען מיט אזעלכע מעלות װאס זי בעזיצט ניט, אום צו געװינען זײן ליעבע.

עס איז אַ פאַקט אַז אין ליעבע נאַרען זיך די געליעבטע אַליין. יעדער איינער נאַרט זיך, ניט דעם אַנדערען. די אַבנאַרונג קומט פון אינוועניג ניט פון דרויסען עס איז אַ סאָרט היפּנאַטיזם דורך וועלכען מען ווערט אַליין פערהיפּנאַטיזירט און מען גלויבט אַז די צווייטע פּערזאָן איז אַ פּערקערפּערונג פון לויטער מעלות. און דאָס איז די הויפּט געטליכקייט פון ליעבע, זאָנסט וואָלט די וועלט קיין קיום ניט געהאַט. און אַזוי לאַנג ווי מיר גלויבען אַז דער געליעבטער, אָדער די געליעבטע איז ווירקליך אַזוי פיין ווי מיר שטעלען זיך פאָר, מאַכט ניט אויס, אויב עס איז אין דער אמת ניט אַזוי.

דער יונגער מאַן פון ברוקלין מוז דאַריבער וויסען, אַז אַזוי ווי ער האָט ניט געטראָפען מיט זיין פרוי, אַזוי האָט אויך זי פאַר־זיכער ניט געטראָפען מיט איהם. זיי ביידע זיינען ניט קיין מלאכים, נור איינפאַכע מענשען. מיט אַלע געוועהנליכע מענשלי־כע מעלות און חסרונות. און דער אונטערשיעד בלייבט נור דער וואָס די פרוי, וועלכע בעזיצט אַלס אַ כלל מעהר נשמה און מעהר כאַראַקטער ווי דער מאַן, טרייעט זי זיך צוצופּאַסען צו די אומ־שטענדען, און אויב זי איבערצייגט זיך נאָך דער חתונה אַז איהר מאַן איז ניט אַזוי פיין ווי זי האָט געדענקט ער איז, רעכענט זי, אַז מסתמא זיינען אַלע מענער אַזוי, און עס פאַלט איהר ניט איין אין מח דער געדאַנק צו זוכען פון איהם פּטור צו ווערען. אין גע־גענטהייל ערשט דאַן פאַנגט זי אָן צו בעטראַכטען איהר גרויסע אויפגאַבע אַלס פרוי, מיט אָפענע אויגען, זי פערשטעהט אַז זי מוז אַבלעבען מיט איהר מאַן איהר גאַנצע וועלט, און לאַנגזאַם, ציגעל ביי ציגעל, לייגען דעם פונדאַמענט פון איהר היים און פון איהר פאַמיליען־לעבען.

און דאָס איז דער גרויסער אונטערשיעד פון אַ פרוי ביז אַ מאַן!

דער ברוקלינער יונגער מאַן, און אַזוי זיינען די מעהרסטע מע־נער, אַזוי שנעל ווי זיי זעהען זיך אַרום נאָך דער חתונה, אַז די פרוי איז אַ געוועהנליכער מענש, ניט קיין מלאך, ווי זיי האָבען

זיך אין די געדאַנקען פאַרגעשטעלט. פערגעסען זיי אז זיי האבען זיך אליין גענאַרט, טרייען באַלד אַרויפצולייגען אויף איהר די שולד און זוכען תיכף ווי פון איהר פטור צו ווערען. זיי נעהמען גאַר ניט אין אַנבעטראַכט אַז אויף דער ערד זיינען קיין מלאכים ניטאַ. יעדען דאַכט זיך אַז ביים צווייטען לאַכט זיך. און די ריכטיגע עצה פאַר'ן ברוקלינע יונגענמאַן איז דאַריבער צו טרייען, ריכטיג ווי זיין פרוי טהוט, אַלעס איינצואָרדענען לויט די אומשטענדען. דאָס אַלעס וואָס ער האָט זיך אַמאָל פאַרגעשטעלט אין די געדאַנ־קען ווען ער איז געווען פערליעבט איז אַלץ געווען חלומות. די ווירקליכקייט, דאָס אמת'ע לעבען, איז ווי די גאַנצע נאַטור וואָס רינגעלט אונז ארום, אַמאָל שיינט די זונן אַז ס'איז אַ מחיה, און אַ מאָל רעגענט און שטורעמט, אַז ס'איז אונמעגליך אין גאַס אַרויסגעהן; איהר מעגט זיין ווי פאַרזיכטיג און ווי פּריטיקלי, קענט איהר ניט מאַכען אַז אייער וועלט זאָל בעשטעהען פון לויטער זונען־שיין. אָבער איהר קענט מאַכען אין אייער הויז שעהן, ליכ־טיג, לוסטיג און וואַרעם, אַזוי אַז איהר זאָלט פאַר'ן שטורעם קיין מורא ניט האָבען. עס ווענדעט זיך אַלעס אַן אייך, און אויב איהר וועט וועלען זוכען אַ לאַנד פון שטענדיגע זונענשיין וועט איהר מוזען שטענדיג ארומוואַנדערען און קענט עס פיעלייכט געפינען נור אין דער מדבר זאַהאַראַ, וואו מענשען ווערען פער־ברענט פון צופיעל היץ, אַזוי אַז עס קען גאַר דאַרט קיינמאָל קיין ישוב ניט זיין...

פערגעסט אין אייערע חלומות, ברוקלינער יונגער מאַן, האָט אין זינען די ווירקליכקייט, ווען איהר וועט נור באמת זיין אַ פיינער מאַן, וועט די זעלבע פרוי וואָס איהר האָט יעצט, זיין די בעסטע פרוי אין דער וועלט. זוכט ניט קיין ענדערונגען, חתונה האָ־בען איז ניט קיין ציגיינער־ביזנעס. איהר וועט קיינמאָל ניט געפינען דאָס וואָס איהר שטעלט זיך פאַר אין דער צייט ווען איהר ליעבט. די פרוי געפינט עס אויך ניט. פון דעסט וועגען קאַמפּליינט זי ניט. אוי לעבט מיט דער האָפנונג אַז מיט דער צייט וועט די חיים און דער פאַמיליען־בונד אַלעס אין אָרדנונג ברענגען און אַז פריע־

דען און גליק וועלען סוף כל סוף בעגלייטען זי מיט איהר מאַן
מיט די קינדערלעך ביז צו די לעצטע מינוטען פון זייער לעבען.

די פראַגע פון דרעסעס

אין דיעזען קאַפּיטעל וועל איך טרייען בעהאַנדלען אַ פראַגע
וואָס ריהרט אָן די מעהרסטע מיידלעך, וועלכע אַרבייטען שווער
אום צו פערדיענע זייערע לעבענסמיטעל. עס זיינען דאָ מיידלעך
וואָס ווערען געבאָרען אין זיידענע העמדלעך. מיידלאַך, וואָס
אַזוי שנעל ווי זיי דערזעהען נור די ליכטיגע וועלט, ווערען זיי
גלייך אַרומגערינגעלט מיט פרייד און פערגעניגען. זיי ווערען
ערצויגען און ערוואַקסען אין רייכטהום, ווינטער האַלט מען זיי
וואַרים, זומער האַלט מען זיי קיהל, זאָל מיט זיי עטוואָס פּאַ־
סירען, איז גלייך דאָ אַ דאָקטאָר, אַ נוירס, און וואָס נור עס איז
מעגליך צו טהון, אַז זיי זאָלען פערהיט ווערען פון וועהטאָג און
שמערצען, ווערט געטהאָן, און זיי ווערען געוואַשט און געהיט
ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פון אויג, זיי זאָלען זיך חלילה ניט פער־
נעצען די פיסעלאַך ווען ס'איז אין דרויסען נאַס, און זאָלען ניט
דערשוויצט ווערען ווען עס איז אין דרויסען הייס, אַזעלכע מייד־
לאַך געהען אין פּאַבליק סקוהל, אין הײ סקוהל און אין קאַללעדזש,
אויב זיי לעהרנען בעסער אָדער ערגער, דאָס איז אַן אַנדער פראַגע,
נור דער פאַקט איז, אַז זיי האָבען גאָר ניט וואָס צו זאָרגען.
עס פעהלט זיי ניט קיין קליידער, עס פעהלט זיי ניט קיין שיך,
מיט'ן אָנקומפט פון יעדען נייעם סיזאָן, קריגען זיין פון זייערע
עלטערען די פיינסטע סטיילישע דרעסעס, די בעסטע בעקוועהמס־

טע שובוואַרג, ניט זיי ווייסען ניט זיי ווילען וויסען, און ניט זיי דאַרפען וויסען, אויב עס קאָסט פיעל, אָדער ווייניג, — מען קויפט זיי אַלעס וואָס זיי ווילען, און די עלטערען, וועלכע זייַנען וואָהלהאָבענד, קוקען אויף זייערע קינדער און קלייבען נחת, וואָס גאָט צו דאַנקען, עס פעהלט זיי ניט קיין זאַך, און וואָס זיי פערטראַכטען נור, קריגען זיי עס גלייך, ווייל אין געלד איז קיין מניעה. און טאַקע, אויף וועמען דען זאָלען עלטערען ספּענדען געלד מיט פערגעניגען, ווען ניט אויף זייערע אייגענע קינדער?

אזעלכע מיידלעך, ווי געזאָגט, ווערען געבאָרען אין זיידענע העמדעלאַך, אָבער ליידער איז צופיעל גוטעס דאָ זעהר ווייניג אויף דער וועלט. אַ סך מעהר קינדער ווערען געבאָרען אין טרויער און וואַקסען אין זאָרג פון וויעגעלע ביז׳ן קבר.

מיידלאַך וואָס ווערען געבאָרען ביי אָרימע לייט, קריעגען אין אַלגעמיין אַ קאַלטען ברוך הבא, און אין בעסטען פאַל טראַכטען זיך טאַטע־מאַמע: „נאַ דיר נאָך אַ שלים־מזל, טאָמער האָבען מיר ווייניג צרות געהאַט!“ נאַטירליך, ווען עס איז שוין דאָ קען מען עס ניט אַרויסוואַרפען, אָבער ווער האָט עס צייט, און ווער האָט עס געדולד, אין אָרימקייט און אין זאָרג, זיך דערמיט אָבצוגעבען, און אַזוי וואַקסט דאָס קינד אַליין אויס אין גרויסע צרות, ווינטער אין קעלט און זומער אין היץ, און מען דערציהט קוים מיט די צייהן, דאָס קינד זאָל שוין ווערען אַ מויד און קענען געהען אַרבייטען, זי זאָל זיך אַליין קענען שפּייזען און קליידען, און נאָך קענען עטוואָס אויסהעלפען דער אָרימער מאַמע און דעם קראַנקען טאַטען.

און ערשט דאַן פאַנגען זיך אָן דעם מיידעל׳ס אונערטרעגליכע יסורים און עגמת נפש. ווען מען געהט אַרבייטען צווישען מענשען, מוז מען געהן אָנגעטהאָן ווי אַ מענש. מען קען ניט געהן ווי אַ שלומפּער, ווען מען וויל האָבען עטוואָס אַ ווערדע ביי יענעם, און געהן אָנגעטהאָן אפילו ניט ווי אַ לייט, נור כאָטש ווי נעבען־לייט, קאָסט געלד און עס סטייעט ניט די חלה אויף המוציא.

נאכדעם ווי דעם אָרימען מיידעל קומט אָן שווער בקריעת ים סוף דורכצומאכען אַ ביזנעס סקוהל אַלס סטענאָגראַפער, אָדער בוקקיפער, דאָס גרעסטע גליק, וואָס אַן אָרימע מיידעל קען ער־רייכען, מוז זי ארבייטען דריי פיער יאָהר, איידער זי קען פער־דיענען צווישען 15 און 18 דאָלער אַ וואָך. און ווען זי מאַכט שוין אפילו איהרע 18 דאָלער אַ וואָך, קען זי נאָך אַלץ ניט זיין קיין ריכטיגע שטיצע צו איהרע אָרימע עלטערען, ווייל במעט אין גאַנ־צען וואָס זי פערדיענט מוז אַוועקגעהען אויף איהר אַליין, ווען זי וויל קומען אַמאָל אין געזעלשאַפט פיין געדרעסט, ווי עס ווערט געפאָדערט היינטיגע צייטען, אום צו קריגען דעם רעספעקט פון לייטען.

זאָגאר אין די אָפיסעס, וואו די מיידלעך קומען ארבייטען, ווערט געפאָדערט פון זיי, זיי זאָלען געהן פיין אָנגעטהאָן, מען קוקט גאָר אויף זיי אַנדערש ווען זיי קומען אין אַ פיינעם סוט און אַ פיינע העט און קאָוט צו דער ארבייט. און די מיידעל קען זיך ניט העלפען, זי מוז האַלטען דעם סטייל, ווי מען זאָגט אַ קניפּ אין באַק און די פאַרב זאָל שטעהען. עס איז אַ כלל אַז מיידלעך וועלכע דענקען צו שפּאָרען געלד וואָס זיי דאַרף קאָסטען פיינע דרעסעס, און קומען דאריבער אין אָפיס צו דער ארבייט אין אַלטע שמאַטעס, און זעהען ניט אויס אַפּ־טו־דעיט, די קע־נען זיך לאַנג אויף קיין דזשאָב ניט האַלטען, און זיי סטאָפּען מעהר ווי זיי ארבייטען ; און ווען זיי ארבייטען יאָ, האָט מען פאַר זיי ניט דעם מינדעסטען רעספּעקט. צו עס איז גלייך אַזוי, אָדער ניט, צו עס דאַרף אַזוי זיין, אָדער ס׳איז אַן עולה, — דאָס איז שוין ווידער אַ גאַנץ אַנדער פראַגע, אָבער דער פאַקט בלייבט אַ לע־בעדיגער, און מען זעהט עס אויף יעדען שריט און טריט, אַז אַ מיידעל וואָס פערנאַכלעסיגט איהר קליידונג, קריגט אַ נאָמען אַלס אַ „סלאָב", אַ שלומיאַל, קיינער קערט ניט פאַר איהר, זי קריגט ניט קיין כבוד, ניט קיין ווייזשעס, און סטאָפּט מעהר ווי זי ארבייט.

ווי פיין זי זאָל ניט זיין איז כאראקטער און ווי גוט זי זאָל ניט

זיין אין נאטור, קען זי ניט נעהמען און אנשרייבען ביי זיך אויף'ן שטערען: „פאר דעם געלד וואס איך דארף ספענדען אויף א נייע סטיילישע דרעס, וועל איך בעסער קויפען א טאן קויהלען פאר מיין ארימע מוטער”. קיינער וויל גאר ניט וויסען וואס ביי איהר אין הויז טהוט זיך, מען קוקט אויף איהר אליין, און ווילענ־דיג, אדער ניט ווילענדיג, מוז זי גוט אויפפאסען אויף איהר טו־אלעט ווען זי קומט ארויס אין דער וועלט צו מאכען פאר זיך א לעבען.

די מעהרסטע טשאריטיס בעגעהען דאריבער א גרויסען פער־ברעכען, וואס זיי סטאפען אפט צו שטיצען אזעלכע ארימע פא־מיליען, וואו זיי געפינען אויס, אז א מיידעל האט אנגעפאנגען געהען ארבייטען און מאכט שוין איהרע צוועלף דאלער א וואך. ריכטיג ווי עס איז זעהר א גרויסע וואהלטהאט צו שטיצען ארימע, אלטע, אדער קראנקע, וואס קענען זיך אליין ניט מפרנס זיין, ווען זיי זיינען נור אנשטענדיגע מענשען און ניט קיין פראפעס־יאנעלע שנארערס, אזוי איז נאך טויזענד מאל מעהר וואהלטהאט, צו לאזען א אנשטענדיגע מיידעל זיך ארויפצוארבייטען אויף א פיינעם עהרליכען וועג, וועלכעס איז לײדער אין אונזער יעצטיגער געזעלשאפט, נור מעגליך, ווען זי האט ביכולת זיך פיין צו דרע־סען פון דעם געלד וואס זי פערדיענט. נעהמט פון איהר אוועק דיעזע מעגליכקייט, פערליערט זי ניט בלויז די געלעגענהייט צו פערדיענען גרויסע ווייזשעס, און קריגען רעספעקט און שטענדי־גע בעשעפטיגונג, נור זי פערליערט אויך די מעגליכע געלעגענ־הייט, פון קריגען א פיינעם יונגען מאן און הייראטהען אויף אזא וועג אז זי זאל אויך אמאל קענען לעבען א לעבען אהן דחקות, אהן ארמוט, און אהן זארג און עגמת נפש, אלץ אזעלכע זאכען מיט וועלכע זי האט זיך נעבאך אנגעזעטיגט זייט איהרע ארימע אונגליק־ליכע עלטערען האבען זי אויף דער וועלט געבראכט. די מיידעל וועלכע איז געבארען געווארען אין אזא מזל, אז איהרע עלטערען קענען ביי זייער בעסטען ווילען פאר איהר ניט זארגען, און זי מוז אליין זארגען פאר אלע איהרע בעדירפניסע, זאל זי אם וועניגסטען

האבען די געלעגענהייט צו געניסען די פרוכט פון איהר ארבייט, אויף אזא וועג, וואס זאל איהר שאפען באטש עטוואס פערגעניג־גען אין איהר טרויעריגען לעבען. און זאל איהר קענען געבען א שטראהל פון האפנונג, זיך צו קענען ווען עס איז ארויסדרעהען פון דלות וואס האט זי בעגלייט פון וויעגעלע ביז'ן שאפ.

שווערע און לייכטע דאלארס

אין איין קאפיטעל האב איך שוין בעהאנדעלט די פראגע פון קארגע מענער, מענער וואס ציטערען רק פאר'ן מארגען.

עס זיינען אבער נאך דא פיעל ערגערע מענער ווי די קלאסע וואס איך האב אין יענעם קאפיטעל בעהאנדעלט. די קארגע מענער, וועגען וועלכע איך האב גערעדט, זיינען ניט קיין שלעכטע פון נא־טור; זיי זיינען קראנקע. די קארגשאפט וואס לאזט ניט לעבען, ניט זיך, ניט יענעם, איז א חולאת, א קראנקהייט, צו וועלכער עס איז כמעט קיין שום רפואה ניטא.

אזא קראנקהייט ווערט נור אמאל אויסקורירט דורך א צופאל. עס פאסירט, אז א מאן עסט ניט, און טרינקט ניט, קלייבט א פעני צו א פעני, און אינוועסטעד נאכהער זיין געלד אין הרי חושך לאטס, וואו ער האפט רייך צו ווערען; אדער ער פערבארגט עס אויף גרויסע פראצענטען, און פערליערט אויף אמאל אלעס וואס ער האט געשפארט יאהרען לאנג; דאן קען פאסירען אז דער מאן זאל אויסקורירט ווערען פון זיין קראנקהייט; ער ניכטערט זיך אויס און ער מאכט אב זיין מיינונג, מעהר ניט צו קארגען און נאכהער אלעס אוועקגעבען צום טייוועל. בעסער אליין צו לעבען,

אײדער פרעמדע, זאל בעסער זײן פאמיליע, זײן װײב און זײ־נע קינדער הנאה האבען פון זײן געלד.

דאס איז די אײנציגע זאך, װאס קען אמאל קורירען קארג־שאפט, די קארגשאפט װאס איז א קראנקהײט.

עס איז אבער דא א קארגשאפט װאס קומט פון א שלעכטע פעראָרבענע הארץ.

עס זײנען דא מענער בײ װעלכע דער דאלאר װעגט אפשר הונדערט פוד װען זײ דארפען איהם געבען דער פרױ, און איז לײכט װי א פעדער װען זײ דארפען איהם פערװיזען פאר זיך אלײן.

דיעזע מענער װערען נור שפארערס און בעלי תכליתים װען זײ דארפען דער פרױ געבען געלד. פאר זײ אלײן איז דער פאקעט־בוך אימער ברײט און אפען. זײ װעלען פערשפיעלען א צעהן־דאלאר־ביל אין פינאקעל און װעלען זיך אפילו ניט א קנײטש טהאן; זײ װעלען מכבד זײן א פרײנד, אדער זאגאר א װילד פרעמדען, מיט א קװאדער סיגאר, אדער מיט א מארטיניק קאק־טײל, צו ציגען אז זײ זײנען גוטע ליבעראלע מענשען; זײ װעלען געבען א נדבה א דאלאר דארט װאו אנדערע גיבען צעהן סענט, צו ציגען אז זײ זײנען מענשען מיט ברײטע הערצער, און װען עס קומט צו זײער אײגענער פאמיליע, צו זײער אײגענע װײב און קינדער, זײנען זײערע הערצער װיא שטײן, און בײ יעדער דאלאר װאס זײ גיבען אין הויז האלטען זײ גאנצע לעקטשורס פאר דער פרױ, זי זאל למען השם ניט פערגעסען אז עס קומט אן שװער װי קריעת ים סוף אײדער מען פערדיענט א פעני, און זײ װארפען אזא מרה שחורה און אזא פחד אויף דער פרױ, אז זי ציטערט װירקליך דעם דאלאר צו ספענדען, אױס מורא טאמער חלילה װעט איהר אויסקומען הײנט, מארגען געהען בעטלען ער־געץ א שטיקעל ברױט.

און װען זי ספענדט שױן דעם שװער־געקראגענעם דאלאר, האט זי דערפון קײן הנאה ניט, איבער די שװערע שטײנער װאס דער מאן האט איהר אנגעלעגט אויף׳ן הארצען, אײדער ער האט איהר דאס געלד געגעבען.

אזא מאן, וועלכער איז האלב מענש און האלב חיה, צו־קאָרג פאר דער פרוי און צו־מילד פאר זיך, איז א סם־המות אין א הויז. און אז וועה איז צו דער פרוי, וועלכע מוז מיט אזא מאן דורכ־ קומען איהר וועלט !

ער איז ערגער פון א מערדער, ווייל אין דער צייט ווען ער זיצט איבער א פינאקעל און ווארפט מיט די דאלארס ווי מיט שפענדלעך, זיצט דארט ביי זיך אין הויז די פרוי און בעדויערט איהר מאן וועלכער מוז אזוי שווער און ביטער ארבייטען, און מאכט אפילו ניט גענוג געלד צופריעדענצושטעלען זיין פאמיליע. זי איז ביי זיך זיכער אז ווען ער זאל נור קענען, וואלט ער געוויס איהר געגעבען די הוצאה מיט מעהר חשק און מיט ווענינער לעק־ טשורס ; מסתמא — טראכט זי זיך — קומט איהם אן זעהר שווער א לעבען צו מאכען פאר איהר מיט די קינדער, און וועהרענד זי בעדויערט איהם מיט אזוי פיעל מיטלייד פון איהר טיעפער נשמה, שטעהט ער דאן ערגעץ אין א רייכען סאלון, וואוהין ער האט גע־ לאדען גוטע ברידער אויף „א טרונק" און ספענדט דארט, גאר אהן לעקטשורס, שווערע דאלארס, א סך מעהר וויפיעל ער גיט דער פאמיליע צום לעבען אויף א גאנצע וואך.

אזא מאן איז א קללה פאר א פאמיליען לעבען. זיין גאנצע גוטסקייט אין גאס האט פונקט אזא ווערטה ווי די גוטסקייט פון א גענגסטער, וואס פריהער שיעסט ער א מענשען אום צו קריעגען דערפאר הונדערט דאלאר, און נאכהער פערספענדט ער די זעלבע הונדערט דאלאר מיט גוטע ברידער אין איין נאכט, מען זאל זאגען אז ער איז „א גוד־באי".

א ריכטיגער מאן טהוט בעסער די גאנצע קארגשאפט איז סטריט און די ברייטהערציגקייט צייגט ער זיין פרוי און קינדער.

די גמרא זאגט : מאי עושה צדקה בכל עת ? ווער איז דער יעניגער וואס טהוט צדקה אין אלע צייטען ? זה המפרנס אשתו ובניו. דער וואס שפייזט ריכטיג זיין פרוי און קינדער.

ווייב און קינדער דארפען אימער קומען ערשט — נאכהער ערשט זיי א גוטער צו לייטען אויב דו קענסט.

טשאריטי בעגינס עט האום. טשאריטי, גוטהערציגקייט, צדקה, פאנגט זיך אן אין דער היים, דאס מיינט די היים קומט פריהער.

אלעס הייסט א דזשענטעלמאן ביי לייטען

איך האב ערהאלטען א בריעף פון א שיקאגא׳ער אידען, וועל־כער איז אויף מיר להרוג ולאבד, דערפאר וואס איך זאג, אז פרויען זיינען אין אלע הינזיכטען אזעלכע פיינע מענשען ווי מע־נער, און אז מעהרסטענטהיילס בעזיצען נאך פרויען פיעל נא־בעלערע כאראקטערע ווי מענער.

„איך וואלט א בעלן געווען, שרייבט ער, איהר זאלט האבען אזא שלאק א ווייב ווי איך האב, וואלטען מיר דאן געזעהן אויב איהר וואלט אויך געשריעבען אזעלכע האניג־זיסע ווערטער פאר פרויען.״

„איך בין א מאן פון א יאהר פינף און דרייסיג, ארבייט קור־צע שטונדען, מאך גוטע ווייגעס, און בין געזונד און שטארק אויף אלע אברים. מיין נאטור איז פון אייביג אן זיך פיין צו קליי־דען און אויסזעהען ווי א מענש צווישען לייטען. איך האב מיין ווייב ניט פיינד און גלייך מיינע קינדער, אבער מען איז דאך א לעבעדיגער מענש, האב איך ליעב צו פערברענגען אין געזעלשאפט. פאר וואס ניט? אזוי ווי מיין ארבייט איז אזעלכע וואס ערלויבט מיר צו אויפשטעהען שפעט, ווייל איך געה יעדען טאג ערשט איינס אזייגער צו דער ארבייט, קען איך מיר נאטירליך אמאל ער־לויבען צו געהען אין א טהעאטער ביינאכט און אמאל פערברענגען שפעט אין אבענד ביי א גוטען ברודער — דאכט זיך וואס פיר

שלעכטעס טהו איך דערמיט מיין פרוי ? וואָס שאַדט עס איהר, אז איך קום אַביסעל שפּעטער ? גאָט צו דאַנקען קיין געלד אויף דער הוצאה פעהלט איהר ניט, הײַנט מיט וואָס פאַר אַ רעכט ערלויבט זי זיך מיר צו פערפינסטערען מיינע יונגע יאָהרען, זי האָט צו מיר טענות, גלייך ווי זי האָט צו מיר דערלעגט דעם טאַטען׳ס ירושה.

וועל, מיין טהייערער שיקאַגאָ׳ער איד, איך בין אייער ווייב ניט מקנא. ווי איך פערשטעה פון אייער שרייבען איז נעבאך אַז אַך־און־וועה צו איהרע יאָהרען, וואָס זי איז אַנגעקומען צו אייך פאַר אַ פרוי. איך זעה פאַר מיינע אויגעןביידע בילדער — דאָס בילד פון אייער פרוי און דאָס בילד פון אייך — איהר געהט אַרום אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָניג, קומט אַריין אין פערשיעדענע הייזער און זינגט, און טאַנצט, און לעבט אַ גוטען טאָג, און רעכענט ביי זיך אַז איהר זייט נאָך אַ צדיק וואָס איהר גיט אייער ווייב אויף דער הוצאה אַנצוגרייטען עסען פאַר אייך און פאַר אייערע קינדער.

אה, וואָס פאַר אַ טובה ? אַ קלייניגקייט ! ער גיט דער ווייב אויף דער הוצאה ! קומט איהם ניט דערפאַר אַ קניפּ אין בעקעל ?!.

כאָטש איך קען ניט אייער פרוי, מיין ליעבער שיקאַגאָ׳ער איד, פון דעסטוועגען קען איך מיר פאָרשטעלען איהר בילד ווי עס שטעהט מיר פאַר די אויגען. זי איז מאָגער און שוואַך פון קינדער האָבען און קינדער אָטענדען. אַנשטאָט צו געהן פערפּוצט ווי איהר, און אַרומצוגעהען צו גאָסט פערברענגען, ווי איהר טהוט אין די פּיעלע ליידיגע שטונדען, וואָס אייך בלייבט אין טאָג, געהט זי אַרום דעם גאַנצען טאָג מיט׳ן פאַרטוך און מיט׳ן ברום, און עס בלייבט איהר ניט קיין מינוט ליידיגע צייט אפילו פריי אויפצואָטהעמען. וועהרענד איהר אַרבייט פון איינס ביז זיבען אָדער ביז אַכט, אַרבייט אייער פרוי פון זעקס אין דער פריה ביז צוועלף ביי נאַכט, און ווערט נאָך ניט פערטיג מיט איהר גאַנצע אַרבייט. אין דער פריה דאַרף זי וואַהרשיינליך אַרויס׳פּטר׳ען די קינדער צו סקוהל, דאַן דאַרף מען אַביסעל אויפראַמען דאָס הויז,

עפּעס פעררינכטעו פאַר זיך, פאַר אײך און פאַר די קינדער, דאַן פאַנגט זיך אָן אַ סדרה פון דינער. פון סאַפּער, אײן קינד קומט פערשמיערט דאַרף מען עס אַרומוואַשען, בײ אַ צװײטען רײסט זיך אָב אַ קנעפּעל דאַרף מען עס צונעהען, הײנט געהט אײן טאַג אװעק מיט װאַשען, אַ צװײטער טאַג מיט ביגלען — און זי האָט ניט קײן צײט אַפּילו אַ גלאַז טהעע צו טרינקען, האָט ניט װער עס זאָל אַכטונג געבען אין הויז אויף די קינדער װעהרענד זי כאַפּט זיך אַרױס אױף אַ װײלע אין גראָסערי אָדער אין בוטשער סטאָר, און דערפאַר װאָס איהר העלפט איהר ניט פון דאַנען אַהער, און דערפאַר װאָס זי מאַטערט זיך און צוריסט זיך אויף צעהן שטיק, װעהרענד איהר זיצט זיך צו־לעגט בײ אַ גוטען ברודער און שפּילט בהרחבה אַ פּינאָקעל, אָדער איהר געהט גאָר זעהן אַ „סענטשורי גױרל“ און קלײבט נחת פון די מײדלאך װאָס געהען אָנגעטהאָן אין טלית־קטן׳ס, דער פאַר קומט איהר נאָך אַלס אַ דאַנק זי צו בעלײדיגען, אַז זי איז אַ שלאַק, אַן ארורה, אַז זי לאָזט אײך ניט לעבען, און איהר מישטײנס געזאָגט, זײנט נאָך דער צדיק, דער דזשענטעל־מאַן, װאָס איז ? איהר גיט איהר אויף דער הוצאה ! ...

יאָ, מײן פײנער שיקאַגאָ׳ער דזשענטעלמאַן, איך בין אײער פרוי ניט מקנא — טראָטץ דעם װאָס איהר גיט איהר אויף דער הוצאה. װען זי װאָלט זײן אַ דיענסט בײ יעמאַנדען, און דיענען אַזױ טרײ װי זי דיענט אײך, װאָלט זי געקראָגען אַ סך מעהר געלד און מעהר אַנערקענונג װי זי קריעגט פון אײך...

פון דער ליעבע שעפּט די פרוי איהר עדלען כאַראַקטער. פאַר דעם װעמען זי ליעבט איז זי מילד װי אַ טױב; פרום װי אַ הײליגע; צו רעטען איהם פון אַ געפאַהר, קריגט איהר זאַנפטער געמיטה דעם שאַרפזינן פון אַ שלאַנג. און איהר שװאַכע האַרץ בעקומט דעם מוטה פון אַ לײב.

זאָלאַ.

עס קומט איהם נאָך ארוים!

צווישען די פיעלע בריעף וואָס איך האָב ערהאַלטען וועגען פאַמיליען אנגעלעגענהייט האָט מיך בעזאָנדערס אינטערעסירט איין קורצער בריעף, געשריעבען קענטיג פון א געגאָסע, וועלכער גלויבט אין פרייע ליעבע.

„ווערטהער הערר מאַליץ, שרייבט דער איד, וועהרענד איהר זיינט א גוטער מליץ יושר פאַר ווייבער, פערגעסט איהר צו דער־זעלבער צייט, אַז ס'איז דאָ ליעבע אויף דער וועלט, און אַז עס זיינען דאָ צייטען, ווען דער מאַן קען זיך ניט קאָנטראָלירען. ליעבע איז פריי, ווייסט ניט פון חשבון און פון יושר, און ווען איך האָב א ווייב א נערוועזע חורבה, קען קיין געזעצע מיך ניט צווינגען איך זאָל מפקיר זיין מיין גאַנצען לעבען צוליעב איהר. אַלע וואָס קענען מיך, וועלען אייך עדות זאָגען, אַז איך בין א „גוטער מענש”, די איינציגע וועלכע האָט צו מיר אימער טענות, איז נור מיין פרוי, און אייך צו פערדאַנקען, האָב איך נאָך פון איהר יעצט מעהר אַבגעשניטענע יאָהר ווי פריהער. באַלד עפּעס, רוקט זי מיר אונטער אייערע שרייבערייען.”

דיעזער בריעף איז מיר אַנגעקומען פון א אידען, וועלכער גיט אַן זיין נאָמען און אדרעס, נור איך וועל בעסער דעם נאָמען ניט שרייבען, ווייל איך וועל איהם דאָ נעהמען אויף'ן ביינקעל, און ארונטעררייסען פון איהם די גאַנצע מאַסקע, אַזוי אַז אפילו ער אַליין וועט אויך אויפהערען גלויבען אַז ער איז א „גוטער מענש”.

מיר האבען שוין אז אלטען כלל, אז די מעהרסטע גוטע מענ־שען זיינען שלעכטע מענער. איהר מעגט פאר אנדערע זיין ניט אזוי גוט און זיים בעסער א גוטער מאן צו אייער פרוי.

עס זיינען דא א סך אזעלכע מענער ווי איהר, מר. פרייליבסקי, וואס ווען זיי קומען אין געזעלשאפט פון אנדערע פרויען, זיינען זיי גוט, ליעבליך און וויציג; עס ווערט פרעהלאך אין יעדען ווינקעלע, ווען זיי קומען נור אריין, און די זעלבע קנאקערס ווען זיי קומען אהיים צו זייערע אייגענע פרויען, צו זייערע אייגענע פאמיליען, געהען זיי ארום מיט ארונטערגעלאזענע נעזער, אר־מעדיג, מרה־שחורה׳דיג מיט פערוואלקענטע געזיכטער, און ווע־רען, מישטיינס געזאגט אזוי ערענסט ווי דזשאדזשעס ביי א מארד טריעל, זיי זשאלעווען א שמייכעל ביי זיך אין הויז, טאמער וועט חלילה דערפון די אייגענע ווייב אויך הנאה האבען.

מיר קענען אייך, מר. פרייליבסקי, עס זיינען דא א היבשע ביסעל אזעלכע מענער ווי איהר, אבער וואס האט איהר זיך נאך צוגעטשעפעט צו דער אונגליקליכער ליעבע ? וואס קומט איהר נאך רעדען אין נאמען פון ליעבע, מישטיינס געזאגט ?

איהר האט דאך וואהרשיינליך אמאל געבלאפט אייער פרוי אויך און האט איהר געזאגט, אז איהר ליעבט זי: נאטירליך דאס איז געוועזען אמאל ווען זי איז נאך געוועזען יונג און, שעהן, פריש און געזונד. ערשט נאכדעם ווען איהר האט פון איהר געמאכט א צובראכענעם שארבען, האט איהר זיך ארומגעזעהען, אז פרייע ליעבע איז א טהייערע זאך, און אז א מאן קען זיך ניט קאנ־טראלירען ?

איך וואלט זעהר געוואלט וויסען וואס איהר וואלט געזאגט, ווען די זעלבע זאך וואלט זיין פערקעהרט, ווען איהר זאלט זיין קראנק און צובראכען פון ארבייטען אונערמיעדליך און טריי פאר אייער ווייב און קינדער, און אייער ווייב זאל מיט אמאל ארויס־קומען מיט לשון און זאגען: „וועל, מיין מאן, פערגעס ניט, אז ס׳איז דא ליעבע אויף דער וועלט, און אז עס זיינען דא ציימען, ווען די פרוי קען זיך ניט קאנטראלירען, ליעבע איז פריי, ליעבע

ווייסט ניט פון חשבון און פון יושר. און ווען איך האָב אַ מאַן אַ „נערוועזע חורבה“ קען קיין געזעץ מיך ניט צווינגען צו מפקיר זיין מיין לעבען צוליעב איהם! איך וואָלט זעהר געוואָלט הע־רען וואָס פאַר דבורים איהר וואָלט דאַן גערעדט, מר. פרייליבסקי. איך בין זיכער, אַז איהר וואָלט געמאַכט גוואַלדען ביז אונטערען הימעל, און וואָלט געשריען, אַז איהר האָט די ערגסטע פרוי אין דער וועלט, ווען זי זאָל אפילו קומען מיט הונדערטע הסכמות פון אנדערע אז זי איז אַ „גוטער מענש“.

פערקעהרט די הסכמות וואָלטען נאָך ערגער געמאַכט, און דאָס זעלבע מאַכט אייך נאָך טויזענד מאָל ערגער. דאָס וואָס איהר ברענגט אָלס בעווייז, אַז אַלע זאָגען אויף אייך אַז איהר זיינט אַ „גוטער“, בלויז אייער ווייב, די איינציגע וועלכע האָט דעם גרויסען אונגליק אייך גוט צו קענען, בלויז זי זאָגט אייך דעם אמת, ווער און וואָס איהר זיינט.

עס איז פאַר אייך ניט גענוג וואָס איהר האָט פון איהר אוועק־גענומען איהרע פערגעניגען פון לעבען. איהר גאַנצע מענשעון־ווערדע, און איהרע כחות וואָס זי האָט צו אייך געבראַכט, וואָלט איהר נאָך וועלען זי זאָל בלייבען אָהן לשון און זאָל אייך אַ וואָרט ניט זאָגען!

קיין מלאכים, ברודער, דרעהען זיך אויף דער וועלט ניט אַרום. אַפילו אויף אַ קאַטשערע אַז מען טרעט אַן שלאָגט זי אויך צוריק. וויפיעל קען דען אַ מענש דולדען און שווייגען? איך בין מעהר ווי זיכער, אַז זי איז ניט געקומען צו אייך אַ נערוועזע חורבה דאָס האָט איהר פון איהר געמאַכט.

כאָטש איך וויים ניט ווער און וואָס איהר זיינט, פון דעסט־וועגען קען איך פון אייער קורצען בריוועלע, אייך דאָ געבען דעם גאַנצען רעקאָרד, ווי אַזוי איהר האָט אימער בעהאַנדעלט אייער ווייב, און וואָס עס האָט זי געבראַכט צו ווערען אַ נערוועזע חורבה, ווי איהר רופט זי יעצט.

קודם האָט איהר זי גאַר קיינמאָל ניט געליעבט ריכטיג; איהר ווייסט גאַר ניט וואָס ליעבע איז, איהר פאַרט צוזאַמען ליעבע

מיט זינד, אדער בעסער געזאגט, זינד רופט איהר ליעבע. און אזוי שנעל ווי איהר האט מיט אייער פרוי געהייראטה, און עס איז געווארען אויס זינד, האט זיך באלד אויסגעלאזט אייער ליעבע.

צווייטענס בין איך זיכער, אז איהר האט ביי יעדער געלע־גענהייט געזוכט פערשיעדענע פריטשעפקעס איהר זאלט זיך קע־נען מיט אייער פרוי צוקריגען, אום איהר זאלט קענען א קלאפ טהון מיט דער טהיר און אוועקגעהן לעבען א גוטען טאג מיט חברה, וואו מען האלט אייך פאר א „גוטען מענשען" און עס האט אייך ניט אנגעהויבען וועה טהאן דאס הארץ וואס די פרוי איז געבליעבען אליין, און האט זיך געערגערט, געוויינט און געקלאגט. די אלע שטונדען אין וועלכע איהר זיינט געזעסען צווישען בעקאנטע און האט זיך געוויצעלט און זאגאר געטרייעט אויסצומיידען מען זאל וויסען אז איהר האט א ווייב, וואס זי זיצט און קלאגט אויף איהר ביטערען מזל.

דריטעס בין איך זיכער אז ווען איהר האט געהאט א קליינע בייבי אין הויז און די בייבי האט געוויינט ביי נאכט זיינט איהר קיינמאל ניט אויפגעשטאנען שטילערהייד די בייבי איינצושלע־פערען אום אייער פרוי זאל ווי עס איז כאפען א דרעמעל, נור איהר האט געווארטשעט און אפט מאל געשריען אויף קולות: העי, דו! שטעה אויף, דאס קינד לאזט מיך ניט שלאפען!

ואחרי ככלות הכל בין איך נאך ניט זיכער, אין אייער גאנצע גוטסקייט. טראכט דעם, וואס פרעמדע זאגען אויף אייך אז איהר זייט א גוטער, צווייפעל איך נאך שטארק, אויב איהר האט אייער פרוי געגעבען נענוג אויף דער הוצאה, ביי מיר איז רעכט צו גלויבען, אז איהר האט זיך אין פאקעט איבערגעלאזט מעהר געלד אויף „ספענדינג מאני", ווי איהר האט דער פרוי געגעבען אויף דער הוצאה, און פערלאנגט האט איהר גראדע פון איהר זי זאל אייך דערלאנגען צום טיש אלע גוטע זאכען.

דאס קורצע בריוועלע דערצעהלט מיר גאנצע ימים מיט סודות. איך וויל אלעס ניט שרייבען, מאנכע זאכען פאסט ניט צו שרייבען, אבער דאס וואס איך האב דא געזאגט, איז גענוג מען זאל בער־

גרייפען די ריכטיגע אורזאכע ווארום אייערע אונגליקליכע פרוי איז געווארען א נערוועזע חורבה...

א קלאג איז נעבאך צו דער פרוי, וועלכע פאלט אריין אין די הענד פון אזא מאן ווי איהר מר. פריליבסקי!...

וועט עס א פרוי טהאן?

איינער, א געוויסער מר. עפעלבוים פון סט. לואיס, שרייבט מיר, אז די פרויען פערדיענען גאר ניט אזעלכע שבחים ווי איך גיעב זיי אין מיינע ארטיקלען, און אז אלס א כלל זיינען די פרויען א סך ערגער ווי די מענער אין אלע הינזיכטען. אלס א ביישפיעל ברענגט ער מיר א פאקט פון א פרוי וועלכע האט איבערגעלאזט א מאן מיט דריי קליינע קינדער און איז אנטלאפען מיט א סיילס-מאן.

וועלל, געווים איז עס אן אונרעכט און אן אנשטענדיגע אי-דישע מאכטער וועט עס ניט טהאן.

אבער מר. עפעלבוים וועט דאך צוגעבען אז די גאלערי פון פער-שווואונדענע מענער איז א סך גרעסער ווי די גאלערי פון פער-שווואונדענע פרויען. און איך בין מעהר ווי זיכער, אז ווען א פרוי טהוט שוין אמאל אזא זאך איז עס 99 פראצענט די שולד פון איהר מאן. יעדענפאלס האט מר. עפעלבוים קיין רעכט ניט דערפון צו ציהען שליעסע, אז פרויען זיינען ערגער פון מענער אין „אלע” הינזיכטען. ווייל גראדע אין דער הינזיכט וואס ער ברענגט אלס ביישפיעל, ווייסען אלע אז מיר האבען הונדערטע און הונדערטע עגונות אין לאנד. אונגליקליכע פרויען און קינ-

סקראבען פלאָרס, וואשען וועש, און ארבייטען עבודת פרך צו שפייזען זיך און זייערע לעבעדיגע יתומים, ווערענד פערלאזענע מענער זיינען דא זעהר, זעהר ווענינ.

ביי אייך אין סט. לואיס אליין זיינען מסתמא דא אזעלכע עגונות א פאאר צעהנדליג און בלויז אן איינצעלנער פאל, וואו עס איז געווען גראדע פערקעהרט ווי עס פיהרט זיך, אז אנשטאדט ער זאל זי פערלאזען, האט זי איהם פערלאזען. זעהט איהר, איך האב אייך צו דערצעהלען א פאקט, וואס א מאן האט געטהאן, וועט איהר אליין צוגעבען, אז קיין פרוי אין דער וועלט, מעג זי זיין די ערגסטע, וועט זי אזא פערברעכען ניט בעגעהן.

עס האט פאסירט מיט פינף און צוואנציג יאהר צוריק אין פילאדעלפיא. דער רב בראדסקי, וועלכער איז יעצט רב אין נו־ארק, ניו דזשוירזי, איז דאן געווען רב אין פילאדעלפיא, און איך בין געווען דער רעדאקטאר פון א וועכענטליכע צייטונג מיט'ן נאמען „פילאדעלפיער שטאדט צייטונג". איינמאל, אין א שעה־נעם פריהמארגען, קומט אריין דער רב בראדסקי צו מיר און דער־צעהלט מיר, אז ער האט אויסגעפונען א שרעקליכען פערברעכען וואס א מאן האט בעגאנגען געגען זיין פרוי, א גרינע, וועלכע איז ניט לאנג צוריק געקומען פון יוראפ. ער האט זי איבערגעגע־בען אין דול הויז, ווערענד זי איז פאלשטענדיג געזונד און ביי איהר פולען פערשטאנד.

מיר האבען אנגעפאנגען די זאך גוט חוקר ודורש זיין און אט וואס עס האט זיך ארויסגעצייגט:

דער יונגער מאן פון דער פרוי, וועלכע איז געווען אנגעשפארט אין דול הויז, איז געקומען אין פילאדעלפיא אליין, אהן דער פרוי. זי איז געווען זעהר אן אנשטענדיגע ווייבעל. ווען ער האט אין רוסלאנד קיין לעבען ניט געקענט מאכען, און האט נאך גע־דארפט דערצו זיך שטעלען צום פריזיוו, האט די ווייב אראבגע־נומען פון זיך איהר ציערונג, האט עס פערקויפט און אוועקגעגע־בען דעם מאן דאס געלד, ער זאל פאהרען קיין אמעריקא, און ווען גאט וועט איהם העלפען ער וועט אנפאנגען פערדיענען און

מאכען א לעבען זאל ער נאך איהר שיקען, און זי וועט דערוויילע זיין ביי איהרע עלטערען. אויב איך האב קיין מעות נים, איז איהר פאטער געווען א רב, אדער א שוחט, איך געדענק שוין נים גענוי, איך ווייס נור אז ער איז געווען פון די אנשים נכבדים אין זיין שטעדטעל.

דער יונגער מאן האט ביי דער ווייב גענומען דאס געלד, איז בשלום געקומען קיין אמעריקא, האט זיך בעזעצט אין פילאדעלפיא און האט אנגעפאנגען מאכען א לעבען.

אבער אנשטאט צו איין זינען האבען אז ער האט אין דער היים א פרוי, האט ער אנגעהויבען זוכען מיידלאך אין פילאדעלפיא, און ווי זאגט מען עפעס יגעתי — מצאתי, אז מען זוכט געפינט מען; ער האט געקראגען א שעהנע מיידעל, און ווען ער איז שוין געווען גרייט מיט איהר צו הייראטהען, האט איהם מיט אמאל די שיף געבראכט אן אונגליק, זיין ווייב איז געקומען אומגעריכט. ער האט דאן קיין אנדער ברירה נים געהאט, ער האט געמוזט נעהמען רומס און געהן וואהנען מיט זיין פרוי. און ווי אן אשמדאי האט ער גענומען זוכען פערשיעדענע וועגען ווי פון איהר פטור צו ווערען.

קודם האט ער זי איינגעשפארט אין די רומס און פלעגט איהר זאגען זי זאל נים וואגען ארונטערצוגעהן, ווייל אמעריקא איז א מדינה וואו מען הרג'עט מענשען אין די גאסען. זי, א גרינע, נור וואס פון שיף, א ווייבעל וועלכע איז אויף איהר לעבען פון איהר קליינע שטעדטעל אין ערגעץ נים ארויסגעפאהרען, האט איהם געגלויבט, און איז שטענדיג אין הויז געזעסען. ער פלעגט אליין געהען אין גראסערי, צום בוטשער, און האט לאנג־זאם אבער דייטליך בעקאנט געמאכט צווישען מענשען, אז זיין פרוי איז משוגע, זי האט מורא ארונטערצוגעהן אין סטרים.

איינמאל אין א זונטאג האט ער גענומען די ווייב און זאגט איהר: — קום מיר וועלען זיך אביסעל דורכפאהרען אין פערמאונט פארק.

עס איז געווען ארום אכט אזייגער פאר נאכט. אין דרויסען איז געווען כמארנע. דער הימעל איז געווען בעדעקט מיט שווארצע וואלקענס. און דער מאן פיהרט די ווייב אין פארק אריין האבען פערגעניגען...

קומענדיג אין פארק, האט ער געפונען א באנק אין אן אב־געזונדערטען ווינקעל, וואו מען זעהט קיין לעבעדיגען נפש. און דארט האט ער די ווייב אוועקגעזעצט און זאגט איהר:

— גיעב מיר, מיין ווייב, א שוך דיינעם. און איך וועל דא צולויפען און דיר קויפען א פאאר נייע שיך. דעם שוך דארף איך האבען דער שוסטער זאל וויסען די מאס. פינף מינוט ביז איך דא צוריק.

זי האט נעבאך קיין זאך ניט חושד געווען, האט אויסגעטהאן א שוך און איהם דערלאנגט. און מיין בחור איז אוועק אין שטאדט אריין איז גלייך אוועק אין פאליס סטיישאן פון זיין דיסטריקט און מעלדעט, אז היות אזוי ווי זיין ווייב איז משוגע, און איז ערגעץ אוועק מיט איין שוך, האט ער זעהר יסורים, על כן מעלדעט ער עס דער פאליציי.

יעצט וועלען מיר לאזען דעם תכשיט אליין און וועלען געהן זעהן וואס פון דער פרוי איז אין פארק געווארען.

זי איז געזעסען און געווארט און געווארט אויף'ן מאן מיט די נייע שיך, און אין קול ואין קשב. עס איז פאריבער א שטונדע, צוויי, געהן קען זי ניט אין איין שוך, און עס איז איהר אויס־געקומען אז זי געפינט זיך אין א פוסטען וואלד. זי איז שיער ניט געשטארבען פון שרעק. אזוווי אויף להכעים האבען זיך אלע פענסטער פון הימעל געעפענט, און עס האט שרעקליך געדונערט, געדאנערט און געבליצט. זי האט ביטער געוויינט, געקלאגט, גע־יאמערט, דער רעגען האט זי דורכגענעצט ביז דער נשמה, און זי איז ענדליך אין אונמאכט געפאלען.

פאר־טאג איז פערבייגעגאנגען א פאליסמאן און דערזעהט ווי א פרוי ליעגט מיט איין שוך. מסתמא איז עס א באמערקע, ער האט איהר דערלאנגט א פאאר גוטע קלעפ מיט'ן קלאב, און ווען

זי האט ערוואכט א צוקאליעטשעטע פון די קלעפ און האט אנגע־הויבען שטאמלען א שפראך וואס ער ווייס ניט. האט ער זי אב־געשיקט אין פאלים סטיישאן. דארט איז שוין געווען דעם מאן'ס אלארם אז זיין ווייב, א משוגע'נע, איז ערגעץ פערשוואונדען געווא־רען אין איין שוך. נאטירליך האט מען זי שנעל געכאפט און אב־געשיקט אין האספיטאל און פון דארט אין דול הויז.

דער סוף איז געווען אז מיר האבען די פרוי געראטעוועט. מיר האבען זי ארויסגענומען פון דול הויז, און האבען איהר געהאלפען זי זאל קענען אוועקפאהרען צוריק צו איהרע עלטערען. עס האט זיך ארויסגעצייגט אז זי איז געווען זעהר א פיינע, נאבעלע אידישע טאכטער, העכסט געבילדעט אין אידיש און אין רוסיש. גאנץ פי־לאדעלפיא האט דאן געקאכט און געשטורמט מיט דער געשיכטע.

יעצט פרעג איך אייך מר. עפעלבוים פון סט. לואיס, זאגט דעם אמת, גלויבט איהר אז ס'איז דא איין אידישע פרוי אין דער גאנצער וועלט, וואס וואלט טהאן אזא זאך, ווען זי זאל אפילו טויזענד מאל פיינד האבען איהר מאן?

דאס אליין איז גענוג אייך צו צייגען ווי פאלש אייער בע־הויפטונג איז אז פרויען זיינען ערגער ווי מענער.

גלייבט איהר צו לעבען? דאן פערלירט ניט קיין צייט. ווייל דאס איז דער שטאף פון וואס לעבען איז געמאכט.

ערצבישאפ והייטלי.

צייט איז דער איינציגער ריכטיגער דיסטריקט אטוירני וואס עקזאמינירט עהרליך אלע פערברעכער.

שעקספיער.

אידישע פרויען און אידישע צדקה

ווינטער צייט, ווען די טעג ווערען קליין און די נעכט גרויס, פאנגען אן די לאדזשען און סאסייעטי מיטינגען בעסער בעזוכט צו ווערען. מענשען קומען זיך צוזאמען יעדע וואך. אדער איינמאל אין צוויי וואכען, און מען טהוט פערשיעדענע גוטע ארבייט פאר אייגענע מיטגליעדער און אויך פאר פערשיעדענע טשאריטי אינסטיטושאנס, וואס ווערען אויסגעהאלטען דורך דאנייטשאנס פון סאסייעטיס און יחידים, און פון פערשיעדענע אונטערנעהמונגען וואס ווערען געמאכט מיט'ן צוועק צו שאפען שטיצע פאר אונגליקליכע וואס קענען זיך אליין ניט העלפען.

דיעזע אידישע מיטינגס טהוען אויף זעהר פיעל אויפצוהאלטען דעם נאמען פון אידישע צדקה, אבער די גרעסטע לויב דאפיר קומט די נאבעלע אידישע טעכטער, וואס ברעכען זייערע פיס, נאכטאיין נאכט אויס, און געהן ארום פון איין מיטינג לאקאל צום צווייטען, און פון איין פלאר צום אנדערען, פערקויפען טהעאטער טיקעטס, אדער באל טיקעטס פאר פערשיעדענע וויכטיגע טשאריטי אינסטיטושאנס.

אלל־רעספעקט פאר דיעזע פרויען! זיי זיינען די מלאכים וואס גאט האט אויף דער ערד ארונטערגעשיקט צו פערלייכטערען מענשליכע שמערצען!

דיעזע פרויען דארפען איבעראל עמפפאנגען ווערען מיט עהרע: זיי נעהמען ניט קיין געלד פאר ברעכען זייערע פיס, און פאר קלעטערען אויף די סטעפס פינף נעכט אין דער וואך, זיי טהוען עס אויס ריכטיגע מענשען־ליעבע. זיי קענען ניט זעהען דעם צער פון עלענדע און אונגליקליכע, זיי בעזיצען בריליאנטענע הערצער

און גאלדענע נשמות. און די יעניגע פאסייעטי וואס פערשליעסט פאר אזעלכע נאבעלע דאמען די טהירען און לאזט זיי ניט אריין, בעגעהט א פערברעכען געגען גאנצען אידישען פאלק. ווייל דיעזע אידישע טעכטער זיינען עס די טרעגער פון דער אלטער אידישער פאהן, וואס טראגט אויף זיך דעם אויפשריפט: „ישראל רחמנים בני רחמנים".

א פרוי פון א וואהלהאבענדען ביזנעסמאן, א אידישע טאכ־טער. וועלכע פיהלט דעם זיפץ פון ארעמאן און ווענדעט אן אלע מעגליכקייט זיין הונגער צו שטילען און זיינע שמערצען צו פער־לייכטערען, האט זיך אמאל פאר מיר זעהר שטארק בעקלאגט אויף די מענער וואס שלאגען אפט אראב די פרויען פון זייער מוטה און זיי מוזען זיך צוריקציהען פון טהאן גוטע צדקה ארבייט, נור ווייל מען פערשטעהט ניט זייער ארבייט צו שעצען. „אמת טאקע שרייבט זי, זיי פאדערען פון קיינעם ניט קיין דאנק ניט פאר זייער גוטע ארבייט, זיי טהוען אלעם לשם מצוה, אבער בעליי־דיגט ווערען וויל קיינער ניט. און עס זיינען דא מאנכע מענער אין סאסייעטים, וואס אנשטאט צו עמפפאנגען פרויען קאמיטעט בסבר פנים יפות, לאזט מען זיי שטעהן הינטער דער טהיר שטונ־דען לאנג, און מאנכעס מאל טהוט זיי נאך דער אינערוואכע א שטופ צוריק פון דער טהיר ווי די פרויען קאמיטע וואלט עס בע־שטעהען פון וואלד־גזלנים.

דיעזע פרוי האט פאלשטענדיג רעכט. זי זאגט די וואהרהייט. מאנכע לאדזשען און סאסייעטים בעגעהען זיך זעהר ניט פיין מיט פרויען קאמיטעס. און זיי ווילען גארניט וויסען דיעזע סאסייעטים, אז ווען דיעזע פרויען זאלען ניט אויפהאלטען קיין מושב זקנים קיין בית יתומים, קיין משכיל אל דל, קיין דעי נוירסערי, וואל־טען אלע לאדזשען מיטינגען אימער געשטערט געווארען, ווייל ביטערע ארמוטה זוכט שוין און געפינט פערשיעדענע מיטעל, און ווען די ארימע זקנים און אלמנות זאלען ניט געשיצט ווערען דורך דער גוטער ארבייט פון פרויען, וואלטען זיי אליין בעלאגערט אלע

מיטינג לאקאלס און וואלטען געבראכען די טהירען און געפאדערט שטיצע.

ארימע פערצווייפעלטע מענשען האבען ניט וואס מורא צו האבען און וואס איינצושטעלען, זיי וואלטען געווים צו אייך אליין געקומען ; צו יעדען מיטינג וואלט איהר געהאט אנדערע געסט, ווען ניט דיעזע גוטע נשמות וואס ארבייטען טריי און אונערמיעדליך פאר ארימע לייט און זעהען ווי ווייט מעגליך צו שטילען זייער הונגער און צו לינדערען זייערע שמערצען.

אלל־רעספעקט פאר דיעזע פרויען.

זיי זיינען די מלאכים, ארונטערגעשיקט אויף דער ערד, צו טהאן געטליכע ארבייט, שטויסט זיי ניט צוריק ! ווען זיי קומען צו אייערע מיטינג לאקאלס מיט א קרעדענשעל, סטאפט אלע פערהאנדלונגען און הייסט זיי גלייך אריינקומען, גיט זיי די דאניישאן, לויט אייער בעשטאנד, און טהוט עס מיט כבוד — דאס וועט זיי געבען קוראזש צו ארבייטען מיט מעהר איבערגעבענהייט פאר די וואס זיינען געשטראפט פון גאט מיט קראנקהייט אדער ארמוטה און מוזען אנקומען לידי מתנת בשר ודם.

שלעכטע מענער און שלעכטע פרויען

א געוויסער מר. דזשייקאב נעלסאן פון מילוואקי שרייבט מיר, אז ער ווייסט און איז „פאלשטענדיג איבערצייגט", אז פרויען זיינען ערגער פון מענער, ער האט אליין, זאגט ער, בייגעוואהנט א פאל וואו א פרוי האט איבערגעלאזט א קראנקען פאראליזירטען מאן מיט צוויי קינדער, האט אוועקגענומען די לעצטע זעכציג דאלאר, וואס דער קראנקער מאן האט פערמאגט, און איז אנטלאפען מיט א יונגען מאן נאך ארגענטינע.

װעל, מײן ליעבער מיסטער נעלסאָן, איך בין אויך פאָל־שטענדיג איינפערשטאַנען, אז די פרוי װאָס האָט געטהאָן אזא זאַך האָט בעגאַנגען אַ שװערען פערברעכען; אָבער איהר װעט דאָך אַליין צוגעבען, אז געגען דער איינער שלעכטער פרוי זיינען דאָ אָם װעניגסטען טויזענד שלעכטע מענער, װאָס טהוען אָב נאָך אַ סך ערגערע מעשים תעתועים.

כמעט יעדע עגונה איז אַ קראַנקע, און בלייבט מיט קינדער־לעך עלענד און פערלאָזען װי אויף'ן װאַסער. געװיס זיינען אויך דאָ שלעכטע פרויען, קיינער לייקענט עס ניט — אָבער זעהר, זעהר װעניג, װען מיר נעהמען זיי פערגלייכען מיט דער צאָהל פון שלעכטע מענער.

נאָך אַ זאַך, לויט איהר אַליין דערצעהלט, איז די פרוי אװעק מיט'ן יונגען מאַן נאָך ארגענטינע, װאו זי װעט װאַהרשיינליך פערברענגען אימער אַ פערברעכערישען, אויסגעלאַסענעם לעבען, און זי װעט זיך פיהלען אַלס אַזעלכע, זי װעט קיינמאָל מעהר זאָגאַר ניט פּרובירען צו קליימען, אז זי איז אַן אַנשטענדיגע, פיינע אידישע טאָכטער. זי װעט אימער פיהלען דעם פלעק אויף איהר נשמה! װעהרענד מענער װעלכע טהוען עהנליכע פערברע־כען װילען נאָך פיגורירען אין געזעלשאַפט אַלס פיינע מענשען, און פיהלען אַפילו ניט, אז זייער נשמה האָט אויף זיך די רויטע בלוטיגע פלעקען פון ערמאָרדען אייניגע נפשות. װען אַ מאַן פער־לאָזט אַן אָרימע אַ שװאַכע פרוי מיט קינדער, איז נאָך פיעל ער־גער װי ער װאָלט זי נעהמען און גלייך ערמאָרדען, עס איז אַ לאַנג־זאַמער, אַ גרויזאַמער, אַ ביטערער און אַ שענדליכער מאָרד.

איך װעל אין מײן לעבען ניט פערגעסען אַ סצענע, װאָס איך האָב אַמאָל בייגעװאָהנט אין פילאַדעלפיער הכנסת אורחים. אַ יונגע פרוי איז געקומען פון ריגא מיט אַ שעהן אינגעלע פון אַ יאָהר זעקס. זי איז געקומען זוכען איהר מאַן, װעלכער האָט איהר פער־לאָזען. זי האָט געהערט אז ער איז אין פילאַדעלפיא און אַלעס װאָס זי האָט געװאָלט, איז אַרויסצוקריגען פון איהם אַ גט,

זי זאל ניט בלייבען קיין פינסטערע עגונה אויף איהר גאנצען לע־בען.

איך אליין האב דאמאלס אויסגעפונען דעם תכשיט. עס איז געווען אין א זונטאג אין דער פריה. ווען איך בין ארייננעקו־מען צו איהם אין הויז, האט א יונגע פרוי מיט א בייבי אויף די הענד, מיר די טהיר געעפענט. אויף מיין פראגע אויב דא וואהנט אזא און אזא מאן, האט זי מיר געענטפערט אז יא, און אז זי איז זיין פרוי.

זי האט מיך געבעטען זיצען און ווארטען ביז דער מאן וועט אריינקומען פון דעם בארבער, וואו ער איז געגאנגען נעהמען א שייוו.

נאטירליך האב איך איהר ניט געזאגט דעם צוועק פון מיין קומען, און רעדענדיג מיט איהר, האב איך אויסגעפונען, אז זי איז נור וואס אויפגעשטאנען פון קימפעט, און אז זי איז א גאנץ עהרליכע און אנשטענדיגע פרוי ; זי האט מיט איהם געהיי־ראטה מיט צוויי יאהר צוריק, און ווי אן אמת'ע אידישע טאכטער, האט זי מיר געגומען דערצעהלען וואס פאר א גוטען מאן זי האט, אז ער איז שוין א פרעזידענט פון א לאדזש און א גאנצער כלל טהוער. די פרנסה איז אפילו ניט אין בעסטען, נור זי טרייעט אויסצוקומען מיט ווי פיעל איהר מאן פערדיענט, אבי ניט צו לייען און בארגען.

אזוי רעדענדיג איז איהר מאן, דער תכשיט, אנגעקומען.

איך האב איהם ניט געזאגט ווער איך בין, (איך בין דאן גע־ווען רעדאקטאר פון א פילאדעלפיער צייטונג) נור איך האב איהם געבעטען ער זאל מיט מיר אריינגעהן אין א צווייטען צימער אויף א פאאר מינוט, איך האב מיט איהם עפעס צו רעדען.

— פאר מיין ווייב איז קיין סודות ניטא ! האט ער מיר גלייך געענטפערט מיט א מאדנע ברייטקייט, אויב איהר האט מיר עפעס צו זאגען מעג עס מיין ווייב אויך הערען.

— עס איז אבער מיינער א סוד, האב איך געטרייעט זיך ארויסצודרעהען אוים מיטלייד צו זיין פרוי. טהוט מיר א פערזענ־

ליבע טובה, און קומט מיט מיר אריין אויף צוויי מינוט אין צוויי־טען צימער, בלויז א פאר ווערטער וויל איך אייך זאגען.

— ווי איהר ווילט זיך, האט ער געזאגט, אדער רעדט דא פאר מיין ווייב אין די אויגען, אדער געהט אייך געזונדערהייט, און זאגט מיר גאר־ניט, דאס וואס איך מעג וויסען, מעג מיין ווייב אויך וויסען. דאטס אלל

איך האב נאך געטרייעט א היבשע ווײלע איהם איבעררעדען נור אז איך האב געזעהען, אז עס העלפט ניט, באטש שריי חי וקים, האב איך זיך געמאכט קוראזש און האב איהם געזאגט:

— מיסטער לעבען, קומט מיט מיר אין הכנסת אורחים, אייער ווייב מיט אייער קינד זיינען געקומען פון ריגא.

און טאקע באלד האב איך חרטה געהאט אויף'ן גאנצען עסק. ווייל אין דעם אויגענבליק, וואס איך האב מיינע ווערטער ארויס־געלאזט פון מויל, האט די פרוי זיינע, א שוואכע בעשעפעניש, נור וואס פון קימפעט, אויסגעשריען מיט א יאמערליכע שטימע:

— גרויסער גאט! וואס הער איך?... מיין מאן האט נאך א פרוי?...

און דאס אונשולדיגע עופה'לע וואס איז נאך קיין צוויי וואכען ניט אלט געווען איז איהר פון די הענט ארויסגעפאלען, און זי האט פעווארפען דעם קאפ ארונטער און איז געבליעבען אין אונ־מאכט אויף'ן טשער, וואו זי איז געזעסען.

איך האב זיך פערשאלטען דאס געביין פאר מיין שליחות. איך האב אליין אויך געפיהלט ווי צו חלש'ען פון דיעזער שרעקליכער סצענע. אבער דער מאן האט גענומען א גלאז קאלטע וואסער, האט די פרוי ווי עס איז ערמונטערט, און האטאיהר געזאגט, אז דא מוז עפעס זיין א געפעהרליכער מיסטייק, ער האט אויף זיין לעבען ניט געהאט קיין אנדער ווייב, א סימן אט געהט ער אין הכנסת אורחים, און דער אמת וועט באלד ארויס ווי בוימעל אויף'ן וואסער.

אין טאקע באלד האט זיך דיר בחור אנגעטהאן און איז מיט מיר געגאנגען, דעם גאנצען וועג האב איך ווירקליך געדענקט,

אז עס קען זיין אז ער איז ניט ער. און דאס איך האב אומזיסט אזוי פיעל שמערצען פערשאפט א שוואכע פרוי.

ענדליך זיינען מיר געקומען אין הכנסת אורחים, אבער דארט האט זיך נאך אפגעשפיעלט א ריהרענדערע סצענע ווי ביים מאן אין דער היים.

צוזאמען מיט דער עגונה אויף א לאנגע באנק, זיינען געזעסען אייניגע פרויען פון די פיהרער פון הכנסת אורחים, וועלכע האבען איהר אויסגערעדט דאס הארץ, און נעבען איהר איז געשטאנען איהר אינגעלע אין נייעם סוטעל וואס די ווייבער פון הכנסת אורחים האבען איהם געקויפט, און האט געשיינט. ס'איז געווען א מערקווירדיגע שעהנע קינד.

אזוי שנעל ווי מיר זיינען אריינגעקומען, און די פרוי האט דערזעהען איהר מאן, איז זי געווארען אלערליי קאלירען, געל און גרין און בלוי, און איז צוגעלאפען צו איהם ריכטיג ווי א וואהנזיניגע, איז איהם ארויפגעפאלען אויף'ן האלדז מיט א היס־טערישען יאמער:

—מיין מאן! מיין מאן!

און ער — דער מאן — האט מיט א קאלטקייט פון א רוצח זיך ארויסגעריסען פון איהרע הענד און פרעגט ביי איהר געלאסען:

— ווער זיינט איהר, ליידי? איך זעה אייך דאס צום ערשטען מאל אין מיין לעבען!... איהר מוזט האבען א טעות!...

אבער די פרוי האט מיט ציטערענדע גליעדער א כאפ געטהאן דאס שעהנע אינגעלע אויף די הענד און האט אויסגעשריען מיט א שטימע וואס האט געקענט ריהרען א שטיין:

— גזלן! טהו א קוק אויף דיין קינד.

און דאן ערשט איז די פרוי אין אונמאכט געפאלען, און עס איז געווארען א ריכטיגער יום כפור אין רום. אלע האבען געוויינט, אויף דער פרוי קוקענדיג.

מילא די ענדע איז געווען אז דער בחור האט זיך מודה געווען און האט געקראגען א יאהר און א האלב פעניטענשערי, וועלכעס ער האט גאנץ כשר פערדיענט, אבער ניט דאס בין איך אוי...

איך וויל יעצט נור פרעגען ביי מר. נעלסאן פון מילוואקי, אויב ער קען מיר אנצייגען צווישען די אלע שלעכטע פרויען וואס ער ווייסט איין פרוי וועלכע זאל זיין אזא קאלטע מערדעריו, אזא פאלשע חיה, און נאך דערצו וועלען שפיעלען די ראליע פון אן אנשטענדיגען מענשען, זיין א פרעזידענט פון א לאדזש און א גאנצער כלל טהוער...

העלדינען פון ראמאנען און דראמאס

די אידישע ראמאנען שרייבער און די אידישע דראמאטורגען בעגעהען א גרויסען פעהלער דערמיט וואס זיי שטעלען ניט פאר אמאל א אידישע העלדין, ווי זי איז די אמת'ע עקרת הבית, און אטענדעט צו איהר מאן, צו איהרע קינדער און צו איהר הויז מיט אמת'ע טרייהייט און איבערגעבענהייט; א פרוי וועלכע פיהרט איהר הויז מוסטערהאפט ריין, שעהן, ציכטיג און עהרליך, און איז אימער ביזי מיט געבען איהרע קינדער א פיינע ערציהונג, פיינע ריינע קליידער צום אנטהאן, און נעהמט זיך נאך צייט אייניגע שטונדען אין וואך צו טהאן עטוואס פאר אינסטיטושאנס און פאר ארימע לייט. טראטץ דעם וואס איהר קומט פאר פיעלע שטערונגען, ווי עס פאסירט אפט מיט א פרוי, וועלכע האט א מאן א גאמבלער, אדער א שכור, וועלכער פערשטערט איהר די יאהרען; זי געהט זיך איהר וועג און זי בלייבט דאך די פיינע, עהרליכע און טרייע אידישע טאכטער, וועלכע איז מפקיר איהר לעבען צוליעב איהרע קינדער, און צוליעב דעם „מה יאמרו הבריות", וואס וועלען לייט זאגען?

אזעלכע טיפען, פון וועלכע מיר האבען זעהר פיעל צווישען אידישע טעכטער. וואלטען זעהר גוט געווירקט אויף מיידלעך און יונגע פרויען, זיי זאלען ביי א דורכפאל אין ליעבע זיך ניט כאפען שנעל צו מאכען סקאנדאלען.

אונזערע דראמאטורגען און ראמאנען שרייבער צייגען אונז אם מעהרסטען העלדינען, וועלכע טהוען גאר ניט. זיי צייגען אונז אלץ פרויען, וועלכע האבען באלד נאך דער חתונה זיך אוועקגע־זעצט טראכטען און ריידען אז זיי האבען ניט געטראפען מיט'ן זיווג. און דאס טראכטען און ריידען איז זייער גאנצע ארבייט. ביז עס ווערט ביי זיי א סארט מאניע, אן איינגערעדטע קרענק, אז זיי זיינען אויף צרות, אז זיי טרינקען זיך און אז זיי מוזען טהאן איינינגעס אום זיך צו רעטען.

ווען די פרויען וואלטען אנשטאט פילאזאפירען זיך גענומען ערנסט צו טהאן זייער הויז ארבייט, און ערפילען אלע זייערע פפליכ־טען אלס אנשטענדיגע עהרליכע אידישע טעכטער, וואלט זיי ווייני־גער צייט געבליבען צו טראכטען, און אין דער ביסעל פרייער צייט וואס זיי בלייבט, וואלטען זיי פיעלייכט אמאל א קלעהר גע־טהאן, אז קיין „גאר־גוטער" מאן איז ממילא אויף דער וועלט ניטא, און איידער צו מאכען לייטישע געלעכטער און זוכען צוויי־פעלהאפטע גליקען, וואס זיינען אין אמת ניטא ביי קיינעם, איז פיינער, געזינטער און לייטישער צו זוכען אלע פערשיעדענע וועגען און מיטלען ווי מיט גוטען צו מאכען דעם זעלבען מאן בעסער, און איך גלויב באמונה שלמה, אז א פרוי קען מאכען פון איהר ערגסטען מאן א מלאך, ווען זי וויל עס נור מיט'ן גאנצען הארצען, און פערדרעהט ניט איהר קאפ מיט חלומות. וואס לאזען זיך אם מעהרסטען אויס נאך מיט גרעסערע צרות ווי פריהער.

גראדע האב איך ערהאלטען א בריעף פון א פרוי וואס בעשטע־טיגט פאלשטענדיג מיינע ווערטער.

די פרוי האט מיר ערלויבט דעם בריעף צו דרוקען, נור איך זאל ניט אונטערשרייבען איהר נאמען. הייער איז דער בריעף :

„איך בין זעהר א שעהנע פרוי, אזוי זאגט די וועלט, און מען זאגט עס מיר אפען וואו נור איך קום אין געזעלשאפט. איך האב חתונה געהאט און האב גראדע ניט געטראפען. מיין מאן האט זיך ארויסגעצייגט צו זיין אביסעל א פוילער, א געמבלער, און דאצו א שלעכטער אין כאראקטער; נאטירליך, האבען זיך באלד געפונען בעקאנטע מענער, וואס האבען מיר געגעבען אנצור-הערען, אז אזא שעהנע פרוי ווי איך דארף ניט ליידען, אז דער בעסטער וועג פאר מיר וועט זיין זיך מיט איהם צו גט'ען און חתונה האבען מיט אן אנדערען, און איך בין עס געווען גרייט צו טהאן, אבער מיין מאמע, א ליכטיגען גן עדן זאל זי האבען, האט מיט מיר איינמאל געהאט א לאנגען געשפרעך וועגען דעם און האט מיר געזאגט:

— טאכטער מיינע, זאלסט וויסען, אז קיין גוטער מאן איז אויף דער וועלט ניטא. עס זיינען דא שלעכטע מענער און נאך ערגער ווי שלעכטע. און אויב דו האסט יעצט א שלעכטען מאן, ווערסטו וואהרשיינליך אויסבייטען אויף נאך אן ערגערען. בעסער טריי דעם שלעכטען עטוואס בעסער מאכען. זיי א טרייע מאמע צו דיינע קינדער, א גוטע פרוי צו די קינדער'ס פאטער, אז אי-בערגעבענע ווירטהין צו זייער היים. א גוטער מענש צו דער וועלט, און ווען דיין מאן וועט זעהן דיין פיינקייט און אנשטענדיגקייט, טאג נאך טאג, וואך נאך וואך און מאנאט נאך מאנאט, וועט ער פריהער אדער שפעטער מוזען ווערען בעסער, און פאר דיינע צרות וואס דו האסט יעצט פון איהם וועט ער דיך שפעטער אויף די הענד טראגען און דו וועסט ביי איהם ווערען טהייער ווי דאס שווארצ-אפעל פון אויג, אזוי איז געווען דיין טאטע, און אזוי איז געווען מיין טאטע און אזוי זיינען די מעהרסטע מענער. בייטען — בייטען נור ציגיינער זייערע פערד, און בייטען געוועהנליך אויך אוים אויף ערגערע.

„איך האב אזוי געטהאן". ענדיגט די פרוי איהר בריעף. „איך האב געפאלגט מיין מוטער, און הלואי אויף אלע מיינע ליעבע אזא לעבען ווי איך האב יעצט פאר מיין מאן, פאר'ן זעלבען פון

ווען איך האב שוין געהאט אנגעפאנגען זוכען פלענער ווי ארום פון איהם פטור צו ווערען".

אזעלכע טיפען וואלטען מיר געדארפט זעהן וואס מעהר צווישען די העלדינען אין אונזערע ראמאנען און אין אונזערע פיע־סען, וואלט עס געבראכט א סך מעהר נוצען, ווי די פילאזאפישע העלדינען, וואס זעצען זיך אוועק מיט צונויפגעלעגטע הענד, טהוען ניט אריין קיין האנד אין קאלטע וואסער, און רק זיי דאכט זיך אז ביי יענעם לאכט זיך, און פאנגען באלד אן זוכען ווי זיך צו רעכטפערטיגען פאר געהן ניט אין ריכטיגען וועג. וואס פיהרט יעדענפאלס נאך צו מעהר אונגליק; ווי מען זעהט אין יעדע דראמא וואו עס קומט ניט צוגעשטוקעוועט א פיערטער אקט מיט א חתונה און א טענצעל, גלאט אזוי אין דער וועלט אריין.

פאר וואס א פרוי ווערט נערוועז

צווישען די פיעלע בריעף וואס איך ערהאלט פון מענער, וועל־כע זיינען שטארק אין כעס פאר וואס איך האלט אזוי שטאל און אייזען פאר פרויען, האט מיך בעזאנדערס פעראינטערעסירט פאל־גענדער קורצער בריעף, וואס איז מיר אנגעקומען פון א רעווי־רענד אין קליוולאנד אהייא:

„איהר שרייבט אלץ אין אייערע ארטיקלען, אז מענער זאלען זיין גוט צו זייערע פרויען, אז מען זאל פיהרען א פיינעם פאמיליען־לעבען, און אז מען זאל די פרוי אימער רעספעקטירען. אבער דאס איז נור זעהר לייכט צו זאגען מיט'ן מויל. וואס זאל טהאן דער מאן וואס האט א פרוי א מרשעת, א בייזע, א נערוועזע בעשעפעניש,

וועלכע האָלט אין איין שרייען שטענדיג אויף'ן מאַן און אויף די קינ־דער; אַ פרוי וועלכע פערביטערט דאָס לעבען ניט נור יענעם, נור אויך זיך, זי לעבט אַליין ניט און לאָזט יענעם ניט לעבען; אדרבא, איך וואָלט וועלען הערען אייער מיינונג, ווי איז עס מעגליך צו פיהרען אַ פיינעם, אַ שטילען און אַ רוהיגען פאַמיליען־לעבען, ווען גאָט בענשט איינעם מיט אַזאַ ווייב?"

וועלל, מיין טהייערער רעווערענד, אָט דאָ איז גראָדע דער ריכ־טיגער פאַל, וואו עס פאָדערט זיך אַז דער מאַן זאָל זיין אַ גוטער, אַן אנשטענדיגער מענש. אַלס אַ כלל זאָגען כמעט אַלע מענער אויף זייערע פרויען, אַז זיי זיינען שלעכט, בייז און נערוועז, אָבער ווי זאָגט ערגעץ דער דייטש „עס האָט אַן אורזאַכע". ניט זיי "זיינען" נור זיי „ווערען" בייז שלעכט און נערוועז.

אין די יונגע יאָהרען שמעקען די מעהרסטע מענער מיט לופט, זיי לויפען ארום זוכען פערשיעדענע פערגעניעגען, האַלטען זיך ניט אין דער היים, לאָזען די פרויען אַליין, קומען ניט אין צייט עסען, לויפען אַוועק באַלד נאָך'ן עסען, קומען שפעט אהיים, און די פרוי ערגערט זיך, זי וויינט און זי קלאָגט, פערברענגט טעג און נעכט אין זאָרג און עגמת נפש. און ווען עס פאַסירט אַז דער מאַן האָט קיין פרנסה ניט, ליידט זי דערפון נאָך פיעל ערגער ווי דער מאַן — אויף דער פרוי דערקענט זיך עס שנעלער ווי אויף'ן מאַן, ווייל דער מאַן לויפט אַרום צו בעקאַנטע, פער־ברענגט ביי גוטע פריינד, און פערגעסט אַביסעל די צרות; וועה־רענד די פרוי זיצט אין הויז זעהט דעם דלות פאַר די אויגען יעדע מינוט פון מעת לעת, זעהט דעם צער פון די קינדערלעך, וואָס האָבען ניט קיין פאַסענדע קליידעלעך און געהען אָהן שיכעלעך, זי שעהמט זיך פאַר די שכנים; מוז אַליין געהן צום גראָסער און צום בוטשער זיך שוואַרצען דאָס פנים, מען זאָל איהר באָרגען, און יעדעס מאָהל וואָס זי זעהט זיי אַריינקומען מאָהנען געלד און זי קען זיי ניט בעצאָהלען, פאַלט איהר אַרויס אַ שטיק נשמה, זי פערליערט אפילו די מילך וואָס זי האָט ביי איהר מאַמע געזויי־גען, היינט וואָס איז זיך דאָ צו וואונדערען ווען אַ פרוי ווערט

זיך אזעלכע אומשטענדען נערוועזע, בייז און שלעכט ? ווען זי וואלט אפילו זיין א שמשון הגבור וואלט זי געבראכען געווארען אונטער אזא שטענדיגע שווערע לאסט פון זארג און יסורים. נא־טירליך בלייבען דערפון צייכענס אויף שפעטער, ווען די צייטען בייטען זיך און די פרנסה ווערט שוין אביסעל בעסער.

און נאך אלעמען ווייסען מיר, אז אפילו דאן ווען די פרנסה הויבט שוין אן געהען גוט ביי א מאן, נעהמט עס נאך א היבשע שטיק צייט, ביז דער מאן דערצעהלט דער פרוי פון זיין פראס־פעריטי. דער ווייב גיט ער נאך לאנג אנצוהערען, אז עס קומט אן זעהר שווער צו פערדיענען א דאלער, און וועהרענד ער געהט שוין ארום און פערשווענדט א דאלאר און דריי און פינף מיט דער ברייטער האנד, האט נאך די פרוי אלץ מורא צו ספענדען אן אי־בעריגע פעני, ווייל דער מאן דערצעהלט איהר ניט פון זיינע גוטע צייטען אלעס אזוי גענוי ווי ער פלעגט איהר דערצעהלען פון זיינע שלעכטע צייטען.

און ווען מיר זאלען שוין אפילו דיעזע פראגע אין גאנצען בעזייטיגען, און זאלען נעהמען פעלע וואו די פרוי האט גאר ניט קיין דאגות פרנסה, דארט וואו דער מאן פערדיענט גענוג, און גיט דער פרוי אוועק אלעס וואס ער פערדיענט, האט זי נאך אויך גענוג לאסט אויף זיך צו ווערען נערוועזע, בייז און שלעכט, און דער מאן מוז אלעס נעהמען אין אנבעטראכט אויב ער איז אן אנשטענדיגער מענש.

אלע ווייסען, אז עס איז ניטא אויף דער וועלט קיין שווע־רערע אויפגאבע ווי צו ערציהען קינדער איהר וועט אין הונדערטע גרויסע ביכער ניט זיין אין שטאנד אויסצושרייבען ווי שווער און ווי ביטער א מאמע ארבייט, וויפיעל קרעפטען זי לעגט אוועק, איידער זי דערלעבט זעהן איהר קינד זאל ווערען א שטיקעל מענש, מען זאל זיך ניט דארפען מעהר שרעקען טאמער איז ביים קינד ווארעם דאס קעפעלע, טאמער טהוט עס א הוסט, און פאר טוי־זענד אנדערע „טאמערס", וואס נעהמען אוועק ביי דער מאמען דאס לעבען זא לאנג דאס קינד איז קליין.

ווען מען נעהמט בעטראכטען די געטריישאפט און די איי־בערגעבענהייט פון א מאמע צו א קינד, זעהט מען אז עס גיעבט ניט אויף דער וועלט קיין גרעסערע העלדען ווי איין איינפאכע שוואכע פרויענצימער, ווען זי טהוט איהר פפליכט אלס מוטער.

דער מאן, דארף קיינמאל ניט פערגעסען, אז באלד ווי די ערשטע בייבי ווערט געבארען, ברענגט גלייך די מוטער אלס קרבן איהר שלאף, איהר עסען, איהר רוהע, און אלע פערגעניגען פון איהר לעבען. דער מינדעסטער פיפס פון דער בייבי וועקט אויף די מאמע ווען זי האלט אפילו אין דעם געשמאקסטען דרעמעל. מיט איין אויג שלאפט זי און מיט'ן צווייטען וואטשט זי ווי א מלאך איהר קינד, דאס קינד זאל שלאפען רוהיג. און ווען א קינד ווערט חלילה קראנק, איז דאך ביי דער מאמע איינפאך רעכט צו לויפען אין פייער און אין וואסער צו פערלייכטערען דעם קינד'ס שמערצען. וואס קערט א מאמע פאר איהר געזונד, אדער פאר איהר רוהע, ווען א קינד איז קראנק?

און דא קומט נאך צוגעהן א רעוורענד, מישטיינס געזאגט, און פרעגט זיך אזוי ברייטליך, מיט הרחבה, וואס זאל טהאן א מאן וועמען גאט האט געבענשט מיט א ווייב וועלכע איז בייז, שלעכט און נערוועז? איין קינד בלויז אויפצוציהען פון וויגעלע ביז דער סקוהל איז גענוג צו מאכען גרין און געל, בייז און נערוועז אפילו די שטארקסטע פרוי.

און ווי איך פערשטעה אין דעם ווירדיגען רעוורענד, וואלט ער נאך א בעלן געווען ארויסצוקריעגען א הכשר, ער זאל זיין נערוועזע און פאר־דער־צייט אלט געווארענע ווייב מעגען אוועק־שיקען ערגעץ אויף א שיף מיט אמוניציאן, טאמער וועט גאט רחמנות האבען אויף איהם און א דייטשע סובמארין וועט גראדע דיעזע שיף זינקען צוזאמען מיט זיין ווייב.

א פיינער מאן! א פיינע בעלוינונג פאר א פרוי וועלכע ברענגט אלס קרבן אויף'ן מזבח פון פאמיליען לעבען איהר יוגענד, איהר שעהנהייט, איהרע כחות, איהר שלאף און איהר רוהע, און איהרע אלע לעבענס פערגעניגען!...

אז אמת פיינער מאן, דארף און קען געפינען פערשיעדענע וועגען און מיטעל צו האלטען זיין נערוועזע פרוי רוהיג און איז גוטען מוטה, און אויב ער וועט עס טהאן מיט הארץ און מיט אז אמת, וועט זי עס געווים אנערקענען, און ער וועט ניט האבען קיין אורזאכע צו זיין אליין בייז און נערוועז פאר וואס זי איז בייז און נערוועז...

רעליגיאָן און פאמיליען־לעבען

א מאמע, אן אלמנה, וועלכע האט געהאט א זעהר פרומען מאן, און האט מיט איהם געלעבט אן עכט אידישען, ריינעם רע־ליגיעזען און גליקליכען לעבען שרייבט מיר א בריעף און פרעגט ביי מיר אן עצה וועגען א זאך, וואס האט זעהר א וויכטיגע אינ־טערעסע פיר אידישע טעכטער אין אלגעמיין.

איך לאז אויס די גאנצע פאררעדע אין וועלכער זי לויבט דעם שרייבער פון דיעזע צייליען, און וועל נור ברענגען דעם טהייל פון בריעף, וואס האט צו טהאן דירעקט מיט דער עצה וואס די פרוי פרעגט:

„איך האב צוויי טעכטער, מיידלעך, זעהר פיינע, געבילדעטע קינדער.ביידע האבען געענדיגט האי סקוהל, יעצט זיינען זיי אין ביזנעס מיט מיר און דארפען הייראטהען. אלס א מוטער וויל איך נאטירליך זעהן מיינע קינדער גליקליך, און איך רייד אפט מיט זיי, און טרייע זיי צו ערקלעהרען, אז אידישע רעליגיעזע מענער פיהרען על פי רוב א פיעל פיינערען פאמיליען־לעבען ווי פריי־גע־

זאַנענע פויגלען, ביי וועלכע קיין זאַך איז ניט הייליג. זיי, די קינדער מיינע, וועלכע זיינען שוין אַ ביסעל היינט־וועלטיג, טענה׳ן, אַז רעליגיאָן און ליעבע זיינען צוויי פערשיעדענע זאַכען, און אַז דאָרט וואו מען האָט זיך אמת ליעב, מעג דער מאַן זיין ווי פריי, קען מען מיט איהם אַבלעבען די יאָהרען אין גליק און אין פריעדען. איך וואָלט וועלען הערען אייער מיינונג וועגען דיעזער וויכטיגער אַנגעלעגענהייט.

ס. ס.״

עס איז אַפילו זעהר שווער צו געבען אַן עצה אין אַזעלכע אַנגעלעגענהייטען, ווייל עס איז ניטאָ קיין פעסט־געשטעלטער כלל, אַז רעליגיעזע מענער זיינען אימער גוט צו זייערע פרויען, און אַז פריי־געזאַנענע זיינען אימער שלעכט צו זייערע פרויען, אָבער דאָס איז אַזוי גוט ווי זיכער, אַז קינדער וועלכע זיינען געוואַקסען און ערצויגען געוואָרען ביי פרומע אָרטהאָדאָקסישע עלטערען, וועלען זיך ניט קענען פיהלען פאָלקאָמען גליקליך ווען זיי וועלען הייראַטהען מיט מענער וועלכע זיינען פאָלשטענדיג פריי־געזאַנען, ווען זיי וועלען אַפילו האָבען דאָס מזל צו טרעפען אַזעלכע מענער וואָס זיינען פיין, אַנשטענדיג און גוט אין כאַראַקטער.

נאָך אַלעמען ווייסט יעדער, אַז די התלהבות, די סטים פון יוגענד וואָס מיר רופען „ליעבע״, איז אַ זאַך וואָס ווערט מיט דער צייט אָבגעקיהלט; וועהרענד דאָס ערשטע יאָהר נאָך דער חתונה קושט מען זיך דריי מאָל אין טאָג, ווערט צום צווייטען יאָהר די קושעריי־ביזנעס געמינערט, און וואָס ווייטער אַ יאָהר, אַלץ מעהר פאַרמירט זיך דאָס פאַמיליען־לעבען פון אַ פּאָאַר פאָלק אין אַ געזונדטען נאָרמאַלען צושטאַנד, די פּאָעזיע געהט אַוועק, און עס בלייבט די פּראָזאַ, דאָס געוועהנליכע צוזאַמענ־לעבען.

אין אַ רעליגיעזע אָרטהאָדאָקסישע הויז ברענגט דער שבת עטוואָס ענדערונג אין געוועהנליכען לעבען, און דער יום טוב ברענגט מיט זיך הייליגע געפיהלען, וואָס בעניייען די אַלטע ליעבע, און גיעסען אַריין אַזעלכע זיסע טראָפּען אין לעבען, וואָס מאַכען פער־

געסען אלע קלענערע און גרעסערע אונאנגענעהמליכקייטען מיט וועלכע די וואכעדיגע טעג זיינען פול.

א אידישע טאכטער וועלכע איז צוגעוואהנט געווארען צו א אידישען רעליגיעזען לעבען, צו א אידישען שבת און יום טוב, וועט אימער פיהלען אז דאס פעהלט איהר ביים פריי־געזאנענעם מאן.

דאס לעבען פון א פריי־געזאנענעם מענשען, איז ווי איינער וואס פאהרט א לאנגע רייזע, אין א וואגען וואס שלעפט זיך קוים, און דעם גאנצען וועג איז ניטא קיין ווארסט, קיין מייל, קיין צייכען פון אכסניא, און ער ווייסט קיינמאל ניט וויפיעל ער איז שוין אבגעפאהרען, און וויפיעל ער האט נאך צו פאהרען.

די אלע יאהרען וואס דער פרייגעזאנענער, דער ניט רעליג־יעזער מענש לעבט, זיינען אלע ווי איין לאנגע גרויסע וואך, וואס מוז נמאס און מאוס ווערען. עס שלעפט זיך איין טאג נאך'ן אנ־דערען, איין וואך נאך דער אנדערער און ער זעהט ניט אין זיין נסיעה קיין ווארסטען און קיין מיילען, שבת איז ביי איהם קיין שבת ניט און יום טוב קיין יום טוב. ער גלויבט ניט אין קיין אידישע ימים טובים און אין קיין גוי'אישע חגאות, און דאס נעהמט אוועק האלב פאעזיע פון'ם מענשען'ס לעבען. און מיידלעך וואס זיינען ערצויגען געווארען אין א רעליגיעזען הויז און הייראטען פריי־געזאנענע מענער דערפיהלען עס נאך דער חתונה, און גאנץ אפט וויינען זיי און קלאגען שטילערהייד, ווען זיי דערמאהנען זיך אין דער מאמעס ליכט־בענשען און אין טאטען'ס קידוש שבת און יום טוב.

און על פי רוב איז טאקע אהן אלעמען, דער רעליגיעזער איד א בעסערער מאן צו זיין פרוי און א טרייערער פאטער צו זיינע קינדער ווי דער וועלכער איז פריי־געזאנען און האט ניט קיין זאך וואס זאל ביי איהם זיין הייליג.

דער רעליגיעזער איד, וועלכער פיהרט זיך לויט די פארשריפ־טען פון אונזערע אלטע הייליגע תנאים, רעספעקטירט זיין פרוי צוויי מאל אזוי פיעל ווי דער ניט רעליגיעזער, איינמאל אלס

מענש און איינמאָל אַלס איד, ווייל ס'איז אַ מצוה ער וויל מקיים זיין וואָס די גמרא זאָגט (דוכט זיך אין בבא מציעא), „יעדער איד זאָל עהרליך האַלטען זיין פרוי, ווייל נור אין איהר זכות קומט די ברכה אין זיין הויז, ווי דער פסוק זאָגט: ולאברם היטיב בעבורה, אברהם'ען איז געגאַנגען גוט נור צוליעב זיין ווייב שרה, דורך איהר האָט ער געהאַט מזל און ברכה.

אויך ווייסט דער רעליגיעזער מאַן די ווערטער פון אונזערע חכמים, אַז ווער עס האַלט עהרליך זיין פרוי מעהר ווי זיך אַליין אויף דעם זאָגט דער פסוק „וידעת כי שלום אהלך”, און דו וועסט זיין זיכער מיט אַ צופריעדענעם פאַמיליען־לעבען אין דיין הויז.

די טשענסעס זיינען דאַריבער „טען־טו־וואַן” אַז די מיידלעך וואָס האָבען געקראָגען אַ אידישע רעליגיעזע ערציהונג ביי זייערע עלטערען וועלען האָבען אַ פיעל גליקליכערע לעבען ווען זיי וועלען הייראַטהען רעליגיעזע מענער.

די אַלטע מאַמע

די סעריע אַרטיקלען וואָס איך שרייב אין „מאָרגען זשורנאַל” אונטערן נאָמען „די היים און די פרוי”, האָט אָנגעריהרט פיעלע וויכטיגע פראַגען פון אונזער לעבען אין אַמעריקא, און רופט ארויס לעבעדיגע אינטערעסען אין יעדען הויז.

צווישען די פיעלע בריעף וואָס קומען אַן אין דער רעדאַקציע וועגען פערשיעדענע פאַמיליען אַנגעלעגענהייטען, האָט אונז זעהר שטאַרק פעראינטערעסירט פאָלגענדער בריעף, וואָס קומט פון אַ מאַכטער, וועלכע שרייבט אַז זי קען זיך קיין עצה ניט געבען וואָס זי זאָל טהאָן מיט איהר אַלטע מאַמע.

היער איז דער בריעף ווארט־איין־ווארט, ווי די טאכטער האט איהם געשריעבען: —

„זונטאג, דעם 21טען מאי 1918, האב איך געלעזען אין „מארגען זשורנאל" „די היים און די פרוי" פון חיים מאליץ. אזוי ווי דער ארטיקעל האט גראדע אנגעריהרט א פראגע וואס מאטערט מיך און לאזט מיך ניט רוהען שוין א לאנגע צייט, האב איך בעשלאסען צו שרייבען דיעזען בריעף, פיעלייכט וועט איהר מיר קענען גיבען א ריכטיגע עצה, וואס צו טהאן.

„איהר בעשרייבט דעם מוטער טאג, און ווי הייליג מען דארף האלטען א מוטער. דער ארטיקעל האט מיך פעראינטערעסירט ניט ווייל איך בין אליין א מוטער פון קינדער, נור ווייל ער בעהאנדעלט די פראגע פון האלטען בכבוד אן אלטע מאמע.

„עס איז זעהר א וויכטיגע און זעהר א שווערע קאמפליצירטע פראגע. איך וועל אייך דערצעהלען פון מיר אליין: מיר זיינען פיער קינדער, צוויי טעכטער און צוויי זיהן, און מיר אלע פיער האבען דוכט זיך איין מאמע, און אין ערגעץ איז ניטא קיין ארט פאר איהר.

„ווען מיין פאטער איז געשטארבען, האט מיין שוועסטער זי גענומען צו זיך, קען זי אבער דארט ניט זיין, ווייל מיין שוועסטער וואהנט אויף א טאפ פלאאר, און זי קען ניט געהן די טרעפ. ביי איין ברודער איז אויך דאס זעלבע, א געשיכטע מיט טרעפ. דערצו נאך איז די שנור ניט גערן צו האבען די שוויגער ביי זיך; ביים צווייטען זוהן מוינ ווייטער ניט, א שוויגער מיט א שנור ווי א שטיין מיט א האק. איז שוין דריי אוועק. איז זי מיט מיר, די צווייטע טאכטער, איז ווידער צרות. ענגע רומס און א פינסטערע בעד־רום. עס שאדט איהר, זי ווערט איינפאך דערשטיקט פון הוסטען, און דער איידים טענה'ט וואס דארף ער עפעס ליידען מעהר פון אלע, עס איז ענג און מיר זיינען מיט קליינע קינדער. ווי איהר זעהט איז אין ערגעץ קיין ארט ניטא פאר דער אלטער מאמע.

„ווען איהר פיעלייכט ווילט זאגען, אז מיר, אַלע פיער קינ־דער, זאָלען איהר צאָהלען און זי זאָל זיך וואהנען בעזונדער, ערגעץ אין דער פרעמדה, איז די ערשטע צרה, וואס מיר זיינען אַלע גרויסע אָרימע לייט, צווייטענס איז זי אַלט און שוואך און דארף א מענ־שען, וועלכער עס זאָל זיך אומקוקען אויף איהר, דערלאַנגען עפּעס, טהון פאר איהר א גאַנג, א פרעמדער וועט עס געוויס ניט וועלען טהאָן.

„אַלזאָ ווי איהר זעהט, קענען מיר ביי אונזער בעסטען ווילען גאר ניט טהאָן. און ווייל מיין מוטער איז מיט מיר, דערפאַר וואָלט איך וועלען הערען פון אייך א גוטע עצה, ווי אַזוי קען איך מאַכען אַז מיין מאַמע זאָל האָבען אַ גוטע חיים? און ווי אַזוי קען איך מאַכען, אַז איך זאָל זיין צו איהר ווי זי איז געווען צו מיר?

„איך האָב אַליין קליינע קינדער, און איך האָב בעטראַכט, אַז די ענדע איז ניט קיין גוטע, מיינע קינדער וועלען מיר אויך אַ קליינעם דאַנק געבען. היינט וואס איז פאַר אַ יום טוב מיט'ן „מוטער טאָג?" מיט וואס בין איך גליקליך, אַז מען הענגט שוין אוים פלעגם און מען טראָגט אַ ווייסע בלימעלע? צו דען קען עס מיין אַלטע מאַמע און נאָך טויזענדע אַלטע אונגליקליכע מאַמעס עטוואָס לייכטער מאַכען, ווען די ענדע איז אַזוי טרויעריג?

„וואס העלפט דאס שטרעבען פיר קינדער, און אוועקלייגען אַלעס פאַר זיי, ווען אם ענדע הערט מען אפילו קיין גוט וואָרט ניט פון אַ קינד. די שניר זיינען ניט גוט, די איידימס זיינען ניט גוט דערווייל ווערט מען אַליין אויך ניט גוט—און ווער ליידט דערפון— די אַלטע מאַמע!

„איך בעט אייך גיט מיר אַן עצה, וואס זאָל איך טהאָן. און איך וועל טרייען מיט אייער גוטען ראַטה זיך צו בענוצען.

אכטונגספאָלל,

חנה מרגליות פון בראָנזוויל.

דיעזער ערנסטער בריעף, געשריעבען, ווי מען זעהט, פון א גוטע טאכטער, צייגט די גאנצע טראגעדי פון דער אלטער מאמע.

די טאכטער קוקט אויף דער אלטער מאמע און זעהט דארט ווי אין א שפיעגעל איהר אייגענע טרויעריגע צוקונפט.

פיער קינדער ארום זיך, און פאר דער מאמע, פאר דער ארי־מער אלטער מאמע, איז ניטא קיין ארט!...

איין שוועסטער וואהנט צו הויך, און אזוי ווי די מאמע איז שוואך און קען ניט געהן אזוי פיעל טרעפען, דארף מען די טרעפ לאזען און די מאמע ארויסווארפען... ווען א מאמע האט א שוואכע קינד, וואס קען ניט געהן פיעל טרעפ, טראכט זי גאר ניט פיעל און לאזט איבער די טרעפ און מופט ארויס אויף א סטופ, אז דאס קינד זאל ניט האבען פיעל טרעפ צו געהן.

די אנדערע שוועסטער וואהנט אין ענגע רומס, און די מאמע ווערט דערשטיקט פון הוסטען, דארף מען די ענגע רומס האלטען און די מאמע ארויסווארפען...

ווען א קינד הוסט, האבען מיר געזעהן, ווי די מאמע זיצט דער־מיט א גאנצע נאכט אין דרויסען אויף דער פרייער לופט, און יעדער דרעמעל וואס דאס קינד כאפט, בלאזט אריין דער מאמע א נייע נשמה, זי זיצט ווי א מלאך און בעשיצט מיט איהרע פליע־געל דאס קינד קיין פליעג זאל עס ניט א בים טהאן, און בעט אלע מענשען ארום עס זאל זיין שטיל, רוהיג, מען זאל חלילה דאס קינד פון שלאף ניט אויפוועקען.

פיער קינדער האבען פאר איין מאמע קיין ארט ניט, ווי טרויעריג!

ווי ארים זיי זיינען, קענען זיי געבען צושטייער עטוואס אז איין שוועסטער זאל קענען רענטען גרעסערע רומס און האלטען די מאמע.

„וואס איז פאר א יום טוב מיט'ן „מוטער טאג, פרעגט מיסעס מרגליות פון בראנזוויל, „אז די ענדע איז אזא טרויעריגע?".

דער ענטפער איז אז מיט דיעזען יום טוב מיינט מען טאקע דיעזע טרויעריגע ענדעס אבצושאפען. ווען די גאנצע וועלט וועט

ערוואכען צו זעהן און צו בעגרייפען די מערקווירדיגע זעלבסט אויפאפפערונג פון א מאמע וועלען דאן אלע איידימס און שניר זיך שעהמען פאר זיך און פאר אנדערע, ניט צו רעספּעקטירען די יעניגע וועלכע ווערען רעספּעקטירט פון דער גאנצער וועלט. און עס וועט פיעלייכט אויך עטוואס געטהאן ווערען פון דער רעגיערונג צו זארגען פאר אלטע מאמעס, אם ווענינגסטען אויף אזוי פיעל ווי מען זארגט פאר אלטע אויסגעדיענטע סאלדאטען, זיי זאלען צו די עלטערע יאהרען ביים זונען אונטערגאנג פון זייער לעבען, כאטש האבען א פלאץ, וואו זייערע אלטע, שוואכע אויסגעמאטערטע קעפ צו צושפּארען.

נערעכטינקייט צו פּרויען-ארבייטער

די וועלט האט זיך אליין געמאכט א היתר צו בערויבען א געוויסע קלאסע ארבייטער פון זייערע שווערע פערהארעוועטע ווידזשעס. וואך־איין, וואך־אויס, יאהר־איין, יאהר־אויס, נעהמט מען ביי זיי ארונטער כמעט האלב פון זייערע פערדיענסטען, און עס ווערט געטהאן אזוי אפען, און אזוי אלגעמיין, אז קיינעם פאלט שוין ניט איין אפילו צו בעטראכטען, אז עס איז אן אונרעכט און עס דארף אזוי ניט זיין.

טויזענדע און טויזענדע מיידלאך און פרויען ארבייטען אין אפיסעס, פעקטאריס, שעפער און סטארס, און מען צאהלט זיי ריכ־טיג האלב, און אפט מאל נאך ווענינגער פון די פרייזען וואס מענער קריגען פאר דער זעלבער ארבייט.

ניט חלילה ווייל די מענער מאכען די ארבייט בעסער, שנעלער, אדער עהרליכער, נור פאר דער איינציגער אורזאכע, וואס פרויען זייענן אין נאטור מעהר נאבעל אין כאראקטער ווי מענער, און מען ווייסט אז זיי וועלען זיך ניט בונטעווען, און וועלען ניט פראָטעסטירען.

ווען איהר וועט רעדען מיט מאנכע מאנופעקטשורערס, און וועט זיי אויפמערקזאם מאכען אויף דיעזען גרויסען אונרעכט, האבען זיי כמעט אלע א „רעדי־מייד" אנטווארט, אז פרויען בלייבען ניט שטענדיג ביי זייער ארבייט, זיי קומען און געהען אוועק, זיי ארבייטען אב עטליכע יאהר נאכהער געהען זיי חתונה האבען און האבען אין זינען באלעבאטישקייט.

דאס איז פונקט אזא תירוץ ווי עס האט געגעבען א גנב, וועלכען מען האט געכאפט אין א הויז גנב'ענעדיג א זילבערנע לעפעל. ווען מען האט איהם געפרעגט ווי געהט עס א איד און גנב'עט אוועק א זילבערנע לעפעל, האט ער געענטפערט: הלמאי געהט די באלעבאסטע מיט איהרע אייגענע האאר?

ערשטענס, וועמעס עסק איז עס ווי לאנג זיי ארבייטען. די צייט ווען זיי הערען אויף ארבייטען בעטען זיי קיין ווייזשעס ניט, די פראגע איז בלויז פאר וואס צאהלט מען זיי ניט זייערע ריכטיגע ווייזשעס די צייט וואס זיי ארבייטען יא?

צווייטענס, וואס איז עפעס דער באס פאר א מחותן ארונטערצונעהמען יעדע וואך האלב ווייזשעס פון זיינע ארבייטער־מיידלאך און עס אוועקלייגען אין די ביינק צו געבען צעהנדליגע טויזענד דאלער נדן זיינע טעכטער? פאר וואס זאלען עס בעסער ניט קריגען די וואס ארבייטען דארויף? זיי וואלטען אויך וועלען האבען חתנים און הייראטען מיט לייטען־גלייך!?

דריטענס איז דער גאנצער תירוץ, אז מיידלאך קומען און געהן אוועק — ניט קיין לאגישער תירוץ.

עס איז אמת, אז די דורכשניטליכע מיידעל ארבייט אב זיבען אכט, אדער צעהן יאהר און געהט חתונה האבען. אבער וואס האט איינס צום אנדערען? אלע מיידלאך שטאפען ניט אב מיט אמאל

פון דער ארבייט און לויפען אוועק חתונה האבען. ווען איין מיידעל געהט אוועק, קומט אן אנדערע גלייך און פערנעהמט איהר פלאץ. עס וואלט געווען פונקטליך דער זעלבער אונזינן ווען מען זאל זאגען, אז מענער ארבייטען ניט שטענדיג, ווייל זיי בייטען זייערע דזשאבס, און ווייל סוף כל סוף נעהמען זיי און שטארבען אוועק.

דער פאקט אבער איז, אז די גרויסע מאסען מענער ארבייטען שטענדיג און אזוי איז אויך מיט די גרויסע מאסען פרויען. זיי ארבייטען שטענדיג. איין מיידעל געהט הייראטען און דריי קומען ארבייטען. עס פעהלט קיינמאל ניט קיין הענד אין א פעקטארי איבער דעם וואס די מיידלאך זיינען אוועק חתונה האבען.

נאך א זאך מוז מען אימער נעהמען אין אנבעטראכט. ווען א מיידעל טרעט ארויס פון דער פעקטארי, ווערט זי ניט פערשוואונדען פון דער וועלט. זי נעהמט אויף זיך נייע פעראנטווארטליכקייטען. זי ווערט א פארטנער אין א היים. און פאר וואס זאל מען איהר ניט צאהלען עהרליכע ווידזשעס פאר די יאהרען וואס זי ארבייט ? פאר וואס זאל זי טאקע ניט קענען אבשפארען עטוואס געלד צו זיין זיכער פון מאנגעל אם ווענינסטען א פאר יאהר נאך דער חתונה ?

און מען מוז ניט פערגעסען נאך א זאך.

עס זיינען דא זעהר ווענינ באיס, וואס זאלען ארבייטען און אויסהאלטען זייערע שוועסטער אין לאא סקול און אין קאלעדזש; וועהרענד עס זיינען דא זעהר, זעהר פיעל מיידלאך, וואס ארבייטען שווער און געבען אוועק זייער גאנצע געלד צו סופארטען אנדערע. עס זיינען דא א סך מיידלאך, וואס קריגען צעהן דאלער א וואך פאר דער זעלבער ארבייט וואס א מאן וואלט געקראגען צוואנציג, און מיט איהרע צעהן דאלער העלפט זי צו שיקען א ברודער אין לאא סקול, אדער אין קאלעדזש, און אמאל טהוט זי עס אויך פאר איהר חתן, הייגט פון וואנען האבען עס אלע בעלי בתים גענומען דעם היתר, אז ביי מיידלאך מעג מען ארונטעררייסען האלב ווידזשעס? ווארום זאלען זיי ניט קריגען דעם ריכטיגען סקייל ווידזשעס פאר זייער ארבייט. גלייך ווי די מענער?

שטראף-ווערטער פון א פריינד

אז אמת'ער אויפריכטיגער מענש מוז ניט אימער לויבען זיין פריינד.

מען מוז אויך פון צייט צו צייט אנצייגען דעם פריינד די חסרונות, די פעהלערען וואס ער מאכט, אום ער זאל זיי אין דער צוקונפט אויסמיידען.

איך דארף זיך פאר מיינע לעזערינס ניט פארשטעלען, אז איך בין א פרויען־פריינד, אבער דאס וועט מיך ניט צוריקהאלטען יעצט פון ארויסקומען מיט איניגע שטראף־ווערטער צו פרויען, וועגען זאכען וואס האבען צו טהון מיט עטיקעטע, מיט לייטיישע אויפ־פיהרונג פון העפליכקייט און שעהנע מאניערען.

איך בין איבערהויפט געגען אזעלכע מענער, וואס טראכטען אויס פערשיעדענע בלבולים אויף פרויען אום זיי צו ערניעדריגען און זיי מאכען קליינליך, ווי א פרוי וואלט גאר קיין מענש ניט גע־ווען. איך בין א שרעקליכער געגנער פון די יעניגע וואס שלעפען ארויס פון די פערשימעלטע ארכיווען וואו נור עס איז ערגעץ דא א העסליכער וויץ, וואס בעאבזיכטיגט צו פארשטעלען די פרוי אלס א גאר ניט, און דעם מאן פאר א גאנצען „יא טיעבע דאס", און זיך בענוצען מיט דיעזע וויצען אום אבצולאכען און אבצושפעטען פון פרויען; אבער איך האב גאר ניט דאגעגען, ווען יעמאנד האט עטואס פעהלערען אויסצוזעצען געגען דער פרוי, אלס מענש. די פרוי איז נאטירליך פריהער פאר אלעם א מענש, גלייך מיט אלע מענשען; זי בעזיצט אלע מעלות און אלע חסרונות וואס מענשען קענען האבען, אונטער די פערשיעדענע אומשטענדען אין וועלכע זיי געפינען זיך; ווען איהר וועט זיי זידלען וועלען זיי אייך זיך־

לען צוריק, ווען איהר וועט זיי בעהאַנדלען העפליך און אנשטענדיג, וועלען זיי אייך אויך רעספּעקטירען; עס איז אָבער אַ שווער־ער פאַרברעכען צו טרייען די פרוי אין גאַנצען צו מבטל זיין, צו וועלען מאַכען דעם איינדרוק אַז די פרוי ווייסט גאַר ניט, און דער מאַן וואָס פאַר אַ טיפּוש ער זאָל ניט זיין, ווייסט ער רק מעהר אפילו פון דער קליגסטער פרוי, — דאָס האַלט איך פאַר אַן אונפערצייי־ליכען פערברעכען, און אין דער אנגעלעגענהייט בין איך אימער דער ערשטער און דער גרעסטער פערטהיידיגער פון פרויען, און טרייע אין מיינע אַרטיקלען איבערצייגען די פאַלשקייט פון די אַלע אַלטע פערשימעלטע טהעאָריען פון „עס, וואָס וויים אַ אידענע״.

עס איז מעהר פאַרברעכען צו אוועקמאַכען מיט דער האַנד די פרוי און זי האַלטען פאַר אַ גאָר־ניט, פאַר אַ נאַר, פאַר אַ פינפטע ראָד צום וואָגען, פאַר אַ בעשעפעניש צום אָבלאַכען און צום אָב־שפּעטען, ווי צו בעשולדיגען זי אַז זי איז דער ערגסטער מענש אין דער וועלט. ווייל דער וואָס זאָגט אַז פרויען זיינען די ערגסטע מענשען אין דער וועלט, דער גיט אָם ווייניגסטען צו, אַז זיי זיינען מענשען, וועהרענד די אָבלאַכערס און אָבשפּעטערס, האַלטען זיי גאָר פאַר קיין מענשען ניט, און דאָס נאַטירליך איז די גרעסטע בעליידיגונג וואָס פרויען קענען ניט און וועלען עס קיינמאָל ניט פערצייהען.

אָבער ניט דאָס בין איך יעצט אויסען. איך בין יעצט געקומען ווי אַ פריינד אויפמערקזאַם צו מאַכען די פרויען אויף אייניגע חסרונות וואָס האָבען צו טהאָן מיט עטיקעטע, חסרונות וואָס מוזען בעזייטיגט ווערען, און איך האָף אַז די פרויען וועלען נעהמען מיינע ווערטער אין אכט, ווייל זיי ווייסען און פיהלען אַז די ווערטער קומען פון אַ פריינד:

ווען מען קומט אַמאָל אין אַ אידיש טהעאַטער איז איינפאַך ניט אויסצוהאַלטען פון דער אויפפיהרונג פון מאַנכע פון אונזערע אידישע פרויען און מיידלאַך, זאָלען געזונד זיין. ערשטענס, אַזוי שנעל ווי זיי קומען נור אריין אין טהעאַטער בעפאַלט זיי באַלד אַ

ביטערער הונגער, און זיי נעהמען זיך תיקף צום קייען. עס נעהמט ניט קיין צעהן מינוט און דאס גאנצע טהעאטער ווערט פערוואנ־דעלט אין א קרעטשמע. איינע קנאקט פינאטס, א צווייטע בייסט עפעל, א דריטע שיילט אראנדזשעס, און מאנכע פאנגען אן אויס־פאקען סענדוויטשעס, ריכטיג ווי זיי וואלטען קומען צו א פעקעדזש פארטי, און גלייך ווי זיי האבען שוין דריי טעג ניט געגעסען...

טאמער איז נאך דאס אליין וועניג, מאכען זיי אזא טומעל, אזעלכע געשרייען, ריכטיג ווי עס וואלט דארט זיין א יאריד. זיי פוילען זיך ניט און שעהמען זיך ניט צו שרייען פון ארקעסטער און צו פיהרען גאנצע דעבאטען מיט בעקאנטע וואס זיצען אפ־סטעירז, אויף די ערשטע און צווייטע גאלערים; זיי פיהרען אן געשפרעכען וועגען פערשיעדענע זאכען, וואס וואלטען גאנץ גע־מיטליך געקענט ווארטען ביז נאך'ן טהעאטער; זיי קימערען זיך גאר ניט וואס אזעלכע געשרייען שטערען די אנדערע מענשען, און עס נעהמט אוועק די העכערע שטימונג, וואס האט זעהר פיעל צו זאגען, ווען מען קומט אין א טהעאטער און מען דענקט זיך צו אמוזירען אן אבענד.

ווארום זעהט מען ניט די זאגענאנטע „פרעס־פארטים" אין די ניט אידישע טהעאטערע? ! אין א קריסטליכען טהעאטער וועט איהר פון קיינעם זאגאר קיין הויךווארט ניט הערען. ווען מאן און פרוי זיצען צוזאמען און האבען עפעס צו בעמערקען איינער דעם אנדערען, טהוען זיי עס אויך אזוי שטיל, אז דער וואס זיצט אפילו אויף'ן נעקסטען סיט, הערט ניט וואס זיי רעדען צווישען זיך. פון עסען אדער קנאקען פינאטס אין טהעאטער, איז קיין רעדע ניט. אין א טהעאטער קומט מען אבגעגעסען. מען קומט זיך אמוזירען, זעהן די פלעי, ווען דער אשער טראגט א גלאז וואסער, נעהמט עס נור דיזע פרוי וועלכע איז ווירקליך דורשטיג, אבער זי נעהמט עס שטיל און געהיטזאם עס זאל דעם צווייטען ניט באדערען, און ביי אונז אין די טהעאטערע איז עפעס הפקר א וועלט! קיין זעלבסט רעספעקט און קיין רעספעקט פאר'ן צווייטען.

דיזע פרויען האבען גאר קיין בעגריף ניט ווי אונהעפליך זייער אויפפיהרונג איז אין אידישען טהעאטער. און וואס פאר א שלעכטען איינדרוק דאס מאכט אויף די אנדערע מעהר אדער ווניגער דענקענדע צושויער.

מערקווירדיג! די זעלבע פרויען, וואס קנאקען פינאטס, גריזשען עפעל און עסען קאלטע קנישעס אין אידישען טהעאטער, ווען זיי קומען אין א ניט אידישען טהעאטער, זיצען זיי שטיל און פיין און רוהיג, א פערגעניגען!...

זעהר פיעל שולד דארין האבען אפט די אידישע טהעאטער מענעדזשערס אליין. דער אידישער טהעאטער מענעדזשער, זוכט צו מאכען געלד פון אזעלכע ברענטשעס וואס בעלאנגען גאר ניט צום טהעאטער. אין די דריי שטונדען וואס מען שפיעלט אין טהעאטער, זוכט ער צו מאכען פונ'ם הויז א בוך־סטאר, צו פערקויפען ביכער, א פרוכט־סטאר צו פערקויפען עפעל, באנאנעס, טייטלען און באקסערען. א וואונדער וואס זיי שיקען ניט ארום פון סיט צו סיט, איטאליענער באיטשיקלאך צו שאינען די שיך דעם עולם אין דער צייט וואס מען קוקט צו דער ביהנע. און ווארום טאקי ניט אוועקשטעלען דארט אויך א בארבער טשער? !...

אבער ווען די פרויען זאלען פערשטעהן און בעגרייפען די וויכטיגקייט פון שטימונג אין א טהעאטער, וואלטען זיי ניט ערלויבט צו מאכען טארגעס אויף ביכער און פעדלען מיט פרוכט אין טהעאטער, ביזנעס קען מען מאכען אין לאבי, און ווען מען קומט אין טהעאטער דארף מען בלויז אין זינען האבען דעם צוועק צוליעב וועלכע מען איז געקומען, און דאס איז צו זעהן די פיעסע און ווי זי ווערט געשפיעלט.

דער צווייטער גרויסער חסרון וואס איך האב בעמערקט אין אידישען טהעאטער איז וואס מאנכע אידישע ווייבער הענגען אויף זיך אן צופיעל דזשועלרי און דיימאנדס ווען זיי געהען אין טהעאטער. איינינע פרויען קומען איינפאך בעלאדען מיט דימענטען,

בריליאנטען, פערל און גאלד, און טראגען צו פיערצעהן רינגען אויף די פינגער. איהר וועט דאס ניט זעהן ביי די רייכסטע קריסטליכע פרויען. צו וואס זאל מען אויפרייסען די אויגען ביי לייטען? צו וואס ארויסרופען שנאה און קנאה פון ארימע קלאסען וואס קומען אין טהעאטער, אמאל אין א יובל פערברענגען אן אבענד, און די פופציג סענט וואס זיי האבען געספענדט פאר'ן טיקעט, איז פיע־לייכט פון מויל אבגעריסען? צו וואס זאל מען זיי מאכען פיהלען שלעכט? א סך דזשולערי געהט מען נור אויף א באל, אדער אויף א חתונה. קיינער וועט קיין בעסערע מיינונג ניט געבען איבער א פרוי, ווייל זי טראגט א סך דיימאנדס, עס ווירקט בלויז ארויסצו־רופען קנאה און פערדרוס ביי ארימע לייט, וואס זיינען גערען אז זיי האבען קוים אויף ברויט. היינט וואס פאר נוצען ברענגט אייך אייער ים דזשולערי? צו וואס דארפט איהר, אז מאנכע פערבי־טערטע הערצער זאלען אויף אייך קוקען בייז און מיט שנאה?

איינפאך און נעט געקלייד'עט מאכט די פרוי א סך אנציהענדער און ליעבליכער ווי דיימאנדס און פאטשערקעס א סך, וואס בעציי־כענען מעהרסטענפאל די פרויען אלס אונענטוויקעלט, רוי און ווייט פון קולטור, ווי די ווילדע אינדיאנער פרויען וואס זוכען אנצולע־גען אויף זייערע קערפערס פעדערען פון אלערליי חיות, און וויפיעל פוץ זיי האבען איז זיי רק ווייניג!

ציוויליזירטע פרויען וואס בעטראכטען זייערע דיימאנדס אלס די הויפט־זאך אין לעבען, זיינען ניט בעסער ווי די ווילדע אינדי־אנער פרויען.

אלס א כלל, איז אימער גוט צו געדענקען, אז וואס איינפאכער, נור נעט, די פרוי געהט געקליידעט, אלץ בעסער געפעהלט זי יעדען און אלץ א פיינערען איינדרוק מאכט זי אויף די זייטיגע מענשען, וועהרענד דער צו־רעש'יגער פוץ מאכט פונקט די גענענזייטיגע וויר־קונג וואס די פרוי בעאבזיכטיגט צו ערנרייכען...

א שווינער פרעגט א שאלה

פון די פיעלע בריעף וואס איך ערהאלט פון פערשידענע פרויען, וועלכע גיסען פאר מיר אויס זייערע ביטערע הערצער, האט מיר שטארק פעראינטערעסירט איין בריעף, געשריעבען פון אן עלטערע פרומע ארטהאדאקסישע אידישע פרוי, וועמען גאט האט געבענשט מיט אל־דאס־גוטעס, נור זי האט ניט קיין נחת פון קינדער, ווייל איינער פון איהרע זיהן, וועלכער איז ביי איהר טהייער ווי דאס אויג אין קאפ, און וועלכער איז לויט איהרע ווערטער א סאמפעל פון געטהערציגקייט, האט זיך פערליעבט און חתונה געהאט מיט אזא פרוי, וועלכע לאזט איהם ניט אבהיטען אידישקייט, ווי ער איז געוואהנט געווען ביי טאטע־מאמע.

היער איז אן אויסצוג פון דעם בריעף:

„זייט ימים ושנים איז זיך די וועלט נוהג אז מען לאכט און מען שפעט און מען וויצעלט זיך איבער שוויגערס. ווי נור מען קריגט א גוטען שטעך־ווארט איז מען דערמיט מכבד א שוויגער, און דער עולם קוועלט און קלייבט נחת. ביי דער וועלט איז עפעס אנגענומען געווארען א פאלשע אידעע, אז א שוויגער זוכט צו מאכען א פרישה צווישען פאר־פאלקען, וואס לעבען זיך גליקליך, אדער זי זוכט אם ווענינסטען אונטערצוהעצען צו מחלוקת. נאטירליך איז עס פאלש. מען דארף ניט פערגעסען אז א שוויגער איז קודם כל א מאמע, און קיינער האט ניט אזא אינטערעסע צו זעהן א צווייטען מענש גליקליך, ווי א מאמע איהר קינד. אבער די שוויגער־וויצען זיינען א טהייל פון אלע אנדערע פאלשע בלבולים וואס ווערען געווארפען אויף פרויען, מיט׳ן צוועק זיי צו ערניעדריגען.

אלזא, ווערטהער הערר מאליץ, איך בין א שוויגער און א מאמע, און אום אויסצומיידען מען זאל אויף מיר ניט קענען ווארפען קיין שוויגער בלבולים וויל איך ביי אייך פרעגען א שאלה:

ביי מיר איז א כשר'ע אידישע הויז. איך בין גוט אב. מיין מאן איז א ריטיירד מווירטשענט. מיר האבען שוין אלע קינדער חתונה געמאכט, און אלע זיינען רייך, זיי האבען אייגענע אטאמאבילס, האלטען דיענסטען און משרתים, זיינען זעהר גוטע מענשען, בעוואוסטע טשאריטי לייט. נור איינער פון מיינע זיהן, דער בריליאנט פון מיין פאמיליע, א יונגער מאן אויף וועלכען גאט און לייט זיינען מיר מקנא, האט אנגעטראפען א וויב א טרייפנאטשקע. פסח, ווען אלע אידען עסען מצה, ווילט זיך איהר דוקא איסטערס און לאבסטערס. ווען מיין זוהן וואלט דערמיט געווען צופריעדען, וואלט איך נאטירליך דאס אויך ניט געוואלט לײדען, אבער איך וואלט געמוזט שווייגען; אלעס וואס איך וואלט געקענט טהאן איז ניט צו געהן צו זיי און ניט צו עסען ביי זיי. אבער אז מיין זוהן וויל עס אויך ניט ליידען, און ער מוז דאריבער אם מעהרסטען אויסמיידען ניט צו עסען אין דער היים, ווייל ער איז געוואהנט געוואַרען ביי זיין מאמע, וואו מען ווייסט פון מילכיגע און פליישיגע געשיר, וואו מען היט כשרות און פולען זונן — און וואו מען ווייסט פון שבת און יום טוב — פרעג איך אייך, האב איך א רעכט צו פאדערען פון מיין שנור, אז זי זאל פיהרען א אידישע קיך, ווען ניט קען מיין זוהן מיט איהר ניט וואהנען? וועל איך דאמיט הייסען א בייזע שוויגער, אדער ניט?

„איך האב געטרייעט צו רעדען מיט איהר מיט גוטען. „טאכטער מיינע, האב איך איהר געזאגט, וואס ארט דיך אז דוא וועסט היטען אידישקייט אין דיין הויז? דו קענסט אויספירען האלטען.צווייערליי געשירען, קענסט צונעהמען נאך א דיענסט ווען דוא ווילסט און זיי וועלען טהאן וואס דוא וועסט הייסען. וואס ארט עס דיך, אז זיי וועלען שטעלען די געשירען בעזונדער? וואס קימערט עס דיך, אז זיי וועלען קויפען פלייש ביי א אידישען בוטשער און וועלען עס מאכען כשר ווי גאט האט געבאטען, אזוי אז מיין זוהן

זאָל קענען עסען אין דער היים ביי זיין טיש און הנאה האָבען פון עסען, ניט געהן זוכען רעסטאָראַנען יעדען טאָג און זיך מוזען פער־דאַרבען דעם מאָגען?

„דאַכט זיך, אַז זי האָט אַ וואָרט ניט געדאַרפט רעדען און ער־פילען מיין וואונש, וואָס איז אויך דער וואונש פון מיין זוהן. אַבער רעדט צו דער וואַנד!

„אַנשטאָט געפילטע פיש, גרייט זי צו פּרייטאָג־צו־נאַכט לאָב־סטערס און געפּרעגעלטע חזיר, און אַנשטאָט אַ גוטען קוגעל, ווי מיין קינד איז געוואָהנט, גרייט זי אָן טרייפענע פּאַיס. איך ווייס אַז מיין זוהן ערגערט זיך שרעקליך דערפון, נור ער מוז שווייגען, ער איז אַ פּראָמינענטער מענש אין סאָסייעטי, און האָט מורא, עס פּאַסט איהם ניט צו מאַכען קיין סקאַנדאַל, עס זאָל זיך אָנפאַנגען מעשיות מיט קאָזאָלעס אין די צייטונגען, מען זאָל אַרויסשטעלען זיינע און איהרע פּיקטשורס, און די וועלט זאָל האָבען וואָס צו רעדען...

„גיט מיר אַן עצה מר. מאַליץ, וואָס זאָל איך טהאָן?"

מיין עצה צו דיעזער גוטער פרוי איז געווען אַז זי אַליין זאָל גאָר ניט טהאָן. נור איהר זוהן זאָל לאַנגזאַם אָבער דייטליך איהר געבען צו פערשטעהן, אַז אויב דער לאָבסטער איז ביי איהר טהייע־רער ווי דער מאַן און ווי איהר גאַנצער פאַמיליען לעבען, אויב ביי איהר איז רעכט אַז איהר מאַן זאָל אַרומגעהן עסען אין רעסטאָ־ראַנס, און זאָל ביי זיך אין דער היים ניט וויסען פון קיין שבת און קיין יום טוב, וועט דער סוף מוזען זיין אַ טרויעריגער. ער וועט ניט ווילענדיג ווערען אָבגעריסען פון דער היים און פון דער פרוי, און וואָס עס זאָל נאָכהער ניט זיין דער רעזולטאַט, וועט עס זיין איהר שולד.

די פליכט פון אַן אַנשטענדיגע פרוי איז זי זאָל זיין דעם מאַן ניט נור אַ פרוי נור אויך אַ מאַמע און אַ האַרץ־פריינד, זי דאַרף פאַר איהם מאַכען זיין היים ליעב און זיס, און ווען זי טהוט פונקט קאַפּויר ווי זיין ווילען איז, מעג ער זיין דער פיינסטער מאַן, וועט

ער ביי א געלעגענהייט שוין געפינען א היתר צו צורייסען די זיי־דענע רעליגיעזע פאדים וואס האבען איהם פערבונדען צו דער פרוי, און וועט זוכען זיינע היים־פערגעניגען אנדערסוואו. זי וועט שוין דאן געוויס חרטה האבען און וועט וועלען כאפען צוריק, אבער עס וועט שוין פיעלייכט זיין צו שפעט און ווען אפילו אלע לאב־סטערס וואס זי האט אויפגעגעסען זאלען נאך זיין לעבעדיג, וועלען זיי איהר שוין דאן אויך ניט קענען העלפען צוריקצוקעהרען איהר גליק און איהר גוטע וועלט וואס זי האט געקענט האבען און האט זיך אליין קאליע געמאכט.

אין דער פראגע פון פיהרען א כשר'ע הויז איז אין אלגעמיין אנגענומען פאלגענדער פרינציפ:

ווען דער מאן איז א פריידענקער און ער הייראטעט א רעלי־גיעזע פרוי, האט זי דאס רעכט צו פיהרען א כשר'ע הויז. ווייל דער מאן דארף וויסען אז זיין פרינציפ פערבאט איהם ניט צו עסען כשרות, די כשרות שטערט איהם אלזא ניט אין קיין זאך; וועהרענד איהר פרינציפ פערבאטעט איהר יא צו עסען טרפות, און זי קען עס ניט טהאן, סיידען זי זאל האנדלען געגען איהר איי־גענעם פרינציפ, ווי מען וואלט זי צווינגען זי זאל זיך שמד'ען. דאריבער מוז די קיך זיין ווי זי וויל.

דאס זעלבע ווען דער מאן איז רעליגיעז און די פרוי איז פריי־געזאנען, מוז זי מאכען די קיך א כשר'ע, ווייל זי וועט יא קענען עסען כשר'ע מאכלים, עס וועט ניט זיין געגען איהר פרינציפ, און ער קיין טריפה מאכלים וועט ניט קענען עסען, ווייל עס איז געגען זיין פרינציפ.

די פרוי מעג זיין ווי שעהן, קען זי לאנג ניט אנהאלטען איהר גליק, ווען זי וועט דעם מאן ניט נאכגעבען זיינע פרינציפיעלע איבערציינגונגען.

פרויען וואס מאכען זיך אליין אונגליקליך

איך קריעג מאסען בריעף פון פרויען, וועלכע בעקלאגען זיך, גליקליך, ווערהענד זיי וואלטען געקענט אבלעבען אלע זייערע יאהרען אין גליק און צופריעדענהייט.

איך קריעג מאסען בריעף פון פרויען, וועלכע בעקלאגען זיך, אז זייערע מענער האבען זיי ניט ליעב, אבער טאקע פון זייערע ווערטער אליין פערשטעה איך, אז ס'איז ניט ריכטיג. פרויען ביז זיבציג יאהר וואלטען נאך אלץ וועלען, אז זייערע מענער זאלען מיט זיי שפיעלען א ליעבע. ווען א פרוי איז שוין א באבע פון אייניקלאך, האט זי נאך אלץ א הארץ פון א כלה, וועלכע איז נור וואס פון דער חופה געקומען, און איהר חיות געהט איהר אויס צו הערען פון איהר מאן, אז זי איז שעהן און גוט, און אז זי איז די איינציגע פרוי אויף דער וועלט, וועלכע איז ווערטה געליעבט צו ווערען.

אבער עס וואלט זיין פיעל געזונדטער און בעסער פאר אזעלכע פרויען צו נעהמען אין אנבעטראכט, אז פאמיליען-לעבען איז ניט קיין שפיעלכעל, ניט קיין ראמאן. קומענדיג פון דער חופה אהיים, ענדיגט זיך דער ראמאן און עס פאנגט אן דאס ווירקליכע, פשוט'ע איינפאכע לעבען, וואס איז אזוי ווי דער וועטער, אמאל איז צו קאלט, אמאל צו הייס, און זעהר ווענינ טעג אזעלכע זיינען דא, אפילו אין מאי, אין וועלכען דער וועטער זאל זיין דורכאויס גוט און פיין.

דאס פערהייראטהע לעבען איז פערבונדען מיט געוויסע פליכ-טען. דאס לעבען קומט קיינעם ניט אן זייער גרינג, מען מוז דער-פאר בעצאהלען מיט ארבייט, מיט זארג, מיט עגמת נפש.

מען קען ניט עסען א חלה דעם גאנצען טאג און די חלה זאל בלייבען גאנץ. די פרוי וועלכע הייראטה און טרעט אריין אין פאמיליען־לעבען, די מיידעל וועלכע ווערט א פרוי פון א מאן און א ווירטהין פון א היים, מוז באלד ביי זיך אליין פועל'ען, אז די אלע בעגייסטערענדע שעהנע קאפיטלען פון איהר ראמאן, האבען זיך געענדיגט. די פאעזיע איז פאראיבער, און עס פאנגט אן דאס לעבען ווי עס איז.

די צייט פון ליעבע און ליעבעס ערקלעהרונגען זיינען די גע־ליעבטע ווי אקטיארען אויף'ן סטיידזש. זיי זיינען דאן קעניגע, פרינצעסינס און וואס נור איהר ווילט אליין. אבער ווען דער פארהאנג פאלט, און די אקטיארען קומען אהיים, זיינען זיי איינ־פאכע מענשען, ווי איהר און ווי איך. די סטיידזש פרינצעסין האט אויף דער ביהנע געמעגט האבען אכצעהן בעדיענער צו ער־פיהלען יעדען פיפס וואס זי לאזט ארוים פון מויל, ווען זי קומט נאך'ן שפיעלען אהיים, מוז זי זיך אליין אויסטהון די שיך און מוז אליין בעדיענען ניט נור זיך, נור אויך איהר מאן מיט די קינדער, אויב זי פערמאגט ניט צו האלטען א דיענסט.

א פערהייראטהע פרוי וואלט פיעל גליקליכער געלעבט, ווען אנשטאט צו טראכטען און צו דענקען אז דער מאן איז צו איהר ניט אזוי ליעבליך ווי ער איז צו איהר געוועזען פאר דער חתונה, זאל זי בעסער האבען אין די געדאנקען, אז דאס וואס איהר מאן ארבייט פאר איהר פון אין דער פריה ביז שפעט אין דער נאכט אום זי זאל האבען א גוטע און א שעהנע, בעקוועהמע היים, איז א סך א בעסערע ליעבעס ערקלעהרונג, ווי די שטארקסטע ליידענ־שאפטליכע שבועה פון דעם גרעסטען פאעטישען געליעבטען.

וועהרענד פאר דער חתונה קען מען יוצא זיין בלויז מיט ווערטער, מוז מען זיך אבער נאך דער חתונה רעכענען מיט פאקטען, מיט טהאטען. רעדען קאסט ביליג, די אמת'ע ליעבע פון א מאן ווערט געצייגט דורך ספענדען זיין שווער פערהארעוועטעס געלד צו פערשאפען דער פרוי אלע מעגליכע פערגעניגען.

דער אַרבייטער וואָס זיצט אין שאַפּ און אַרבייט וועגן אין טעג אַרבייט פון דער בויט...

דער אַרבייטער וואָס זיצט אין שאַפּ און אַרבייט אוועקטיים, ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס ער האָט שוין קיין כח ניט צו אַרבייטען, אָבער ער טהוט עס גערן אום ער זאָל קענען מאַכען זיין פרוי אַ פיינע דרעס אויף יום טוב, דער דאַרף ניט קומען און דערצעהלען זיין פרוי אַז ער האָט זי ליעב. די פרוי מוז עס אַליין בעגרייפען, און ווען אַזאַ פרוי וויל עס ניט בעגרייפען און געהט אַרום ברוגז פאַר וואָס דער מאַן זאָגט איהר ניט: „קעצעלע, ליובעניו!“ ווען ער קומט אַהיים אַ מיעדער, אַן אויסגעמאַטערטער, בעגעהט זי אַ שרעקליכען אונרעכט.

און מערקווירדיג, עס זיינען דאָ מאַסען פרויען אַזעלכע, וועלכע זעהען פאַקטיש די טרייהייט און איבערגעבענהייט פון זייערע מענער, דאָך זיינען זיי ניט צופריעדען. זיי האָבען ניט קיין אַפּעטיט צום געזונדטען ברויט מיט פּוטער וואָס קומט פון גאַנצען הארצען, ווען עס איז ניט אַרומגערינגעלט מיט ראָמאַנטישע קאָמפּלימענטען. זיי גלייכען הערען אַלע ווייַלע אַנדערע חנופה־ווערטער, און ליידער פאַסירען גאַנץ אָפט פעלע וואו פרויען פעראונגליקען זיך אַליין מיט דעם וואָס זיי דורשטען נאָך חנופה און פאַלשע קאָמפּלימענטען.

עס האָט שוין ניט איינמאָל געטראָפען, וואָס אַ פרוי האָט זיך גע׳גט מיט איהר מאַן, ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס ער איז געווען זעהר געטריי און האָט אימער געאַרבייט מיט זיין גאַנצער נשמה, אַז זיין פרוי זאָל גאָר ניט פעהלען אין לעבען, און דאָך איז זי גע־גאַנגען און האָט זיך פערליעבט אין אַ מאַן וואָס האָט אַ גלאַטע צינגעלע און קען שעהן רעדען, אָבער צו דער זעלבער צייט וואָלט ער זי לאָזען צעהן מאָל אין טאָג שטאַרבען פון הונגער, איידער ער זאָל דאַרפען אָפּערען פאַר איהר עטוואָס פון זיינע אייגענע פערגעניגענס און בעקוועהמליכקייטען.

גליקליך איז די פרוי וועלכע איז ניט צופיעל סענטימענטאַל און זוכט ניט הימעלשע זאַכען דאָ אויף דער ערדישער וועלט. עס האָבען געפעהלט די יאָהרען, יענע סענטימענטאַלע צייטען ווען מען פלעגט אַלע ווייַלע הערען ווי מענער בעגעהן זעלבסטמאָרד אויס

ליעבע, און פרויען פלעגען אלע זייערע יאהרען וויינען און קלאגען, און זייער גאנצען לעבען אבפינסטערען, ווען זייער געליעבטער איז זיי אונטריי געווארען און האט געהייראטה אן אנדערע. אפילו די ראמאנען היינטיגע ווערען שוין געשריעבען אויף א גאנץ אנדער־וועג. דאס זעלבע זיינען די לעבענס־בילדער וואס ווערען יעצט פארגעשטעלט אין די טהעאטערע, ניט מעהר אזוי סענטימענטאל ווי מיט יאהרען צוריק. די אלט־מאדישע ליעבע העלדען זיינען פערשוואונדען פון דער ביהנע, ניטא זיי מעהר! קיינער וואלט גאר יעצט ניט גלייבען אזא פרוי וועלכע קען ניט נעהמען דאס לע־בען ווי עס קומט. קיינער גלייבט גאר ניט היינטיגע צייטען א פרוי א פערזארגטע, א פערוויינטע נשמה, וואס קען זיך ניט דער־ווארטען די עטליכע שטונדען, וואס דער מאן איז ביי ביזנעס, אדער ביי דער ארבייט, און קוקט שוין גיכער ארויס ער זאל קומען און איהר א קוש טהאן, און ווען ער קומט ניט אזוי גיך, אדער ער פערשפעטיגט א האלבע שטונדע חלש'ט זי.

יענע צייטען זיינען מעהר ניטא.

די העלדינען וואס ווערען פארגעשטעלט אין יעצטיגע ראמאנען זיינען אזעלכע וואס זעהען יעדע זאך אין דער ריכטיגער פארב. גוט אדער שלעכט, איז די היינטיגע העלדין אימער פערטיג ריכ־טיג צו אורטהיילען און צו ענטשיידען די וויכטיגע לעבענס־פראגען. ווען זי פאלט דורך אין ליעבע בלייבט זי ניט א דערשלאגענע און א פערלארענע פיר אימער. זי זעהט ארויסציהען פון לעבען דאס בעסטע וואס זי קען נור פאר איהר צוקונפט. זי ווייסט אז דאס לעבען איז א זאך פיר וועלכען מען מוז אימער קעמפפען און זי שטעהט ווי א העלד און קעמפפט. זי וויינט ניט, זי חלש'ט ניט נור זי דענקט וועגען א תכלית.

א פרוי וואס קען זיך ניט קאנטראלירען און וויינט און קלאגט פון פערצווייפלונג ביי יעדע אונאנגענעהמליכקייט וואס זי בעגע־גענט אין לעבען, די ווערט יעצט גערעכענט אלס א קראנקע, היס־טערישע, נערוועזע פרוי, וועלכע מוז זיך קורירען ביי א דאקטאר.

און קיינער קען ניט לייקענען דעם פאקט אז פרויען האבען יעצט ריכטיג אזוי פיעל אורזאכען צו וויינען, ווי זיי האבען אמאל געהאט. עס זיינען דא גענוג אונגליקליכע פרויען אויף דער וועלט, וועלכע מעגען וויינען און דארפען וויינען. דאך אמפפאנגען זיי איבעראל דעם טראגישען צושטאנד בראוו און מוטהיג ווי אמת'ע העלדען.

וויינען, חלש'ען און אלע אנדערע סענטימענטאלע געפיהלען הארמאנירען ניט מעהר מיט דער יעצטיגער פרוי. זי פאנגט אן צו געברויכען מעהר פערשטאנד ווי געפיהל, און זאכען צו וועלכע זי ווייסט אז מען קען גאר ניט העלפען, נהמט זי אן בראוו, ווי דער תלמודישער פילאזאף נחום איש־גם־זו, מיט א גם זו לטובה, און געהט ווייטער איהר וועג אין לעבען'ס קאמפף ווי אן אמת'ע העלדין.

ווייבערשע טרערען

הונדערטע וויצען און גלייך־ווערטלאך האבען שוין מענער געשריבען וועגען פרויען־טהרערען. די אלגעמיינע מיינונג ביי מענער איז, אז מען זאל ניט גלויבען א פרוי ווען זי וויינט, ווייל זי וויינט ווען זי וויל, און ביי דער מינדעסטער געלעגענהייט איז די פרוי אימער פערטיג צו פערגיסען טרערען אויב עס איז יא דא פאר וואס צו וויינען, אדער ניט.

אבער מיין מיינונג איז, אז אין דיעזע פרויען־טרערען ליעגט די גרויסקייט פון זייער נשמה. די לייכטע נייגונג פון פרויען צו וויינען און צו פערגיסען טרערען צייגט די לויטערקייט פון זייער

כאראקטער, די זויבערקייט פון זייער זעעלע, און ווי ווייט הויך זיי שטעהען אין מענשליכקייט געגען די מענער, וואס האבען זיך אליין איינגעשמועסט אז זיי זיינען אלעס און די פרוי איז גאר־ניט.

די פרוי איז נאהענטער צו געטליכקייט, זיי פיהלען מעהר די מענשליכע פליכטען, זי בעגרייפט שנעלער אן אונרעכט, און אנ־שטאט צו יוזען קראפט, אנשטאט צו געברויכען דעם קולאק, ווי עס טהוען געוועהנליך מענער, געברויכט די פרוי טרערען. זי וויינט פאר וואס מענשען זיינען ניט בעסער ווי זיי זיינען צו זייערע מיטמענשען, און דאס זעלבע וויינט זי און בעט ביי גאט, אז אויך ער זאל זיין בעסער צו די מענשען.

די פרוי איז זעהר געפיהלפאל. זי קען קיין שלעכטעס ניט זעהן. זי קען ניט דולדען קיין פערדארבענהייט. זי איז פריהער ארויס פון דער מדריגה פון חיה ווי דער מאן. און מעג זיך דער מאן האבען מעהר ידיעה אין ריעל עסטייט, מעהר פעהיגקייט אין ביז־נעס, אבער אין פליינע, ריינע, ניט געפארבטע מענשליכקייט, איז די פרוי אוועק א סך, א סך ווייטער ווי דער מאן.

און זי זעהט דאריבער א סך זאכען איבער וועלכע מען דארף וויינען. זי זעהט אלעס דייטליכער און שנעלער, און זי וויינט שנעלער.

מיר ווייסען אלע, אז דער מענש איז לאנגזאם, זעהר לאנגזאם איבערגעגאנגען פון דער מדריגה פון „חיה" צו דער מדריגה פון „מענש". טריט ביי טריט, האט ער געשפאנט און האט זיך מיט גרויס וועהטאגען געשלעפט, און אנגעפיהרט א שווערען קאמפף צו ערהויבען זיך העכער פון דער געוועהנליכער חיה.

יעדער ביין אין מענשען, יעדער מוסקול און יעדער נערוו, צייגט אז דער מענש איז אין אנפאנג פון זיין ענטוויקלונג געוועזען א חיה און ניט מעהר, און עס האט גענומען טויזענדע און טויזענדע יאהרען ביז דער מענש האט אנגענומען יעצטיגען געשטאלט.

דעם מענשען׳ס כיטראסט, זיין בייזקייט, זיין שלעכטקייט, זיין קארגקייט, זיין מורא, זיין ערניעדריגען זיך, זיין גייסט צו גנב׳ענען און בעהאלטען, זיין פרעסערישער אפעטיט, און זיינע

אינסטינקטען, שטעמפּלען איהם נאָך ביז היינטיגען טאָג אַלס אַ פּראָדוקט פון יענער אַלטער פּרעהיסטאָרישער צייט, ווען ער איז אנשטאָט מענש געוועזן איו גאַנצען חיה.

דיזע אַלע ניעדעריגע אייגענשאַפטען זיינען אין יענע צייטען געווען אַ נויטווענדיגקייט, ווייל די מענשען האָבען גלייך ווי די חיות געלעבט אין די ווילדע וועלדער און אַלע געהאַט אַ גלייכען בעגריף אין לעבען.

דער פוקס און דער וואָלף מוזען זיין געשיקט און כיטרע אום אויפצוהאַלטען זייער לעבען. דער בער מוז ליעגען שטיל און וואַטשען צו טויטען די שוואַכערע חיה, אדער דעם מענשען, אום זיך צו בעזאָרגען מיט חיונה. פון ליעבע, רחמנות, פריינדשאַפט, ווייסען ניט די אַלע בעשעפּענישען וואָס מיר רופען אַן חיות. דערפאַר ווייסען זיי אָבער גוט פון מורא. אַלע מוזען מורא האָבען פאַר מאָרגען, טאָמער וועלען זיי מאָרגען ניט האָבען וואָס צו עסען דאריבער מוזען זיי אַלע גנב'ענען, וואָס עס קומט זיי נור צו די הענד, און בעהאַלטען אויף שפּעטער. מעג אַן אַנדער חיה אויסגעהן פאַר הונגער, וועט איין חיה דער אַנדערער ניט אויסהעלפען. ווייל עס פעהלט זיי ליעבע און מיטלייד.

און אַט פון אַזאַ מין חבריא, איז דער מענש ארויסגעקומען, האָט זיך אַוועקגעשטעלט גלייך, האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען ארויף צום הימעל צו עטוואָס געטליכעס, און האָט אָנגעפאַנגען קריכען ארויף. דער איבערגאַנג פון חיה אין מענש איז אָנגעקומען זעהר שווער. אָבער די פּרוי איז געווען די ערשטע צו בעגרייפען ליעבע און מיטלייד און דאָס האָט זי שנעלער געבראַכט צו דער הויכער מדריגה פון מענש.

און נאָך ביז היינטיגען טאָג קען זיך דער מאַן ניט אָבגעוואָה־נען פון זיין טהירישער נייגונג צו גנב'ענען און גזל'ענען און אָנ־גרייטען אויף שפּעטער. די מעהרסטע ביזנעס ווערען געגרינדעט אויף'ן פּריציפּ פון גנב'ענען און רייסען און שינדען די הויט פון אַנדערע. און מעג דער מילך מאַן שוין האָבען אָנגעזאַמעלט מיליָ־אנען, וועט ער קיין מאָל ניט וועלען אַ טראַכט טהון אפילו, אַז

הונדערטע און הונדערטע בייבים, געהען אוים ווי די ליכט, ווייל זייערע מאמעס פערמאגען ניט זיי צו קויפען קיין מילך פאר אזעלכע הויט־רייסענדע פרייזען.

און ווער ווייסט וואו די מענשהייט וואלט זיך נאך ביז יעצט געפונען ווען ניט די פרויען מיט זייערע טרערען.

אין דער זעלבער צייט ווען די מענער האלטען נאך אן א היבשע ביסעל די אלטע טהירישע מעטאדען צו פייטען איינער דעם צווייטען פאר חיונה, פייט די פרוי פאר דער מאראלישער זייט פון לעבען. זי פייט פאר ליעבע, פאר רחמנות, פאר מיטלייד. און זי פיהרט איהר פייט מיט טרערען. זי וויינט ווען זי זעהט אונרעכט, זי וויינט ווען זי זעהט פערדארבענהייט, זי פערגיסט טרערען ווען זי זעהט א הונגעריגען, און דאס ביסעל גוטעס וואס מיר זעהען יעצט אויף דער וועלט איז נור געקומען דורך פרויען־טרערען. יעדע גוטע זאך וואס די מענשהייט בעזיצט, יעדע גוטע טהאט וואס איז פערבונדען מיט ליעבע און רחמנות, יעדע גרויסע ארבייט וואס בעאבזיכטיגט דעם מענשען צו לייטערען און ארויס־טרייבען פון איהם די חיה, אלע האספיטעלער צו פערלייכטערען מענשליכע שמערצען, אלע טשאריטי אינסטיטושאנס צו העלפען הונגעריגע און ניעדערשלאגענע און אלע אנדערע רחמנות אנשטאל־טען מיט וועלכע די ציוויליזירטע וועלט שטאלצירט אזוי גענען די אמאליגע פינסטערע צייטען, — זיינען אלע געקומען אלס א רע־זולטאט פון פרויען טרערען. מיט זייערע טרערען האבען זיי אלע פערשלאסענע טויערען געעפענט, מיט זייער וויינען און קלאגען האבען זיי געוועקט רחמנות אין מענערשע הערצער און ארויסגע־רופען ליעבע און מיטלייד געפיהלען ביי דער מענשהייט. און אויב מיר האבען דא עטוואס גוטס, האבען מיר דערפאר נור צו דאנקען די פרויען און זייערע קוואלען טרערען וואס פליסען אימער צו מאכען פייכט הארטע הערצער, ווי דער רעגען, וואס מאכט פייכט הארטע טרוקענע ערד, און מאכט וואקסען ברויט אויף דער וועלט.

און ווען נור איך זעה אמאל א פרוי וויינען, קומט מיר דאן אויף מיינע געדאנקען, אז אין פרויען טרערען ליעגט די גרויס־

קיים פון זייער נשמה. די לויטערקייט פון זייער כאַראַקטער, און נים בלויז מאַכען זיי מיט זייערע טרערען זייערע אייגענע מענער און קינדער בעסער, נור זיי מאַכען די גאַנצע וועלט בעסער מיט זייערע טרעהען. ווי דער פריהלינג רעגען וואָס עפענט די קאַלטע פערפרוירענע ערד און ברענגט פון דאָרט אַרויס נים בלויז שפּייז וואָס מען מוז האָבען צום לעבען, נור אויך בלומען וואָס מאַכען די לאַנדשאַפט שעהנער און די לופט זיסער.

די אשת איש

(ראָמאַנטישע לעגענדען).

(ענטנומען פון סדר חדורות).

עס איז אין רבי עקיבא׳ס צייטען.

נתן דער פּראַצענטניק, אַ איד אַן עושר, האָט אויף אַ ווייל פערגעסען אַלע זיינע געלד אינטערעסען און האָט זיך פערליעבט אין אַ פרוי.

עס איז געווען איינע פון יענע ליעבעס וועלכע קומען אונ־ערוואַרטעט מיט די שנעלינקייט פון אַ בליץ. און אין זעלבען מאָ־מענט בויען זיי אויס זייער נעסט ביי יענעם אין האַרצען, און קריכען שוין פון דאָרט ניעכּאָלם אַרויס.

חנה האט די פרוי געהייסען אין וועלכער ער האט זיך פער־ליעבט. זי איז געקומען בארגען עטוואס געלד אויף א משכון, און נתן האט זי דערזעהען און איז א צוקאכטער געווארען.

ווען ער האט איהר דאס געלד געצעהלט האבען איהם די הענד געציטערט. ער האט איהר עפעס געוואלט זאגען אבער ער האט קיין ווערטער ניט געפונען. דאס לשון האט איהם אבגענומען, און אזוי שנעל ווי זי איז ארויס פון זיין הויז איז ער קראנק גע־ווארען, און האט געפיהלט אז אהן איהר וועט ער ניט קענען לעבען.

אבער וואס האט ער זיך געקענט העלפען. ער האט געוואוסט אז חנה איז אן אשת איש. און נאך דערצו א טרייע פרוי צו איהר מאן, און זיין וואונש קען קיינמאל ניט ערפילט ווערען.

אזוי ווי געלד האט ער געהאט גענוג האט ער גערופען א גרוי־סען קאנסיליום פון דאקטוירים און פראפעסארען און האט זיך מיט זיי בעראטהען וואס צו טהאן צו זיין קראנקהייט. ער האט געפיהלט אז ער געהט אויס. ער צאנקט, ווי א ליכט פון טאג צו טאג.

די פראפעסארען און דאקטוירים האבען מאנאטען לאנג גע־טרייעט פערשיעדענע רעצעפטען דעם פאציענט געזונד צו מאכען, און עס האט ניט געהאלפען, ביז זיי האבען איהם ענדליך אפען ערקלעהרט, אז ער קען קיין רפואה ניט האבען ביז ער וועט ערפילען זיין ברענענדע ליידענשאפט מיט דער פרוי חנה.

די פראפעסארען אליין זיינען אוועק צו די חכמים, האבען זי ערקלעהרט די גאנצע געשיכטע, אז דא האנדעלט זיך אום צו רעטען א מענשען פון טויט, און האבען געבעטען פיעללייכט קען מען געפינען א וועג מתיר צו מאכען די אשת איש פאר זייער פאציענט. אבער די חכמים האבען געענטפערט, אז אן אשת איש קען מען ניט מתיר מאכען קיינעם, און אז עס איז בעסער נתן זאל שטארבען איידער צו טהאן אזא גרויסען חטא.

— פיעללייכט איז מעגליך, האבען די פראפעסארען געפרעגט, מען זאל דעם פאציענט ערלויבען ער זאל זיך אם וויינינגסטען מיט דער פרוי אינטערהאלטען א ביסעל, רעדען, באלאקען; עס קען זיין אז דאס אליין זאל איהם העלפען?

— איידער צו לעבען דורך אזא רפואה, האבען די חכמים גע־האלטען איינם, איז בעסער ער זאל שטארבען.

און דער רייכער נתן איז פון טאג צו טאג שוואכער געווארען. אלע האבען געזעהען אז ער שטארבט, אלע האבען געוואוסט זיין רפואה, און דאך האט מען איהם ניט יעקענט העלפען.

ויהי היום, און עס האט פאסירט אז חנה'ס מאן איז געווא־רען א גרויסער בעל חוב און מען האט איהם איינגעזעצט אין גע־פענגנים פאר זיינע שולדען.

חנה האט נעבאך שווער און ביטער געמוזט ארבייטען אויפצור־האלטען זיך און דעם מאן. אם מעהרסטען פלעגט זי אליין טעג־וויין ניט טועם טעם זיין קיין עסען און פאר די פאר סענט וואס זי האט פערדיענט פון שווערע ארבייט פלעגט זי אבקאכען א גוטען מאלצייט און אוועקטראגען דעם מאן אין געפענגנים. ווען ער האט ניט די פרייהייט, פלעגט זי צו זיך אליין זאגען, זאל ער כאטש אם וויינינגסטען זיין זאט.

איין מאל ווען חנה איז געקומען צום מאן אין געפענגנים, האט זי איהם געפונען זעהר טרויעריג און פערוויינט.

— וואס וויינסטו היינט מעהר ווע אלע מאל, מיין טהייערער מאן? האט זי ביי איהם געפרעגט.

— אוי, מיין ליעבע פרוי, איך קען שוין מיינע צרות ניט אריבערטראגען, האט ער צו איהר געזאגט. איך וואונש מיר שוין בעסער דעם טויט איידער אזא לעבען. ביז ווי לאנג נאך וועל איך זיצען אין דעם גרוב, אהן אירגענד וועלכער שטראחל פון האפנונג

לויז צו ווערען אמאל. ווען דו וואלסט מיט באמת געוואלט ראטע־ווען, וואלסטו עס זעהר לייכט געקאנט טהאן.

— אדרבה מיין טהייערער מאן, זאג מיר וואס זאל איך טהאן, און איך וועל לויפען אין פייער און אין וואסער פאר דיר. איך וועל טהאן וואס דו ווערסט מיר הייסען, אבי דיך צו ראטעווען.

און וועהרענד חנה האט דיעזע ווערטער גערעדט האבען טייכען טרערען פון איהרע אויגען געגאסען און מען האט געזעהן אז זי מיינט וואס זי רעדט.

— ווען דו ווילסט מיך באמת ראטעווען, האט דער מאן פארט־געזעצט, זאלסטו געהן צו נתן דעם גביר, און זאלסט איהם פאלען צו די פיס און בעטען, ער זאל דיר בארגען די סומע געלד וואס איך בין שולדיג, און ווען איך וועל ווערען א פרייער מענש, וועל איך געהן ערד גראבען און וועל איהם בעצאהלען, וואס ער וועט דיר יעצט אויסבארגען.

חנה איז טוידט בלאס געווארען און האט אנגעפאנגען ציטערען ווי אין א פיבער.

— וואס רעדסטו?... גאט איז מיט דיר! האט זי געשטאמעלט, ווייסט דו דען נים אז ער ליעבט זיך אין מיר שטערבליך... ווי קען איך צו איהם געהן... ווי קען איך מיין עהרע, מיין רעליגיאן, מיין מענשליכקייט פערקויפען?! ניין, מיין מאן, דאס וואס דו פערלאנגסט פון מיר יעצט איז א צו טהייערער קרבן... איך האב זיך נים געריכט דו זאלסט מיך צו אזא זאך צו רעדען...

און מיט גרויס אויפרעגונג איז זי אוועק פון געפענגניס און איז מעהר צום מאן נים געגאנגען דריי מעת לעת כסדר.

אויפ'ן פיערטען טאג, ווען זי האט זעהר אנגעהויבען בענקען, און איז געלאפען גאנץ פריה אין געפענגניס זעהען וואס דער מאן מאכט, האט ער זי איינפאך געוואלט ארויסטרייבען.

— געה ארויס פון דאנען, דו מערדעריןן! האט ער געדאנערט, דו ווילסט אז איך זאל דא שטארבען כדי דו זאלסט נאכהער קענען

חתונה האבען מיט דיין געליבטען נתן. ס'איז אלל ראיט, איך פערשטעה דיינע קונצען...

— וועה צו מיר, מיין טהייערער מאן, וואס רעדסט דו? האט זי איהם מיט ווייבע רייד געענטפערט. איך האב אויף דיר קיין פאריבעל ניט, וויל איך וויים אז ניט דו, נור דיינע צרותריידען עס. אבער בערעכען זיך גוט, וואו איז עס געהערט געווארען, אז א מאן זאל הייסען זיין אייגענע פרוי זי זאל זיך געהן פעראונרייניגען? ווי קענסט דו דאס פון מיר פערלאנגען?

דאביי האט זי זיך ביטער צו־וויינט, און דער מאן האט מיט איהר שטארק מיטלייד בעקומען.

— זיי ניט בייז, מיין ליעבע פרוי, האט ער זיך ביי איהר געבעטען, דו האסט רעכט, ניט איך, נור מיינע שמערצען האבען עס פון מיר גערעדט. געה אהיים, בערוהיג זיך, אפשר וועט גאט זעהען מיין פיין, און וועט מיר ווי עס איז צושיקען זיין הילף פון אן אנדער מקור. ביי גאט איז אלעס מעגליך.

חנה, די געטרייע פרוי האט אבער ניט געקענט רוהען דערפון וואס איהר מאן ליידעט אזעלכע שרעקליכע שמערצען. זי איז אוועק אהיים און האט דעם גאנצען טאג געפאסט און מתפלל געווען צו גאט, אז זי זאל ניט געשטרויכעלט ווערען אין אזא שרעקליכען חטא, דאן איז זי אוועק צו נתן'ען.

ווי זי איז נור אין טהויער פון זיין הויף געקומען, זיינען די משרתים געלאפען אנזאגען איהם די בשורה אז חנה איז צו איהם געקומען. און דער קראנקער איז אזוי דערפרעהט געווארען, אז ער האט געזאגט צו די דיענער:

— אויב עס איז אמת, ווי איהר זאגט, אז חנה קומט צו מיר, וועל איך אייך פאר דער בשורה אלעמען שענקען די פרייהייט.

אין דעם זעלבען מאמענט האט זיך די טהיר פון זיין צימער געעפענט און חנה איז אריינגעקומען.

נתן האט אין זיין גאנצע קראנקהייט פערגעסען, און מיט דער שנעלקייט פון א בליץ איז ער אראב פון בעט, און איז איהר אנט־קעגען געלאפען.

— מיין ליעבע חנה! האט ער אויסגערופען מיט א ריהרענדע שטימע. וואס פערלאנגסט דו פון מיר? מיין האלב פערמעגען גיב איך דיר אוועק...

— איך פערלאנג פון דיר דו זאלסט בארגען מיין מאן א סומע געלד, ער זאל קענען בעצאהלען זיינע בעלי חובות און זאל צוריק פריי ווערען.

נתן האט גלייך בעפאהלען צו זיינע קנעכט מען זאל אריינ־ברייגנען א זאק מיט רענדלאך און האט געהייסען חנה'ן זי זאל נעהמען ווי פיעל זי וויל אליין. אבער חנה האט בלויז גענומען ווי פיעל זי האט געדארפט האבען דעם מאן צו בעפרייען פון תפיסה, און נאכדעם ווי זי האט הערצליך געדאנקט איהר וואלטהעטער, האט זי איהם געזאגט: „גוט־נאכט“ און האט געוואלט אוועקגעהן, אבער נתן האט איהר צוריק געהאלטען.

— זעה, מיין ליעבע חנה, האט ער צו איהר געזאגט מיט א ציטערענדע שטימע, איך האב דיין וואונש ערפילט, ווארום זאלסט דו אויך מיין וואונש ניט ערפילען? דו ווייסט דאך אז מיין ליעבע צו דיר קענען אלע ימים ניט פערלעשען, איך בין דורך דער ליעבע קראנק געווארען, און נור דו אליין קענסט מיר אומקעהרען מיין צובראכענע הארץ און צוואוויטאגטע נשמה. קיין דאקטאר און קיין פראפעסאר קען מיר ניט העלפען, נור דו! דו ביזט די איינ־ציגע וועלכע קען מיך געזונד מאכען. האב אויף מיר רחמנות און ראטעווען מיין לעבען.

— איך בין אין דיינע הענד, האט חנה געענטפערט און האט ארויסגעלאזט א שווערען זיפץ פון הארצען. דו קענסט מיט מיר טהאן וואס דו ווילסט, אבער געדענק, מיין הערר! דו שטעהסט יעצט ביי צוויי וועגען. איין וועג פיהרט צום לעבען און דער אנדערער צום טויט. בעטראכט זיך אז מיט דער שמוציגער תאוה

וואס געדויערט נור איין אויגענבליק פערשפּיעלסט דו דיין גאַנצען גליק, דיין צוקונפט, און הרג'עסט נאָך צוויי מענשען, מיך און מיין מאַן. וואס דויערט די מענשליכע תאוה? בלויז איין מינוט! דערנאָך פּלאָגט איהם זיין געוויסען דאס גאַנצע לעבען! איך בעט דיך, מיין הערר, בייג אַנידער דיין יצר הרע, בעצווינג דיין תאוה און בעזיעג דיין ליידענשאַפט. מאַך מיך ניט אַסור צו מיין מאַן אויף עביג! זעה אַז אונטערשיעד, איך בין דאָך נור אַ שוואַכע פרוי, איך ליעב דיך אויך פון גאַנצען הארצען און דאָך שטאַרק איך מיך מיין תאוה צו בעהערשען אום איך זאָל מיין לעבען ניט פערזינדיגען אויף עביג!... נתן, זיי אַ העלד און בעהערש זיך!...

ווי נתן האָט געהערט איהרע קלוגע רייד, איז ער געפאַלען צו דער ערד און האָט מתפלל געווען צו גאָט, ער זאָל איהם העלפען דעם יוצר הרע גובר צו זיין. גאָט האָט אויך זיין תפלה אַנגענומען, וויil באַלד איז נתן אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו חנה און האָט איהר געזאָגט:

— געבענשט זאָלסט דו זיין דיין גאַנצען לעבען, דערפאַר וואס דו האָסט מיך מציל געווען פון אַזאַ גרויסען חטא. געה בשלום אהיים.

חנה איז מיט גרויס פרייד געלאָפען און האָט בעפרייט איהר מאַן פון תפיסה. זי האָט איהם גאַטירליך דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע וואס צווישען איהר און נתן איז פאָרגעקומען אָבער דער מאַן האָט איהר ניט געוואָלט גלויבען אַז זי איז אַרויס פון נתן'ס הויז ריין אָהן אַ חטא און ער האָט זיך אָבגעשיידט פון איהר.

איין מאָל ווען רבי עקיבא איז געזעסען מיט זיינע תלמידים און האָט געלערענט. האָט ער געזעהען דורך'ן פענסטער ווי אַ מאַן האָט געריטען אויף אַ פערד און איבער'ן רייטער'ס קאָפּ האָט געשטראַהלט אַ מאָרנע ליכט, ווי דער גלאַנץ פון הימעל.

— זעהט, ווער איז דער מאַן וואָס רייט דאָ אונז אַנטקעגען? האָט רבי עקיבא געפרעגט זיינע תלמידים.

ס'איז דאָך נתן דער פּראַצעגטניק, האָבען די תלמידים גע־ענטפערט מיט שפּאָט, דאָס איז דער נתן וואָס האָט דוקא געוואָלט האָבען אַן אשת איש, ווען ניט שטאַרבט ער.

רבי עקיבא האָט געהייסען מען זאָל דעם רייטער אַריינרופען און ווען נתן איז אַריינגעקומען האָט איהם רבי עקיבא געפרעגט:

— זאָג מיר וואָס פאַר אַ מצוה האָסט דו געטהאָן וואָס איבער דיין קאָפּ שיינט אַזאַ געטליכע ליכט?

נתן האָט דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע וואָס איז פאָרגעקומען צווישען איהם און חנה.

— אויב אַזוי איז שוין רעכט, האָט רבי עקיבא אויסגערופען מיט גרויס התפעלות. דערפאַר וואָס דו האָסט גובר געווען דיין יצר הרע שיינט פון דיר די שכינה. יעצט מיין זוהן, זעץ זיך אין מיין ישיבה, וועסט לערנען תורה און וועסט נאָך ווערען אַ גרויסער מאַן.

נתן האָט איהם געפאָלגט. ער האָט זיך געזעצט לערנען מיט גרויס התמדה, אַז עס האָט לאַנג ניט גענומען און זיין נאָמען איז געוואָרען לשם ולתפארת ביי אַלע אידען.

איין מאָל איז געקומען חנה'ס מאַן צו רבי עקיבא אום צו פרעגען אַ שאלה וועגען אַ געוויסען ענין, און האָט דערזעהן ווי נתן זיצט אויבען־אָן, נעבען רבי עקיבא'ן. ער איז ערשטוינט גע־וואָרען. ער האָט ניט געגלויבט זיינע אייגענע אויגען.

— סטייטש,האָט ער געפרעגט ביי איינעם פון די תלמידים, ווי אַזוי איז עס נתן דער הולטאַי געקומען צו אַזאַ הויכע שטופע?

די תלמידים האָבען איהם דערצעהלט די גאַנצע מעשה, און

דער מאַן האָט דורך דעם ערפאַהרען אַז זיין ווייב איז ריין און ערליך, און איז באַלד אוועק און איז איהר צו די פיס געפאַלען

זי זאל איהם מוחל זיין און זאל מיט איהם געהן צוריק וואהנען ווי גאט האט געבאטען.

און זי איז געגאנגען.

נתן האט בעקומען דעם נאמען „צוציתא" — די בעדייטונג דערפון איז — ליכט, שטראהלען.

(סדר הדורות, אות ד').

מענער שרייבען געזעצע און פרויען היטען זיי

אידען האבען זיך פון אימער אַן אויסגעצייכענט מיט זייער ריינעם, שטילען און אנשטענדיגען פאמיליען-לעבען.

אין אַלע לענדער וואו מיר האבען געוואהנט די גאנצע צייט זייט מיר זיינען אין גלות, האבען אפילו די גרעסטע און די גליקליכסטע פעלקער אונז מקנא געוועזן אויף אונזער פאמיליען-לעבען.

דער לאנגער גלות, דאס ארומוואנדערען פון לאנד צו לאנד, האט שוין אפילו א היבשע ביסעל אבגעשוואכט, און זעהר פיעל פערראונרייניגט, אונזער ערהאבענעם רעליגיעזען פאמיליען-לעבען; אבער ער איז נאך ביז היינטיגען טאג פיעל שעהנער, און פיעל ריינער, ווי ביי די אומות העולם.

און פערדאנקען דערפאר האבען מיר נור די פרויען.

אונזערע אידישע פרויען פיהרען זיך אם מעהרסטען אויף אזוי פיין, אזוי נאבעל, אז ווי שלעכט מאנכע מענער זאלען ניט

זיין, בלייבט אלעס פערבארגען און פערשטיקט בחדרי חדרים; די ווייב ליידעט, מאטערט זיך, וויינט אין דער שטיל, און זעלטען ווען עס קומט צו אפענע סקאנדאלען. אויף אזא ארט און ווייזע האבען די פרויען פון אימער אן געשאפען און אויפגעהאלטען די גרויסע רעפוטאציע וואס מיר האבען געקראגען פאר אונזער אנשטענדיגען פאמיליען-לעבען.

מענער האבען אונזערע פיינע פאמיליען-געזעצע געשריעבען, און פרויען האבען דיעזע געזעצע עהרליך און טריי געהיט.

מיר געפינען אין קיצור שלחן ערוך, אות ד׳, פאלגענדע אינסטראקשאנס, ווי אזוי א אידישע פרוי דארף זיך פיהרען, און וועלכעס די מעהרסטע אידישע פרויען ערפילען בוכשטעבליך, נאך ביז היינטיגען טאג: —

„דער דרך ארץ פון דער פרוי איז, אז זי זאל זיין א ווירטהין. זי זאל תמיד אכטונג געבען אויף איהר הויז. זי זאל זעהען אז עס זאל אלצדינג גאנץ און ריין בלייבען. זי זאל היטען עס זאל צו קיין שאדען ניט קומען. קיין זאך זאל ניט פערשימעלט אדער געשפאילט ווערען. זי זאל זעהן אז דאס עסען וואס זי קאכט זאל האבען א טעם. עס זאל ניט זיין צוגעברענט און ניט רויה, ניט צופיעל געזאלצען און ניט אהן זאלץ; זי זאל אויך זעהן אז די כלים אין וועלכע זי גיט דעם מאן עסען, זאל זיין ריין און שעהן אום זי זאל ביים מאן האבען חן. זי זאל זיך מיט איהר מאן ניט קריגען. זי זאל זעהן אז דאס עסען יואס זי קאכט זאל אין צייט פערטיג ווערען, עס זאל איהם ניט אבהאלטען פון ביזנעס, און ווען זי זעהט אז דער מאן איז ברוגז, זאל זי איהם טרייסטען און חס ושלום ניט מצער זיין.

„מיט איין ווארט, שליסט דער של״ה זיינע אינסטראקשאנס צו פרויען, די פרוי זאל שטענדיג מיט איהר שכל אזוי פיהרען אלעס, אז זי זאל שלום האבען מיט איהר מאן, ווייל פון שלום קומט מזל און ברכה, און די שכינה רוהט וואו שלום איז. ווען דער

מאַן האָט אַ רוגז אויף איהר, זאָל זי איהם שווייגען, און זאָל איהם ניט מרגז זיין. זי זאָל איהם ניט פערשעהמען, און זאָל איהם ניט שילטען, ווייל די גמרא זאָגט, אז ווען אַ פרוי שילט דעם מאַן, קומט דער דלות אין הויז. זי זאָל אויך ניט פערשעהמען זיין משפחה, כאָטש זי ווייסט עפּעס אַ שאַנד אויף זיי.

„אונזערע חכמים זאָגען: אַ פרוי זאָל זיך אַזוי פיהרען, אַז ווען דער מאַן איז אין כעס, זאָל זי זעהן ווי ווייט מעגליך דער כעס זאָל איהם אַבגעהן; ווען ער איז אין אַ עת צרה, זאָל זי איהם טרייסטען; ווען זי האָט עפּעס אַ טרויערקייט זאָל זי עס פאַר'ן מאַן ניט ציינען; נור זי זאָל ווייזען אַ פרעהליך פּנים, און זאָל זיך תמיד פּוצען פאַר איהר מאַן מיט שמחה, מיט חן, מיט צניעות, און איהרע קליידער זאָלען תמיד זיין ריין. זי זאָל עהרליך האַלטען זיין פאָטער און זיין גאַנצע משפּחה, זיי מעגען אפילו זיין די ערגסטע מענשען אין דער וועלט".

ווי איהר זעהט פון דיעזע אינסטראַקשאַנס, וואָלטען זיך אפילו פרויען געקענט געפינען בעליידיגט פאַר וואָס מען הייסט עפּעס נור זיי זיין גוט און פרום? פאַר וואָס הייסט מען ניט די מענער, אַז זיי זאָלען אַביסעל איינהאַלטען זייערע מיילער? אַז זיי זאָלען פערשטעהן אַז די פרוי איז ריכטיג אַזאַ מענש ווי זיי, אַז זי קען אויך אַמאָל זיין אין כעס און אַ מען דאַרף אויך איהר אַמאָל אויסרעדען דאָס האַרץ און זי טרייסטען און ניט פער־שעהמען?

אָבער די אידישע פרוי האָט קיינמאָל ניט געקוקט אויף כבוד, און האָט אימער אָוועקגעוואָרפען איהר שטאָלץ, דאָרט וואו עס האָט זיך געהאַנדעלט אום אויפצוהאַלטען דאָס שטילע, ריינע און אַנשטענדיגע פאַמיליען־לעבען. זי האָט זיך אימער געטראַכט: „זאָל מיינס איבערגעהן, אַבי עס זאָל הערשען שלום און רוהע אין הויז!" און נור איהר צו דאַנקען, האָט דאָס אידישע פאַמיליען־

לעבען אזא גרויסע און אזא גוטען נאמען געקראגען אין דער גאנ־צער וועלט.

עס איז א פאקט וואס מיר אלע ווייסען, אז עס זיינען דא טויזענדע און טויזענדע אידישע פרויען, וועלכע מאטערען זיך אב זייער גאנצען לעבען מיט שלעכטע מענער, און קיינער ווייסט עס ניט, זיי ליידען נעבאך אין דער שטיל, און ווילען ניט ארויס־ברייגנען זייערע צרות אין דער עפענטליכקייט. מיט שווערע פער־ביטערטע הערצער ערפילען זיי טריי די אינסטראקשאנס וואס מע־נער האבען זיי געגעבען ווי צו זיין פיינע פרויען, און זיי זיינען טאקע פיינע פרויען; ערפילען ריכטיג אלע זייערע פליכטען און האלטען הייליג דאס פאמיליען־לעבען, וועהרענד זייערע מענער הויבען עס זאגאר ניט אן צו אנערקענען, און ווען זיי וואלטען חלילה געהאט אזעלכע פרויען, ווי זיי זיינען אליין, וואלט פון'ם שעהנעם און ריינעם אידישען פאמיליען־לעבען שוין לאנג קיין שריד ופליט ניט געבליבען. טראטץ דעם וואס די אלע געזעצע ווי צו פיהרען א פיינעם פאמיליען־לעבען זיינען געמאכט געווארען פון מענער.

די מענער זיינען גרויסע בעלנים אזעלכע געזעצע צו מאכען, אבער היטען די געזעצע — דאס טהוען די פרויען, און נור זיי האבען מיר צו פערדאנקען פאר דער שעהנער רעפיוטיישאן וואס מיר האבען איבעראל געקראגען, אלס א פאלק וואס האלט הויך די פאהן פון אנשטענדיגען און שעהנעם פאמיליען־לעבען!

א קאקעטקע איז א פרוי אהן א הארץ, וועלכע מאכט פאר א נאר א מאן וואס האט קיין קאפ.

ענאן.

א פעשעל קארטען איז דעם טייוועל'ס סידור.

פיינע.

אונדאנקבארע פרויען-ארבייט

מיינע קאלעגען, די מענער, בעשולדיגען מיך, אז איך בין א צו גרויסער פרויען־פריינד און אז איך פערטהיידיג זיי צופיעל.

איך נעהם גאר ניט אין אנבעטראכט, זאגען זיי, דאס וואס די מענער ארבייטען אזוי שווער און ביטער צו מפרנס זיין זייערע פאמיליען — דאס אליין, טענה'ן זיי, איז מעהר ווערטה פון אלע מעלות וואס פרויען בעזיצען. מעגען זיי אפילו זיין די פיינסטע און די בעסטע פרויען אין דער וועלט.

דערפון קען יעדער דענקענדער מענש ערשט ריכטיג בעגרייפען דעם טרויערדיגען צושטאנד פון דער פרוי.

ס'איז אמת, מענער ארבייטען צו מפרנס זיין זייערע פאמיליען. קיינער לייקענט עס ניט אב, און קיינער וויל ביי זיי דיעזען האנאר ניט אוועקנעהמען. ס'איז ניטא קיין אייציגע פרוי אין דער וועלט, וואס זאל עס ניט אנערקענען און זאל דערפאר איהר מאן ניט רעספעקטיר'ען.

אבער אום גאטעס ווילען, ארבייטען דען ניט די פרויען נאך שווערער ווי די מענער?!

די צרה איז וואס די ארבייט פון די פרויען איז א זעהר אונ־דאנקבארע ארבייט. זיי ארבייטען און ארבייטען און ס'איז ניטא אויף וואס צו קוקען, סיידען מען איז א דענקענדער מענש און מען מאכט דעם ריכטיגען סך הכל אונטער די שורות פון זייער ארבייט.

ס'איז דער מזל, אדער בעסער געזאגט, דער שלים־מזל, פון די פרויען צו פטר'ען זייערע טעג און זייערע כחות אויף קאכען

מאהלצייטען וואס ווערען אויפגעגעסען און פערגעסען אזוי שנעל ווי מען קאכט עס אב; צו קערען די פלארס, און ארבייט וואס מען מוז טהאן און איבערטהאן אלע מאל, כמעט יעדע שטונדע, און עס נעהמט קיינמאל קיין סוף; צו פערצירעווען זאקען און אננייהען לאטעס צו אלטע בגדים, וואס דא פיקסט מען און אויף אן אנדער פלאץ צורייסען זיי זיך ווידער אין א טאג ארום; צו וואשען קליינע פנים'לאך און צו קעמען קליינע קעפעלאך וואס ווערען אין פינף מינוט ארום ווידער שמוציג.

די פרויען קענען דאריבער אויף קיין זאך ניט אנצייגען מיט שטאלץ, אז דאס איז די פרוכט פון זייער ארבייט, ווי דאס קען טהאן דער שניידער, דער קארפענטער, אדער דער שרייבער — וואס קענען זאגען: „אט דא האט איהר דעם ראק, דעם טיש אדער דעם ארטיקעל, וואס מיר האבען געמאכט!“ פון זייער ארבייט בלייבט גאר ניט צו זעהן, און זיי קענען אפילו ניט האבען די פערגעניגען צו קלינגען אין זייערע פאקעטס מיט די פאר סענט וואס זיי האבען פערדיענט פאר זייערע שווערע און לאנגע שטונדען ארבייט.

פון אלע ארבייטער איז די פרוי די איינציגע אויף דער וועלט געבליבען, פון וועלכער מען ערווארטעט אז זי זאל ארבייטען און נאך דאנקען גאט פאר דעם וואס מען ערלויבט איהר צו ארבייטען פיר אזא בארד און לאזשי, ווי איהר לארד אין הערשער געפינט פיר פאסענד איהר צו געבען.

עס איז קיין וואונדער וואס פיעלע פרויען פערליערען זייער הארץ און קוראזש און זייער טעגליכע מאנאטאנע ארבייט עסט זיך זיי צו, ניט פיהלענדיג קיין ענטהוזיאזם און קיין אינטערעס אין אזא שווערע ארבייט וואס ווערט פון קיינעם ניט אנערקענט, און פאר וועלכער מען קריגט פון קיינעם קיין דאנק ניט.

עס זיינען דא זעהר פיעל מענער אזעלכע, וועלכע דענקען אז זיי מאכען גליקליך די וועלט און אז זיי זיינען גרויסע צדיקים דערמיט וואס זיי גיבען זייער ווייב עסען און א היים.

זיי ווייסען ניט, אדער זיי ווייסען יא און מאכען זיך ניט וויסענדיג, דיעזע „וואהלטהעטיגע" מענער, אז א דיענסט וואס טהוט קיין האלב ארבייט ניט ווי א ווייב, און וואס בעזיצט ניט אפילו קיין טויזענד חלק טרייהייט וואס א ווייב בעזיצט, קריגט זי אויך עסען און א היים און קריגט נאך א חוץ פון צוואנציג ביז דרייסיג דאלאר א מאנאט ווידזשעס פאר איהר ארבייט, וועהרענד דאס ווייב קריגט אפילו ניט קיין דאנק פאר איהר טרייע ארבייט וואס איז אימער מעהר ווערטה ווי די ארבייט פון א דיענסט.

עס איז שוין צייט אז דיעזע אלע מענער־חכמים, וואס געהען אימער ארום מיט א פענסיל אין האנד און טרייען צו בערעכענען וויפיעל זייער ווייב'ס עסען און קליידער איז ווערטה, זיי זאלען אויך פערשרייבען און בערעכענען וואס די פרוי טהוט פאר זיי, ערשט דאמאלס וועלען זיי זעהן און בעגרייפען אז ניט זיי טהוען א טובה דער ווייב דערמיט וואס זיי גיבען איהר עסען און א היים, נור אז דאס ווייב טהוט זיי א טובה דערמיט וואס זי איז זיי אן אייביגע געטרייע און איבערגעבענע דיענסט, וואס נעהמט ניט קיין ווידזשעס.

פערגעניגען איז צו דער פרוי, וואס די זון צו דער בלום. מיטעל־מעסיגקייט מאכט שעהן און ערפרישענד. צופיעל פער־וועלקט און פערדארבט.

קאלטאן.

אויב א מאן קאנטראלירט ניט זיינע ליידענשאפטען וועלען זיינע ליידענשאפטען איהם קאנטראלירען.

ד. [illegible]לי.

האנדלען מציאות

ווען איהר וועט ארומגעהן און מאכען א צענזוס אין די סטארס צו צעהלען די קאסטאמערס וואס קומען קויפען פערשיעדענע זאכען, וואס מען דארף האבען פיר׳ן הויז־געברויך, וועט איהר אויסגע־פינען, אז פון 75 ביז 80 פראצענט זיינען פרויען, און עס איז דאריבער וויכטיג פאר יעדער סטאר וואס וויל האבען ערפאלג אין ביזנעס, איינצופיהרען אזעלכע מעטאדען וואס זאלען די פרויען געפעהלען. ווייל פרויען קאסטאמערס זיינען גאנץ אנדערש פון מענער קאסטאמערס.

צו קענען אנהאלטען ערפאלגרייך א פרויען טרייד האט ניט צו טהאן אזוי פיעל מיט די ביזנעס דירעקט ווי מיט פערשטעהן די פסיכאלאגיע פון פרויען. א מאן קימערט זיך ניט ווען דער קלוירק געהט פערשמיערט און פערקאשערט די ארבעל, ווען ער שטעהט ביים קאונטער מיט א סיגאר אין מויל און בלאזט איהם דעם רויך גלייך אין פנים אריין. א מאן קלייבט אויס וואס ער זוכט צו קויפען, מאכט אלעס אזוי שנעל ווי מעגליך און נעהמט דעם פעקעל און אנטלויפט. עס הויבט איהם ניט אן צו אארען וואס און ווער דער קלוירק איז, ווי ער זעהט אויס, און ווי ער האט צו איהם גערעדט, ווי אזוי ער איז געשטאנען און ווי אזוי ער האט איהם די וואארע דערלאנגט. קוים נור האט דער קלוירק צו איהם גערעדט ווי א מענש אנשטענדיג, איז שוין אלעס גוט. און דער קאסטאמער געהט אוועק און פערגעסט באלד ווי דער קלוירק האט אויסגעזעהן אפילו.

מיט א פרוי איז שוין אבער די זאך גאנץ אנדערש. ווען א פרוי קויפט עפעס ווערט זי פערזענליך פעראינטערעסירט ניט בלויז

אין די ארטיקלען וואס זי קויפט, נור אויך אין די מענשען ביי וועמען זי קויפט די ארטיקלען. זיי וועט אריינגעהן אין א סטאר קויפען, אדער זי וועט אויסמיידען א סטאר און וועט אהין ניט אריינגעהן, אויסשליסליך דערפאר איבער דער ארט און ווייזע ווי די קלוירקס בעהאנדלען זי. ווי זיי קוקען אויף איהר, ווי זיי דער־לאנגען איהר די ארטיקלען וואס זי פאדערט, ווי זיי רעדען מיט איהר. ווען זי גלייכט די בעהאנדלונג וועט זי אריינגעהן אין סטאר, מעגען די מציאות זיין ניט אזוי גרויס. און ווען זי גלייכט ניט די בעהאנדלונג, וועט זי אין סטאר ניט אריינגעהן ווען זי זאל אפילו וויסען אז זי וועט דארט קריגען די וואארע אומזיסט.

א פרוי וועט אייך קיינמאל ניט פערצייהען ווען איהר וועט זי לאזען לאנג שטעהן און וועט ביי איהר ניט פרעגען העפליך וואס זי וויל, אדער ווען איהר וועט איהר צייגען א מינע אז איהר קערט ניט פאר איהר. ווען א פרוי געהט האנדלען זאכען וואס זי דארף האבען פאר זיך אדער פאר איהר מאן און קינדער, פיהלט זי אז זי ערפיהלט א גרויסע פעראנטווארטליכע פליכט. זי געהט ספענדען דאס געלד אויף וועלכען איהר מאן ארבייט שווער און ביטער, און זי וויל דאריבער זעהר ניט ליידען ווען דער קלוירק איילט זיך און וויל זי שנעל אב'פטר'ען. איהר מוזט אויסהערען מיט געדולד אלעס וואס זי רעדט צו אייך, און מוזט אויף אלעס ענטפערען העפליך און איהר דייטליך און אויפמערקזאם ערקלעהרען אלעס וואס זי וויל וויסען.

ווען איהר וועט ווייזען מיט'ן פינגער וואו די וואארע ליעגט זי זאל אליין נעהמען און קוקען, און איהר וועט דערוויייל אטענדען צו אנדערע קאסטאמערס, וועט איהר דיזע פרוי שוין קיינמאל מעהר אין אייער סטאר ניט זעהן.

א פרוי גלייכט אז ווען זי פרעגט אויף א געוויסען ארטיקעל, זאלט איהר זיך אליין מטריח זיין נעהמען די וואארע אין האנד און איהר צייגען און איהר זאלט דאבּיי רעדען אביסעל, ערקלערען וואס פאר א סארט וואארע דאס איז, פון וואס עס ווערט געמאכט און ווי אזוי, אום זי זאל עס נאכהער קענען דערצעהלען אין דער

היים און צו איהרע בעקאנטע. אויב איהר ווילט זי זאל זיין אייערע א שטענדיגע קאסטאמערין מוזט איהר מיט איהר זיין זעהר געדול־דיג און פריינדליך.

צו דער זעלבער צייט טארט איהר מיט איהר ניט זיין צו פאַ־מיליארנע, צו אינטים. איך וויים א פאקט פון מיינעם א בע־קאנטען, וועלכער האט געהאט א סטאר פון פיינע גראָסערים. צווישען זיינע פיעלע קאסטאמערם האט זיך געפינען איינע, א גאנץ רייכע דאמע, ביי וועלכער ער פלעגט לייזען זעהר פיעל געלד. זי איז געווען א רעגעלע קאסטאמער און פלעגט אריינקומען אין סטאר יעדען טאג. נאטירליך איז ער געווען צו איהר זעהר פריינד־ליך און העפליך, איינמאל אין א זומער פריהמארגען איז זי אריינ־געקומען אין סטאר און ער האט עפעס געמאכט א וויציגע בע־מערקונג וועגען איהר ראפער וואס זי האט געטראגען, אַז און פאר זיך איז עס געווען א גאנץ אונשולדיגער וויץ, אבער זי האט זיך דערפון געפונען בעליידיגט און מעהר איז זי צו איהם אין סטאר ניט אריינגעקומען. ער האט פראבירט געהן צו איהר אהיים, ער האט אנגעווענדעט פערשיעדענע וועגען און מיטעל זיך צו פערענט־פערען, אבער עס האט ניט געהאלפען, ער האט זי פיר אימער פערלארען אלס קאסטאמער. א פרוי אלס א כלל איז זעהר לייכט צו מאכען ברוגז און זעהר שווער צום איבערבעטען. דאס איבער־בעטען מאכט זי נאך פיהלען מעהר דערוויטערט פון אייך, ווייל וואס מעהר איהר רעדט דאריבער מעהר בעקומט עס דעם כאראק־טער פון א סקאנדאל, און עס ווערט נאך ערגער, דאן שעהמט זי זיך שוין איינפאך מיט אייך צו בעגעגענען.

אם מעהרסטען גלייכט א פרוי ראיעלע בעהאנדלונג און עט־וואס, אבער ניט צופיעל חנופה. די חנופה דארף קומען אויף א דעליקאטנע אופן דורך צייגען אויפמערקזאמקייט און העפליכקייט צו איהר.

מען מוז אויך קיינמאל ניט פערגעסען אז די דורכשניטליכע פרוי ווען זי קומט עפעס קויפען, זוכט זי אימער א מציאה. דאס ליגט שוין אין נאטור פון יעדען מענשען, אפילו פון מענער אויך

צו וועלען קריגען עטוואס פאר גארניט. נור ביי פרויען הערשט נאך דיזע נייגונג פיעל שטארקער ווי ביי מענער. דער סוחר וואס האט צו טהאן אם מעהרסטען מיט פרויען קאסטאמערס, קען נור ערווארטען צו טהאן גוטע ביזנעס פון בארגיין סיילס.

נאטירליך קען די פרוי ניט זיין קיין ריכטיגער מבין אויף וואארע צו וויסען גענוי יעדען ארטיקעל וואס זי קויפט, וויפיעל עס איז ווערטה און אויף ווי ווייט די מציאה איז גרויס. די מעהר־סטע פרויען גלויבען דעם סטארקיפער אויף נאמנות. ווען איינער אדווערטייזט, אז ער פערקויפט געוויסע ארטיקלען וואס האבען פריהער געקאסט צו דריי דאלאר פאר איין דאלאר, גלויבען זיי קויפען די מציאה. אבער אם ענדע קען מען די פרויען ניט אבנארען. ווייל זיי האבען א גוטען זכרון. זיי געדענקען און פערגעסען קיינ־מאל ניט די פרייזען וואס זיי האבען פאר די זעלבע ארטיקלען געצאהלט מיט א יאהר און זאגאר מיט פינף און צעהן יאהר צוריק.

אם מעהרסטען וועט אייך א פרוי קיינמאל ניט פערצייהען ווען זי ווערט געוואר, אז איהר האט פאר איין ארטיקעל גענומען ביי איהר טהייערער און ביי א צווייטער פרוי ביליגער. ווען א פרוי דערוואוסט זיך פון אזא זאך, ווערט זי אייך א דם שונא און וועט שוין קיינמאל אייער שוועל ניט בעטרעטען.

איהר זאלט קיינמאל ניט טרייען איינצורעדען א פרוי זי זאל קויפען דאס וואס איהר פערשטעהט אין איהר בליק אז זי גלייכט ניט. זי וועט אייך פיעלייכט ניט זידלען דערפאר, אבער אין הארי־צען ווערט זי זעהר בייז דערפאר. עס קומט ביי איהר אויס אז איהר האלט זי פאר א נאר, וואס האט אליין גאר קיין שכל ניט, און דאס וויל זי ניט ליידען.

ווען איהר רעדט איבער א פרוי זי זאל קויפען דאס וואס איהר ווילט, ניט וואס זי גלייכט, וועט דער סוף זיין אז זי וועט עס אייך ברענגען צוריק, און ניט נור וועט איהר האבען טראבעל, נור איהר קענט שוין זיין זיכער אז איהר פערליערט א קאסטאמער פיר אימער.

מען דארף זיין זעהר פארזיכטיג ביים אדווערטייזען וואארע וואס ווערט געניצט נור פון פרויען. איבערהויפט מוז מען וויסען

װי אזעלכע אדװערטײזמענטס צוזאמענשטעלען. אײן װארט קען אמאל קאליע מאכען דעם גאנצען אדװערטײזמענט, און װיעדער קען אײן װארט ברענגען דעם גרעסטען טרײד. איהר מוזט אין אײערע אדװערטײזמענטס זײן צו די פרױען אזוי העפליך װי איהר זײנט צו זײ װען זײ קומען צו אײך אין סטאר.

װען איהר װעט שרײבען, צום בײשפּיעל, „נאראנים זײנען די פרױען" װאס קומען ניט קױפען אײערע מציאות װאס איהר אפערט זײ, װעלען זײ ניט קומען, איהר מעגט האבען די גרעסטע מציאות. פרױען גלײכען טאקע מציאות אבער זײ װילען ניט הערען קײן שלעכטע װערטער. זײ װעט בעסער געפעלען װען איהר װעט אנשטאט דעם שרײבען „קלוגע פרױען" קומען פון ארבע פנות ניו יארק צו קױפען אײערע מציאות.

אמאל האט אײנער אדװערטײזט אז ער האט א פּראכטפאלען פּוידער צום געזיכט װאס מאכט אלטע פרױען אױסזעהען יונג. און ער האט זיך מיט'ן פּוידער געהאלטען יאהרען לאנג. קײן אײנציגע פרוי איז ניט אריינגעקומען אפילו פרעגען אויף'ן יונג-מאכענדען פּוידער, ביז א צװײטער האט איבערגענומען די ביזנעס, און האט אדװערטײזט אז ער האט א פּראכטפאלען פּוידער װאס מאכט יונגע פרױען אױסזעהען נאך פיעל יונגער און שעהנע נאך פיעל שעהנער, און דיעזע פּוידער װערט נאך ביז היינטיגען טאג געכאפּט װי מצה װאסער.

און עס איז ניט מעהר װי נאטירליך! װאס פאר א פרוי װעט עס קומען פרעגען פיר אן ארטיקעל, װאס רעקאמענדירט זי גלײך אלס א העסליכע אלטע פרוי?

אלע פרױען זײנען יונג, און אלע פרױען זײנען שעהן, און איהר װעט ניט געפינען אײן פרוי פון צעהן טױזענד װאס זאל צו אײך קומען זיך פארשטעלען אז זי איז מיאוס און אלט, סײדען זי קומט בײ אײך בעטען א נדבה, אדער זי קומט אײך בעטען איהר זאלט זי אריינגעבען אין מושב זקנים.

ע נ ד ע

עס איז נור וואס ערשיענען

—:— א פּראַקטפאָלער בוך —:—

תורה צו גאָט און צו לייט

— פון —

:־: :־: חיים מאליץ :־: :־:

דיזעס בוך — תורה צו גאָט און צו לייט — איז א רעפערענס־בוך פאַר אידען, וועלכע קומען אַפט רעדען פאַר א פּובליקום.

ס'איז א בוך, וואַס וועט זיין אַן אונערשעפּליכע קוועלע און וועט ברענגען זעהר גרויסע נוצען צו רבנים, וועלכע רעדען אין די שולען; צו פּרעזידענטען פון לאָד־זשען און סאָסייעטיס, וועלכע דאַרפען פון צייט צו צייט אַדרעסירען זייערע פערזאַמלונגען, און צו יעדען אינטעלע־גענטען מאַן אָדער פרוי, וואַס האָט אָפט פערשיעדענע געזעלשאַפטליכע אַסיפות צו אַטענדען, ביי וועלכע די עטיקעטע פאָדערט צו האַלטען אַ רעדע, און עס זאָל זיין, ווי מ'זאָגט, וידבר—גערעדט—עס זאָל זיין וואָס צו הערען.

דיזעס בוך וועט פאַר אייך אויסשניידען אַ וועג, איהר זאָלט קענען האַלטען פערשיעדענע רעדעס ביי יעדער גע־לעגענהייט אויף אַזאַ אַרט און וויייזע, אַז אַלעס וואָס איהר וועט זאָגען, וועט זיין דורכגעוועבט מיט די גאָלדענע פעדים פון תורה, חכמה און וויץ.

פּרייז $1.50

צו בעקומען ביי'ם פערפאַסער

Chas. Malitz, 285 Hewes St., Brooklyn, N. Y.

☞ מוכרי ספרים און האָלסיילער זאָלען זיך ווענ־דען צום פּאָבלישער, אבא קאַצענעלענבויגען, 187 דיוויזשאָן סטריט, ניויאָרק.

סובסקרייבערס.

א.

דזשייקאב אבראמאוויץ, דיטראיט, מיש.
מרס. אלטערמאן, אטלאנטא, גא.
אסתר אקערהאלט, פאססייק, נ. דזש.
מרס. ל. אדלער, אמאהא, נעב.
מרס. ל. ס. אסטאשינסקי, נוארק, נ. דזש.
י. ה. אייזענבערג, ניו יארק.
פעני ארלאוו, ברוקלין.

ב.

יאזעף באראנדעס, ניו יארק.
הרב א. מ. באסס, ברוקלין.
שמואל באקאל, ניו יארק.
מלך ברייטבארד, ניו יארק.
מר. היימאן בראון, ברוקלין.
ה. באקסער, וויטשיטא קענזעס.
שמואל בראון, ברוקלין.
מר. ס. בוקאטמאן, ניו יארק.
לואיס בראטקין, ניו לאנדאן, קאל.
מרס. פעני בעלזער, האמטינד, אינד.
ת. בלאך, ברוקלין.
מרס. מאקס בלומענפעלד, בראנקס.
מאקס בלאך, אללענטאון, פא.
א. בוקאפסקי, סאן פראנציסקא.
פרענק בראון, קראום, נ. דזש.
יעקב בראון, קראום נ. דזש.

סובסקרייבערס.

ג.

גאסי גוריאן, ברוקלין.
רבקה גאנצער, ראהוועי, נ. דזש.
דוב גיבור, יאנגסטאון, אהייא.
טיננע גלאגאס, מעריאן, אינד.
הרב מאיר גאראדייסקי, בראנקס.
ב. געלבער, בראנקס.
י. גאלדבערג, ברוקלין.
א. גארדאן, ניו לאנדאן, קאנ.
ע. גודמאן, סאן פראנציסקא, קאל.
וו. ר. גרינבערג, סיאטעל, וואש.
אייזיק גאלדמאן, בראנקס.
מרס. מערי גרינבערג, פילאדעלפיא.
לאיער ל. ס. גאטליעב, וואשינגטאן, די. סי.
דזש. ב. געלפמאן, אייאלא, קענז.
מרס. ע. גאטטפריעד, ניו יארק.

ד.

מרס. פאולינע דאלינסקי, ניו יארק.
מרס. חנה גאלדע דיסקינד, ברוקלין.
מרס. ברכה דייוויס פילאדעלפיא.
מרס. סאפיע רודער, מינעאפאלים, מיננ.

ה.

אסתר גאלדע העשקאוויץ, ברוקלין.
קלארא הורוויץ, ניו יארק.
מרס. דארא היים, ניו הייווען, קאנ.
לינא הורוויץ, ברוקלין.
דזשייקאב העריסאן, קוני איילענד.
רעוו. א. האלענדער, דוקיין, פא.
מרס. ברכה פיימאן, ניו יארק.

סובסקרייבערס.

מרס. האפמאן, היבערניע, ניו דזשוירזי.
מאיר הארוויטץ, פילאדעלפיא, פא.
דן הערמאנסאן, האו, נעבראסקא.
דזש. הילמאן, אטלאנטא, גא.
מרס. מ. הארן, גרין אייל, מינג.

ו.

דזשאו ווילסאן, שיקאגא.
אייב ווייל דשטיין, אוקארא, נ. דזש.
מרס. רבקה וואלאד, קליוולאנד, אהייא.
דר. וויליאם ג. וואהלפאהרט, ניו יארק.
מרס. קיטי ווערבימסקי, מאטטאפאן, מאסס.
דבורה וואסערצאג, באסטאן, מאסס.

ז.

מרס. זעליגסאן, יאנגסטאון, אהייא.
מאקס זייעץ, מערידען, קאנ.
מאררים זעליקאוויטץ, פילאדעלפיא.
רעוו. ס. זיידמאן, ניו יארק.

ט.

הרבנית אשת הצ׳ ר׳ דוד מרדכי טווערסקי, ניו יארק.
מרס. ראזא טרייסטער, שיקאגא.
מרס. היימאן טארשיס, ניו יארק.
א. טאפליץ, דענטאן, טעקסעס.
חיים טרעשו, הייאטסוויל, מד.
אברהם טאר, מארינער הארבאר, ניו יארק.
מרס. ר. טשעטקין, וואנאנדרא, מאנט.

י.

מר. און מרס. יעקב און לינא יאוויטץ, בראנקס.

סובסקרייבערס.

מרס. ס. ישמח, סקענעקטעדי, נ. י.

ל.

רובין ליוואי, ווילמינגטאן, דעל.
רובין לעסעלבוים, ניו יארק.
אננא לעף, ניו יארק.
מרס. אננא ליוואי, ברוקלין.
ה. ליוואי, סט. פאול, מינ.
ה. לאטטער, ניו ארליענס, לא.
חיים אליהו הלוי לעווין, מאונט פלעזענט, פא.
ס. ליכטמאן, באפאלא, נ. י.
מרס. ראזע לידסקי, ניו יארק.
יעטטא לעווין, העקענסעק, נ. דזש.
פיליפ ליוויע, סטענטאן, ווא.
מר. און מרס. א. ליפשיץ, סקענעקטעדי, נ. י.

מ.

הרב ר' חיים יחזקאל מאזעסאן, בראנזוויל.
מרס. דוד מאליץ, קליוולאנד, א.
מרס. מאלבין, מאונט קלעמענס, מיש.
רעוו. מילער, גארטינסבורג, וו. ווא.
מרס. י. מאטץ, ברוקלין.
מאקס מאנישעוויטץ, סינסינעטי, א.
מרס. מ. מאנסקי, נוארק, נ. דזש.
פענני מענדעלסאן, קאקאמא, אינד.
מרס. ראזא מעלטצער, ניו יארק.
דזשעני מאזור, אגאסטא, גא.
מאגעס בראס., העריסבורג, פא.
פייגא מאזער, לינקאלן, נעב.

נ.

מ. ניומאן, נוארק, נ. דזש.

סובסקריבערס.

ס.

סערע סאסנאווסקי, דולוטה, מינעסאטא.
מ. סוויטאוו, לואיסוויל, קענטאקי.
ה. סמיטה, ניו בראנזוויק, נ. דזש.
סטאוויסקי בראדערס, ניו יארק.
סעמיועל סאנדלער, טשעלסי, מאסס.
איזידאר סיגעל, קעמפ אפטאן, לאנג איילענד.
מרס. רבקה סאקאלאוו, ברוקלין.
ב. סאלעמאן, טשארלסטאן, ס. ק.

ע.

מאררים ענגעלמאן, ניו יארק.
ה. עפשטיין, לינקאלן נעבראסקא.
ב. ערענסט, ניו יארק.

פּ.

מרס. אייזיק מ. פּאלסקי, לייק פּלאסיד, נ. י.
קונע מלכה בת ר׳ יוסף פּרעסמאן, ספּרינגפיעלד, מאסס.
איזידאר פּאסטער, ניו לאנדאן, קאנ.

פ.

מרס. הערי פישעל, ניו יארק.
מרס. ס. פיינמאן, ניו יארק.
רייטשעל פרידמאן, קראום, נ. דזש.
שרה רבקה פריעדמאן, ברוקלין.
מרס. רבקה פריעדמאן, בראנקס.
ב. פייער, הארטפארד, קאנ.
מרס. סאפיע פעלדמאן, פלעטבוש, ניו יארק.
דייוויד פריעדמאן, באסטאן, מאסס.
מרס. מאקס פעלל, ליואיס, דעלווער.
מרס. ה. ס. פיינבערג, לאס אנדזשעלעס, קאל.

סובסקרייבערס

דוד פינעפטער, באלטימאר, מ. ד.

צ.

איזידאר צוקערקאנדעל, בראנקס.
אליהו צירינג, ניו יארק.
י. צוקערשטיין, הארסאן, נ. י.

ק.

רעוו. ל. קאפלאן, ספאקעין, וואש.
ס. קאפלאן, קליוולאנד, אהייא.
שרה פייגא קאהאלאווסקי, קליוולאנד, א.
שרה דבורה קאמענעסקי, וויטשיטא, קענזעס.
סערע קאנארעק, ראהוועי, נ. דזש.
מאקס קרישלער, ברוקלין.
מרס. לואיס קארפ, ניו יארק.
מרס. העלען קרוגער, ניו יארק.
מרס. גערטראוד קעיז, וואוסטער, מאסס.
אברהם קליין, שיקאגא, איל.
דזש. קויפמאן, סאן אנטאניא, טעקסעס.
ס. קאלטמאן, אהמאהא, נעב.
מרס. ארטהור קאנקארס, ניו יארק.
מרס. גאססי קאהן, ניו יארק.
ראזע קערנער, בירמינגהאם, אלאבילמא.
ג. קאהען, ניו יארק.
מרס. ראזע קראנגאלד, ברוקלין.
העררים קאהען, טשיקאפי פאללס, מאסס.

ר.

מרס. נייטען ראדוצקי, ברוקלין.
מרס. ענניע ראזען, ברוקלין.
דזשייקאב ראבינאוויץ, ניו יארק.

סובסקרייבערס

שלמה ראזענשטיין, באסטאן, מאסס.
מרס. ס. ראזען, הארסאן, פא.
בנימין ראזענצווייג, עמיטיוויל, לאנג איילענד.
מרס. רובין, ניו יארק.
מרס. גיטעל ראבינסאן, ניו הייווען, קאנ.
דזשייקאב ראבינאוויץ, פילאדעלפיא.
מר. דזש. ראזענבוים, סענטער וויל, אייאווא.

ש.

סאל. שטיינבערג, שיקאגא, איל.
מרס. מאקס שפיעגעל, ברוקלין.
מרס. מאקס שטאלמאן, בראנקס.
יאזעף שלייפער, בראנקס.
הרב ס. שאפירא, ספרינגפיעלד, א.
קלארא שאקאוויטץ, לאורענס, מאסס.
אהרן שווארץ, ברוקלין.
מרס. אסתר שפרה שאפיר, נוארק, נ. דזש.
מרס. ג. שטארק, נוארק, נ. דזש.
מאררים שעהנהויט, ניו יארק.

סובסקרייבערס

אלבערט קרוגער'ס פרענדס אסאָסיאיישאָן אָוו ניו יארק.

רעוו. נ. אייבראמסאן, 287 הענרי סט.
מ. ארענסאן, 187 איסט בראָדוויי.
מ. אבראמאוויץ, 900 ריווערסייד דרייוו
דר. מ. ברעסלער, 278 איסט בראָדוויי.
נ. בראנדוויין, 364 יוהס סט., ברוקלין.
ה. גינזבערג, 203 איסט בראָדוויי.
ל. דיימאנד, 43 דעלענסי סט.
העניך וואָלבערג, 187 איסט בראָדוויי.
לואיס זינגער, 8 ראָטגערס סטריט.
פיליפּ טורבערג, 206 סענטער סטריט.
מ. טאנטשוק, 513 סאָטער עוו. ברוקלין.
נ. יאָמין, 203 איסט בראָדוויי.
ב. לוסקין, 249 ס. 2-טע סטריט, ברוקלין.
דזש. לוריע, 37 מאָנטגאָמרי סטריט.
רעוו. צבי הירש מאסליאנסקי, 171 טיילאָר סט., ברוקלין.
ה. מאננעס, 74 הארט סטריט ברוקלין.
א. מאשביר, 1366 ליימאן פּליים, בראָנקס.
דר. ס. מאָזעסאן, 1744 אנטאָני עוועניו.
רעוו. ב. סיגעל, 255 איסט בראָדוויי.
ס. סיגעל, 255 איסט בראָדוויי.
ה. סקלאמבערג, 1809 זיבעטע עוועניו.
דזש. סוּוערנאווסקי, 1153 סט. דזשאהנס פּליים, ברוקלין.
ה. עטקין, 91 הופער סטריט, ברוקלין.
נ. פריגאזשי, 203 איסט בראָדוויי.
ד. פּאדאלסקי, 17 עוועניו איי.
ב. פערט'ג, 78 סעקאנד סטריט.
מ. מ. פיינשטיין, 602 עשפארד סטריט, ברוקלין.
ח. פריער, 2063 סעקאנד עוועניו.
ח. צוקערמאן, 822 ראדני סטריט, ברוקלין.

סובסקרייבערס

ס. צוקערמאן, 35 מאנטגאמרי סטריט.
אלבערט קרוגער, 302 איסט בראדוויי.
לואיס קרוגער, 302 איסט בראדוויי.
וו. קארנים, 29 לודלאוו סטריט.
ב. קאהען, 253 מעדיסאן סטריט.
מ. קאהען, 28 עוועניו „איי“
הרב ר' משה צבי ראבינאוויץ, 391 פענסילוו. עוו., ברוקלין
דזש. ראבינאוויץ, 602 וועסט 157־טע סטריט.
ה. שאכעט, 78 צווייטע סטריט.
מ. שאפירא, 337 לאפייעט עוועניו, ברוקלין.
ה. שאטרין, 214 איסט 5־טע סטריט.
דר. דזש. שניטצער, 216 איסט בראדוויי.
טשארלס מארקס, 750 דריגס עוו., ברוקלין.